# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 61-62 - Autumn - Winter 1970-1971 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4888z08n

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 61-62(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1971

### Copyright Information
Copyright 1971 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטליאָר שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

צום סיום פון 44-טן זמן און אָנהייב פון 45-טן זמן
פון דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב

**62-61**

25-טער יאָרגאַנג • נומער 61-62
האַרבסט-ווינטער, תשל״א • 1970-1971

אַרויסגעגעבן פון:
לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

# אינהאַלט


רבקה ס. גאָלאָמב: וועגן אַ דיסקוסיע — פאַר וואָס אַ ייד — 3
משה שקליאַר: לידער — 6
ישעיה זאַנדבערג: ואתחנן — 8
א. גאָלאָמב: קליינע נאָטיצן וועגן גרויסע פּראָבלעמען — 8
ד"ר מנחם נאור: תנכישע צייט־באַשטימונגען — 12
יצחק קאָלער: די אייגנאַרטיקייט פון יידישן הומאָר — 16
סאָניע אַמאַן: איך וויל זיין פריי (ליד) — 21
אריה פּאָזי: קבלה און חסידות — 22
א. לוריא: אין גאָלד פון בלעטער־פאַל (לידער) — 32
י. א. אבודין: מאַריאַ פון סעוויל (דערציילונג) — 33
יעקב שמואל טויבעס: רעוואָלוציע — אויף צוריק! — 42

## ביכער און שרייבערס

ש. בריזמאַן: חסד לאברהם — 47
ז. בונין: פּינטשע בערמאַנס ניי בוך לידער — 51
פּינטשע בערמאַן: לידער — 51
ישעיהו שפּיגל: חיים לייב פוקס און זיין ליד — 55
שמואל סיגל: תפילהדיקע געזאַנגען — 60
רבקה קאָפּע — לידער — 60

## קולטור סביבות אין ל. א.

זלמן שלאָסער: דער פאַרנעם פון יידישקייט־סביבה — 61
שמואל וויס: דריי קאָנפערענצן — 66
העניך בערמאַן: צוויי שטודיר־קרייזן אין ל. א. — 70

## אונדזערע אבידות

ש. וויס: הערי לאַנג ז"ל — 74
א. ר.: שלמה האָכבערג ז"ל — 76
זאב טאַלעס: ר' משה לייבמאַן און ר' חיים ראָטבלאַט ז"ל — 78
יצחק רייזמאַן: פּראָפ' ב. מאַרק — 80

## ל. א. יידישער קולטור־קלוב

זלמן זילבערצוויג: אַ פרוכפּעריקער זמן מיט אַ גרויסן פּראָבלעם — 84
שאול אדעס: רשימה פון ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן — 86
שלמה צוקערמאַן: מאָריס ווינאַרסקי ע"ה — 87
אליהו טענענהאָלץ: 45טער זמן פון קולטור־קלוב — 88
אַלעקס ראָבין: צום נייעם זמן פונעם קולטור־קלוב — 90
שמואל לעווין: פינאַנציעלער באַריכט — 92



**HESHBON**

*QUARTERLY LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

S. BUNYAN, Secretary

7327 El Manor Ave. • Los Angeles, Calif. 90045 • Tel. 776-1956

**Subscripton price: $5.00 per year**

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100



אריה פּאָזי, רעדאַקטאָר
שמואל וויס,
מיטרעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
אַלעקס ראָבין,
שמואל סיגל,
קאָנסולטאַנטן

25טער יאָרגאַנג, נומ. 61־62 • האַרבסט־ווינטער תשל"א • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


רבקה סאַוויטש־גאָלאָמב

## וועגן אַ דיסקוסיע — פאַר וואָס אַ ייד?

אין „פאָלק און ציון" (2־3) האָב איך געלייענט שמועסן פון יונגע קיבוצניקעס וועגן זייער יידישן און מענטשלעכן מהות. אַזוי איז טאַקע דער נאָמען פון אַרטיקל: „יונגע קיבוצניקעס אין קאָנפראָנטאַציע מיט זייער יידישן און מענטשלעכן מהות." שוין דער נאָמען אַליין האָט אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. וואָלט עס מעגלעך געווען אַזאַ נאָמען פון אַן אַרטיקל ביי עפּעס אַן אַנדער פאָלק? למשל אַ שמועס פון יונגע פראַנצויזן וועגן זייער פראַנצויזישן און מענטשלעכן מהות? אָדער אַ שמועס פון יונגע טערקן וועגן זייער טערקישן און מענטשלעכן מהות? קען מען דען שפּאַלטן, למשל, אַן ענגלענדער, אַ פראַנצויז, אין צוויי טיילן און זוכן אין אים דעם ענגלישן און מענטשלעכן מהות?

ווען אַ פראַנצויז, אַ טערק, אַ גריך, אָדער עמיץ אַנדערש וואָס איז ניט קיין ייד זעט אַזאַ משונהדיקע טעמע וואָלט ער אָדער געלאַכט און עס אָנגענומען פאַר אַ וויץ, אָדער געזאָגט, אַז ס'איז ווילד און אומנאָרמאַל. ווי קען דען זיין אַנדערש? ווי קען זיך עס לייגן אויפן שכל פון אַ נאָרמאַלן מענטשן, אַז מען קען אָפּטיילן אין יחיד באַזונדער דאָס פאָלקישע און באַזונדער דאָס מענטשלעכע? אַל דאָס פאָלקישע איז במילא כולל אַל דאָס מענטשלעכע. צו וואָס פאַר אַ פאָלק עמיץ זאָל זיין אָנגעהעריק איז ער במילא אַ מענטש. מיינט עס, אַז עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן יידישן און מענטשלעכן מהות. מען קען דיסקוטירן וועגן יידישן מהות וועט עס שוין במילא אויך דעקן דעם מענטשלעכן.

לאָמיר איצט איבערגיין צום שמועס פון די קיבוצניקעס, ציטירן געוויסע געדאַנקען און אַנאַליזירן די פּראָבלעמען וואָס מאַטערן זיי. ברוך, אַ יונגער בחור פון קיבוץ המעפּיל, האָט דאָס וואָרט: „איך פרעג זיך צי בין איך אַ ייד? די פראַגע מאַטערט מיך שטאַרק. צו אונדזער גליק, זיינען מיר געבוירן געוואָרן אין אַ קיבוץ און אַריינגעפאַלן אין אַ געוויסער לאַגע וואָס איז פאַר אונדז ניט נאָרמאַל. מען האָט אונדז געמאָלדן: — חבר, דו ביסט אַ ייד — איך בין אַ ייד, אָבער וואָס איז אַזוינס אַ ייד, צו וואָס דאַרף מען זיין אַ ייד? — דערויף האָב איך קיין מאָל ניט באַקומען קיין ענטפער..."

ווילט זיך פרעגן ברוכן און נאָך אַזוינע ווי ער: וועט עמיצן ערגעץ־ווו אין דער וועלט, וואָס איז אָנגעהעריק צו עפּעס אַ פאָלק, למשל, אַ כינעזער, יאַפּאַנעזער, רוס, טערק, אָדער טאָטער, קומען אויפן געדאַנק אַזאַ אומנאָרמאַלע שאלה: „פאַר־וואָס בין איך אַ כינעזער? אָדער פאַר־וואָס בין איך אַ שוועד אָדער אַ גריך? ביי נאָרמאַלע פעלקער איז מען דאָס וואָס מען איז. פונקט ווי קיינער קען זיך ניט אויסקלייבן זיינע עלטערן, אַזוי קען ער ניט אויסקלייבן דאָס פאָלק צו וועלכן ער וויל באַלאַנגען.

ס'איז פונקט ווי עמיץ זאָל דיסקוטירן פאַרוואָס זיינע אויגן זיינען גרויע און ניט קיין בלויע, אָדער פאַרוואָס אַ צווייטנס אויערן זיינען גרויסע און ניט קיין קליינע. דאָס זיינען דאָך אַלץ זאַכן וואָס מען קען זיך ניט אויסקלייבן, און מען קען זיי ניט ענדערן.

איך פאַרשטיי נאָך ווען אַ גוי וויל זיך מגייר זיין, איז נאַטירלעך ער זאָל זיך שטעלן די פראַגע: „פאַרוואָס וויל איך ווערן אַ ייד?" אָבער אַ יידישער בחור, ווי ברוך, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי יידישע טאַטע־מאַמע און נאָך אין ישראל און דערצו דווקא אין אַ קיבוץ, זאָל זיך היינט פילפולן פאַרוואָס ער איז אַ ייד?

ברוך, ווי ער אַליין דערציילט, האָט דאָך פאַרבראַכט אין קיבוץ זיין קינדהייט און יוגנט. ער און זיינע חברים האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך די היימיש־יידישע אַטמאָספער פון קיבוץ. דאָרטן איז געפורעמט געוואָרן זייער כאַראַקטער און דאָרט האָבן זיי געלעבט ביזן מיליטער־עלטער — אויב נאָך דעם אַלעמען זוכן זיי ערשט זייער אידענטישקייט און ברוך גיט אַ זאָג: „מען האָט אונדז געמאָלדן: — חבר, דו ביסט אַ ייד — אָבער וואָס איז אַזוינס אַ ייד? צו וואָס דאַרף מען זיין אַ ייד? דערויף האָב איך קיין מאָל ניט באַקומען קיין ענטפער..."

אויב צו אַכצן יאָר, אין ישראל, אין אַ קיבוץ, נייטיקט מען זיך ערשט איצט אויף אַן ענטפער — זיינען מיר בפירוש עפּעס ניט אין אָרדענונג, מען קען זאָגן כמעט אַן אומנאָרמאַל פאָלק. (זאָלן מיר מיינע לייענער מוחל זיין פאַר מיין האַמעטנעם אויסדרוק).

מיר קענען אָננעמען אונדזערע אַלע טראַדיציעס, מיר קענען אָפּלייקענען אַ טייל, אָבער וואָס מיר זאָלן ניט טאָן וועלן מיר אַלע מאָל זיין יידן. אָט ווי עס זינגט זיך אין אַ יידיש לידל: „וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר." ווייל מיר זיינען געבונדן צו קאָנקרעטע היסטאָריש־דעטערמינירטע סיטואַציעס.

אויב איך בין געבוירן געוואָרן ביי יידישע טאַטע־מאַמע בין איך במילא יידיש, במילא באַלאַנג איך און אידענטיפיציר מיך מיט מיין פאָלק און במילא איז מיר אַלץ וואָס איז מיינס נענטער און טייערער, טאַקע צוליב דעם וואָס ס'איז מיינס. מיין יעדער קער און ריר, יעדע באַוועגונג פון מיינע הענט איז טיפּיש יידיש. מיין יידישקייט אין מיר איז עלטער פון מיר. ס'איז געווען פאַר מיר און וועט בלייבן נאָך מיר. אַ חוץ מיין גענעטישער ירושה האָב איך דאָך אויך אין זיך מיין סאָציאַלע ירושה. עס לעבן אין מיר דורות און דורות יידן. מיין אייגענער אונטערבאַוווסטזיין האָט געירשנט דעם קאָלעקטיוון אונטערבאַוווסטזיין פון מיין פאָלק. אויב כ'בין קיין ייד ניט — בין איך אויך קיין מענטש ניט. ווען כ'בין אויסגעוואָרצלט פון דער גייסטיקער ירושה פון מיין פאָלק, הענג איך אין דער לופט, כ'בין ניט אַריינגעוואַקסן אין גאָרניט. דעמאָלט הייבן זיך אָן אַלע אינעווייניקסטע קאָנפליקטן און די אייגענע נשמה איז געשפּאָלטן.

יעדער קאָלעקטיוו אַקומולירט און אַסימילירט אין זיין אונטערבאַוווסטזיין אַלע דרויסנדיקע, פאַרגאַנגענע דערפאַרונגען אויף זיין אינדיווידועלן שטייגער, יעדער פאָלק לויט זיין אייגענער פסיכיק. טאַקע דערפאַר קענען מיר אין דער מיטאָלאָגיע און פאָלקלאָר פון אַ פאָלק געפינען די אָפּשפּיגלונג פון זיין נשמה. יעדער פאָלק מיט זיין אייגנאַרטיקן מיטאָס, מיסטעריע, סימבאָלן און העלדן.

די אוראַלטע, אַרכאַישע דערפאַרונגען פון אַ פאָלק זיינען אָנגעשפּייכלערט אין יעדן יחיד און געפינען זיך אין די טיפערע שיכטן פון אונדזער קאָלעקטיוון אונטערבאַוווסטזיין אין אונדז. אונדזער אייגענער יידישער אונטערבאַוווסטזיין איז ענלעך צו אַ נייעם געאָלאָגישן שיכט, וואָס ליגט אויף אַלטע פאָרמאַציעס. דער קאָלעקטיווער אונטערבאַוווסטזיין איז אַ געירשנטער, ווען אונדזער אייגענער, אינדיווידועלער אונטערבאַוווסטזיין פאָרמירט זיך פון אייגענע פערזענלעכע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען.

* * *

כ'האָב מיך אַ ביסל צו לאַנג אָפּגעשטעלט אויף די פּראָבלעמען וואָס דער יונגער חבר, ברוך, האָט אָנגערעגט, וועלן מיר איצט איבערגיין צו געדאַנקען און מיינונגען פון אַנדערע יונגע קיבוצניקעס. אָט איז אַ פראַגע פון איינעם וואָס הייסט עמית: „פאַר מיר איז וויכטיק אויב איינער שעמט זיך דערמיט וואָס ער איז אַ ייד, אָדער ער שטאָלצירט דערמיט."

ווידער אַ משונהדיקע שאלה. איך פאַרשטיי ווען אַ דייטשישער בחור שטעלט היינט, נאָך די אַלע רציחות וואָס די דייטשן האָבן דורכגעפירט, אויב מען



דאַרף זיך שעמען וואָס מען איז אַ דייטש, אָדער מען דאַרף מיט דעם שטאָלצירן, וואָלט ער בפירוש געווען אויפן אָרט און אין גאַנצן נאָרמאַל! אָבער קינדער געהאָדעוועטע אויף ישראל־ערד, קינדער פון אַ פאָלק וואָס אַ טראָפּן בלוט איז ביי אים הייליק, און אומברענגען איין נפש איז ווי אומברענגען אַ גאַנצע וועלט, זאָלן פרעגן אַזוינע שאלות, אויב מיר דאַרפן זיך שעמען? מיט וואָס האָבן מיר זיך צו שעמען? אפשר מיט די טייכן פון פאַרגאָסן אומשולדיק יידיש בלוט? און פאַר וועמען דאַרפן מיר יוצא זיין? אפשר פאַר אַ וועלט וואָס האָט פאַרריגלט טיר און טויער, אַז אַ יידיש קינד זאָל זיך דאָרט חלילה ניט אַריינגנבענען, און האָט דערנאָך רואיק און געלאַסן זיך צוגעקוקט ווי אַ דריטל פון אונדזער פאָלק ווערט אויסגעמאָרדעט מיט אַלע מיתות משונות צוליב זייער איינציקן פאַרברעכן וואָס זיי זיינען געווען יידן?

איך וויל אויך דיסקוטירן מיט נאָך אַ יונגן קיבוצניק, משה, און אים זאָגן, אַז זיין הנחה איז בכלל ניט קיין ריכטיקע. לאָמיר אים אַליין לאָזן ריידן.

משה: „דער הויפּט־יסוד וואָס האָט געבויט און אויפגעהאַלטן דאָס יידנטום איז געווען דער מוח!" ווילט זיך פרעגן משהן: פאַרוואָס איז עס געווען אַ מוח? אַ מאָל האָט זיך יעדער ייד געקאָנט לאָזן באַשפּריצן מיט אַ ביסל טבילה־וואַסער און פּטור אַן עסק. פאַר דעם פרומען קלויסטער איז געווען אַמאָליקע צייטן גענוג נאָר אָפּצושמדן יידן, באַקערן זיי צום „ריכטיקן" גלויבן. פאַר יעדן געשמדטן יידן האָבן זיך גלייך געעפנט טיר און טויער און ער האָט געהאַט זיך אַלע מעגלעכקייטן... און דאָך האָבן עס יידן ניט געטאָן.

עטלעכע יוגנטלעכע דיסקוטירן וועגן אַ העכערן כוח וואָס האָט אויפגעהאַלטן יידישקייט און משה ציטירט פון הזזס אַ דרשה: „ווו עס הייבט זיך אָן צו רעאַליזירן די ציוניסטישע אידעע צו נאָרמאַליזירן דאָס יידישע פאָלק — דאָרט ענדיקט זיך אידעיש דער ענין יידישקייט." כ'האָב אַ סך מאָל געטראַכט און זיך געפרעגט אויב יידישקייט איז פאַר יידן, אָדער יידן עקזיסטירן נאָך פאַר יידישקייט? וואָס קומט פריער? פאַר מיר איז דער ענטפער אַ נאַטירלעכער: יידישקייט איז אינעם יידן, פאַר יידן. וואָס מער מען איז פאַרוואָרצלט אין יידישקייט, אַלץ טיפער איז די יידישקייט אין יידן, אַלץ גרעסער דער ייד און במילא דער מענטש; און וואָס מענטשלעכער — אַלץ געטלעכער.

מיר דאַכט זיך, אַז דער גרעסטער נס פון אויפקום פון דער מדינה איז, אַז דאָרטן קען יעדער יחיד לעבן נאַטירלעך; זיך ניט פאַרשטעלן, זיין דאָס וואָס מען איז, זיין אַ מענטש מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און ניט טראַכטן תמיד מה יאמרו הגויים. דאָרטן פרעטענדירן מיר ניט צו זיין די בעסטע, די הייליקסטע, די אויסדערוויילטסטע. דאָרטן קענען מיר לעבן ווי נאָרמאַלע מענטשן.

ס'מעג שוין נעמען אַ סוף צו אונדזער אייגענער איינרעדעניש וועגן אונדזער אתה בחרתנו, דאָס אויסדערוויילט פאָלק. ס'איז גענוג וואָס מיר האָבן איינגערעדט די גויים און זיי האָבן עס אָנגענומען פאַר גוט געלט און אַזוי צאָלן מיר פאַר דער דאָזיקער איינרעדעניש. די גויישע וועלט דערוואַרט פון אונדז תמיד אַ ספּעציעלן אויפפיר. וואָס איז אַלעמען דערלויבט איז פאַר אונדז טאַבו. מיר מוזן תמיד זיין בעסער און אָנשטענדיקער פון אַלעמען ווייל באַלד טייטלט מען אויף אונדז מיט די פינגער.

דער גרעסטער וווּנדער פון פאַרווירקלעכטן ציוניזם איז דאָך וואָס יידן האָבן גענומען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענט. מען האָט מער ניט געוואַרט ביז גאָט וועט שיקן משיחן כדי צו ברענגען די גאולה — מען האָט זי אַליין געבראַכט. דער גורל פון אַ מענטשן ליגט ניט אין הימל, נאָר אין זיינע אייגענע הענט. דאָס זעלבע איז אויך חל פאַרן גורל פון אַ פאָלק. „ווי מען בעט זיך אויס אַזוי שלאָפט מען", זאָגט אַ יידיש ווערטל.

צוליב אונדזער רעליגיעזער אייגנאַרטיקייט, מיינט נאָך ניט, אַז מיר זיינען באַשאָנקען מיט אויסטערלישע, איבערנאַטירלעכע סגולות. זאָל אונדז נאָר די וועלט לאָזן צו רו און ווען מיר וועלן אַליין אויפהערן כסדר צו זוכן אין זיך אונדזער אויסדערוויילטקייט, אונדזער אתה בחרתנו — וועלן מיר ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען

משה שקליאַר

# לידער

## לאָז מיך

לאָז מיך אָפּכאַפּן דעם אָטעם,
כ׳בין שוין מיד,
ס׳האָט געלייגט זיך היינט אַ שאָטן
אויף מיין ליד.

פּרוּווט אַ שורה זיך נאָך רייסן
פון זיין צוואַנג,
נאָר זי שטאַרבט אין בלוט איר הייסן
אָן אַ קלאַנג.

פליסטער איך בלויז אין דער פּוסטקייט
פון אַרום —
לאָז מיך נישט אין אומבאַוווּסטקייט
בלייבן שטום.

לאָז מיך ביזן סוף דערזינגען
נאָך מיין ליד,
הער, אין האַרצן ווערטער קלינגען
העל צעגליט.

## מיין שטערן

פאַרטיפט אין זיך אַליין
און אין דעם אַנדערן,
ווי אַ שטערן כ׳וועל פאַרגיין
אין מיטן וואַנדערן.

און קיינער וועט נישט זען,
און קיינער וועט נישט הערן —
אַ שטערן איז געווען,
צי נישט געווען קיין שטערן.

בלויז ערגעצוו אין רוים,
אין ווייטן אומגעהויערע
מיין שטערן וועט קוים־קוים
מינייענדיק זיך — דויערן.

---

ווערן נאָרמאַלע מענטשן, וואָס האָבן נאָרמאַלע אייגנשאַפטן און נאָרמאַלע איבערלעבונגען פון פרייד און צער, גליק און טרויער. אונדזערע מעלות און חסרונות וועלן דעמאָלט זיין פונקט אַזוי גוט און אַזוי שלעכט ווי ביי אַלע נאָרמאַלע מענטשן. מיר פּרעטענדירן ניט צו זיין די הייליקסטע פון אַלע הייליקע און ניט די זינדיקסטע פון אַלע זינדיקע. מיר זיינען פּראָסט און פּשוט נאָרמאַלע מענטשלעכע וועזנס אָן קיין שום סופּערלאַטיוון...

דעמאָלט וועלן מיר זיך מער ניט דאַרפן פילפּולן פאַרוואָס מיר זיינען יידן, צו וואָס דאַרפן מיר זיין יידן, וואָס מאַכט אונדז פאַר יידן, ווער איז אַ ייד, ווער מעג זיין אַ ייד און וואָס איז אונדזער שליחות אין דער וועלט ווי יידן.

די יונגע קיבוצניקעס אַ דאַנק פאַר זייער דיסקוסיע וועגן מהות פון יידישקייט און אַ יישר־כוח פאַרן העלפן אַנדערע זיך צו פאַרטראַכטן און מיט דעם אָנרעגן צו נייע געדאַנקען און אויספירן.

## ביים שיידוועג

ביים שיידוועג מירן זיך צעשיידט
און מער ניט געטראָפן,
זינט דאַן איז שוין אַזוי פיל צייט
פאַרלאָפן.

איצט קום איך דאָרט אַהין אויפסניי
אין חלום,
און אַ פאַרלוירענער כ׳בלייב שטיין
ביי פרעמדע טאָלן.

געבליבן איז דאָרט בלויז אַ בוים —
אַ שטומער עדות.
אפשר זעט ער אויך אין טרוים
יענע צעשיידונג.

כ׳האָב מורא פאַרן בוים דעם אַלטן,
זיינע בליקן
ווילן, דאַכט זיך, מיך פאַרהאַלטן
און דערשטיקן.



ישעיה זאַנדבערג / תל־אביב

# ואתחנן...

ואתחנן... און איך האָב געבעטן ביי גאָט
אין יענער צייט. (דברים ג׳)

ואתחנן...

פון די פליינען פון הייסן מואָב קומט דער געפליסטער; פון יענעם מדבר־ישוב, פון וואַנען ס׳וועט שפּעטער אויפגיין רות המואביה, די מוטער פון דוד המלכס הויז, דאָס גרונטפעסטיקסטע הויז פון דעם שטילן משורר, וואָס וועט אויף דער האַרף אויסגיסן זיינע אייביקע תפילה געזאַנגען.

ואתחנן...

די דורשטיקע רייד פון מענטש וואָס וויל נישט פאַרגיין; וואָס קען זיך נישט מייאש זיין; דאָס נישט־דערהערטע געבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן שפּראָץ פון לעבן, און דויערט נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

ואתחנן...

דער נישט־אויסגעוויינטער צער וואָס ליגט באַהאַלטן אין אַלע תפילות; דער לעצטער רוף פונעם הילפלאָזן; דער פאַרצווייפלטער פּרווו אָפּצווענדן דעם גזר, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן אויסגעפירט.

ואתחנן...

***

אין חדר האָבן זיך די פאַרנאַכטיקע שאָטנס צעלייגט אויף די ווענט. דער רבי שפּיצט אָן די אויערן און ער שטייט אויף פון זיין זיץ ביים עק טיש. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן בעמט ער שפּאַנען אויף און אָפּ און ער בלייבט שטיין אין מיטן שטוב אָנגעשפּאַרט א[illegible] זיין שטעקן. זיין ווייסע באָרד וואַרפט אַן אָפּשיין אין דער טונקלקייט, און צוזאַמען מיט די תלמידים אויף די צעוויגטע בענק, הערט ער זיך צו צום זינג־זאַנג פון די צוויי יינגלעך וואָס פאַרטייטשן די סדרה פון דער וואָך:

ואתחנן...

די קינדערשע הערצער האָבן אויפגעציטערט: משה רבינו! דער פירכטיקער! ־ער חבר פון רבונו של עולם! וואָס ער רעדט מיט אים פנים אל פנים און ער פועלט ביי אים וואָס ער נאָר וויל. ער שטייט גאָר איצט אַ פאַרלוירענער אין זיין עלנטקייט, אָן שום כוח; און אַ געפאַלענער ביי זיך, ציט ער אויס זיינע הענט אין אַ געבעט וואָס וועט ניט ווערן אָנגענומען.

ואתחנן...

די שאָטנס זיינען געוואָרן געדיכטער און זיך באַהאָפטן איינער צום אַנדערן. באַלד וועט ווערן פינצטער און דער רבי וועט אָנצינדן דאָס נאַפט־לעמפּל איבערן טיש. צעשראָקענע וועלן זיך די שאָטנס צעלויפן אין די ווינקלען, אָבער די האַרבע שווערקייט וועט נישט פאַרשווינדן. פאַר די אויגן פון רבין מיט די חדר־יינגלעך וועט נאָך אַלץ שטיין, אַן איינגעבויגענער, דער גרויסער משה רבינו און ער וועט צום וויפלטן מאָל זאָגן:

ואתחנן...

## א. גאָלאָמב

# קליינע נאָטיצן וועגן גרויסע פּראָבלעמען

דער פריינד רעדאַקטאָר האָט ביי מיר געבעטן אַן אַרטיקל פאַרן לויפיקן נומער פון זשורנאַל „חשבון". „אפשר וועט איר געבן אַ קאַפּיטל פון אייער ניי בוך, וואָס עס גייט איצט אַריין אין דרוק?" — פרעגט ער מיר.

„ניין, אין בוך קומען אַריין אַרבעטן פון דויערנדיקע פּראָבלעמען. פאַרן זשורנאַל וועל איך אָנשרייבן עפּעס וואָס איז מער אַקטועל, עפּעס וואָס טוט ווי אַלע טאָג, עפּעס קלעמט די נשמה טאָג איין און טאָג אויס. מען איז שוין צוגעוווינט, מען פאַרגעסט און די סיטואַציע ווערט אַלץ ערגער און ערגער. פאַרן זשורנאַל דאַרף זיין מער צום טאָג.

עס האָט מיר דאָ ניט לאַנג געזאָגט אַ ייד פון מעקסיקע: אין פלוג, דוכט זיך אויס, אַז ביי אונדז אין מעקסיקע זיינען דאָ אַ הונדערט טויזנט יידן און ביי אייך אין לאָס אַנדזשעלעס זיינען כמעט ווי ניטאָ קיין יידן. עס איז שאַ, שטיל, ניטאָ קיין יידיש לעבן, עס טומלט ניט. ווו איז אייער האַלבער מיליאָן יידן אין איין שטאָט? ווי קענען יידן זיין אַזוי שטיל? ניטאָ קיין קולטור־אונטערנעמונגען, ניטאָ קיין ציטונג, ניטאָ קיין קריגערייען, ניטאָ קיין באַהאַנדלען פּראָבלעמען—שאַ שטיל, ווי אויף יענעם אָרט, ווו עס איז אייביק שטיל.

אַ צווייטער ייד, אַן אַלטער תושב, געוועזן נאָך אַ זעלנער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, זאָגט ער מיר: „דער 'וואָלטאַזש' פון יידישקייט איז שרעקלעך געפאַלן". אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן יידן ניט געוואַרט מען זאָל ביי זיי בעטן, מען זאָל דאַרפן קאַמפּיינעווען. יידן אָרעמע לייט האָבן געשפּאָרט פון ברויט פאַר זיך און געשיקט הילף פאַר ברידער אין אייראָפּע. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, די יידישע טראַגעדיע איז געווען גרעסער און האַרבער פון אַלע יידישע טראַגעדיעס דורך דער גאַנצער געשיכטע. אַמעריקאַנער יידן האָבן געגעבן, אָבער ווען מען האָט שטאַרק געבעטן, מען האָט גערעדט, ווען די פּריצים פון לאַנד האָבן דערלויבט צו ריידן, צו בעטן. פון זיך— שאַ, שטיל. מען דאַרף דערמאָנען יידן. און עס גיבן אַ סך ווייניקער יידן, עס רופן זיך אָפּ גאָר ווייניקער יידן. ווו איז דאָס יידישע פאָלק? די גרויסע מאַסן? זיי רירט עס ניט אָן.

און איצט? עס שטייט אין סכנה דער גרעסטער אידעאַל פון יידישן פאָלק אין די צוויי טויזנט יאָר פון גלות. די סדומישע וועלט מיט דער הערשאַפט פון אַשמדאַי גרייט חרוב צו מאַכן דעם אַוואַנגאַרד פון יידישן פאָלק. און ווו איז דאָס פאָלק?... עס דערמאָנט זיך מיר אַן אויסדרוק פון גמרא וועגן אַ צושטאַנד ווען דאָס לייב פּילט שוין ניט דעם מעסער וואָס שניידט אָן רחמנות... ניטאָ דער ספּאָנטאַנער אויסגעשריי פון אַ האַלבן יידישן פאָלק קאָנצענטרירט אין איין לאַנד, ניטאָ זיין אויסגעשריי: ניטע! רירט ניט אָן דאָס אויג אין קאָפּ!... ניטאָ ווער עס זאָל שרייען, ניטאָ ווער עס זאָל פּילן...

* * * * *

דער בריוטרעגער האָט אַ פּאָר מאָל געלאָזן ביי אונדז בטעות אַ יאַפּאַנעזיש־ענגלישע היגע טאָג־ציטונג. וויפל עס זיינען דאָ פאַראַן יאַפּאַנעזער ווייס איך ניט, בכל אופן — אַ סך ווייניקער פון יידן. אָבער קיין יידישע ציטונג איז דאָ ניטאָ, גאָר ניט געמאָלט עס זאָל זיין, עס זאָל קענען זיין. יידן דאַרפן ניט קיין יידישע ציטונג, זיי ווילן גאָר ניט אַזאַ. די נייעס קען מען וויסן אויך פון אַן ענגלישער ציטונג. דאָס איז אמת. אָבער אַ פאָלק אָן אַ ציטונג איז אַ שטום פאָלק. אַליין האָט עס ניט וואָס צו זאָגן, אַליין וויל עס גאָר ניט זאָגן. עס זיינען זיכער אין אַמעריקע פאַראַן מער ווי פיר מיליאָן יידן, וואָס קענען שוין ניט קיין יידיש, אָבער קיין יידישע ציטונג אין ענגליש



דאַרפן זיי ניט. פאַרוואָס? — ווייל ניטאָ ביי זיי קיין יידישע אינטערעסן. שעם איך זיך פאַר די יאַפּאַנעזער אין אַמעריקע: יענע האַלטן טייער זייער נאַציאָנאַלע קולטור, זייער אלף־בית. יידן — ניט. אַלע חודש קומט אַ בולעטין פון צענטראַלן יידישן קהילה־קאונסיל. איז ער פול מיט בילדער פון וויכטיקע טוערס. מסתמא דאַרפן פיר און זעכציק טויזנט יידישע היימען זען ווי עס זעען אויס די יידישע טוערס אין שטאָט. מסתמא דאַרף מען אַזוי. אָבער ניטאָ דאָרטן קיין יידיש אות. ניטאָ ביי יידן קיין אלף־בית?

פעלקער וואָס האָבן ערשט נעכטן זיך דערוווּסט אַז זיי זיינען אַ פאָלק, זיי דאַרפן אַ לשון, זיי דאַרפן אַ שפּראַך, אַ קולטור, אַן אלף־בית. יידן — אַ פאָלק עלטער פון אַלע אייראָפּעישע פעלקער — יידן דאַרפן עס ניט, יידן ווילן עס ניט. יידן ווילן ניט וויסן פון זייער נעכטן, פון זייער קולטור; יידן באַמיען זיך צו פאַרגעסן אַז זיי זיינען אַ פאָלק. — „ווען מיין קאָנטרי וועט זיין קעגן אייער איזראַעל, וועל איך אויך זיין קעגן. איך בין אַן אַמעריקאַנערין " זאָגט מיר אַ שכנה. פּונקט אַזוינע ווערטער האָב איך אין 1919 געהערט פון אַ דייטשישן מיליטערישן ראַבינער אין קיעוו, ווען די דייטשן האָבן געהאַט פאַרנומען די שטאָט. ענלעכע געדאַנקען און ענלעכע רייד האָט אין יענע ציטן געענטפערט דער יידישער מיניסטער פון דייטשלאַנד, וואַלטער ראַטענאַו, איידער דייטשן האָבן אים דערשאָסן אין גאַס...

לאָמיר בעסער ניט טראַכטן, אַז די געשיכטע קען זיך איבערחזרן... לאָמיר ניט טראַכטן וועגן דעם גורל פון אַ פאָלק וואָס דערשטיקט אין זיך זיין אייגענעם „איך" און וויל זיך אַריינגלידערן אין אַ צווייט פאָלק. און דאָס צווייטע פאָלק וויל ניט אַריינעמען אין זיך קיינע פרעמדע גלידער...

* * * * *

די יידישע קהילה־פעדעראַציע צעטיילט יאָר־יערלעך היפּשע עטלעכע מיליאָן צדקה. מסתמא זיינען דאָס אַלץ וויכטיקע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן. אָבער איך האָב געזוכט, געזוכט און ניט געפונען וויפל די פעדעראַציע גיט צושטייער דעם יידישן זשורנאַל, וואָס דאַרף רעפּרעזענטירן יידישקייט, די גאַנצע קולטור־טראַדיציע. וויפל גיט די פעדעראַציע? — גאָרניט. קיין איין סענט ניט! און דאָס איז דער איינציקער זשורנאַל אין אַלע שטאַטן אַ חוץ ניו־יאָרק. זיינען מיר דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט אַזוי ניט קיין דרך־ארץ פאַר זיין אייגענער קולטור, פאַרן אייגענעם אלף־בית.

יידן אין לאָס אַנגעלעס האַלטן אויס מער ווי הונדערט סינאַגאָגעס —, זייט מוחל — ניט סינאַגאָגעס, נאָר טעמפּלען— עס איז שענער, ווייל עס איז גוייִשער. די טעמפּלען מיט די אָנגעשטעלטע קאָסטן זיכער אָפּ היפּשע מיליאָנען. דאָס טוען אָבער ניט קיין מיטגלידער פון יידיש פאָלק אין אַמעריקע, נייערט דאָס טוען אַמעריקאַנער וואָס היטן דעם אַמעריקאַנער „סטייל" פון אַ „פאַרזיכיקן" גאָטעסדינסט." אַזוי האָבן זיך געפירט יידן אין דייטשלאַנד אין אָנהייב פון ניינצנטן יאָרהונדערט. די זעלביקע חכמה חזרן איבער יידן אין אַמעריקע מיט אָנדערהאַלבן הונדערט יאָר שפּעטער.

* * * * *

יידן האַלטן אויס אַ סך קינדער־שולן, פאַראַן אויך טאָג־שולן, מיטלשולן און אויך הויכשולן. ניטאָ אין זיי קיין מזל־ברכה: ניט קענטיק זייער השפּעה אין יידישן לעבן אין שטאָט. איר זעט ניט די שולן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן; איר הערט ניט פון יידישע פילמען אין שטאָט, פון אַ שטענדיקן יידישן טעאַטער, פון שטענדיקע יידישע קאָנצערטן, פון ראַדיאָ־רעדעס, פון טעלעוויזיע פּראָגראַמען. ניטאָ אין יידישע אינסטיטוציעס קיין אָנגעשטעלטע וואָס זאָלן אייך קענען ענטפערן אין אַ יידיש לשון. די שולן לערנען און מסתמא לערנען זיי אויס, נאָר קיין יידישע אָנגעשטעלטע, קיין סעקרעטאַרן וואָס זאָלן קענען אָנשרייבן אַ יידישן בריוו זיינען ניטאָ און מען דאַרף שוין גאָר ניט; קיין לערערס פאַר יידישע שולן זיינען ניטאָ. צו אַ יידיש בוך לייענען! אַזאַ יונגן יידן דאַרף מען אין אַ מוזיי ברענגען. עס שרייבט מיר אַ פריינד, אַ

באַקאַנטער יידישער קולטור־טוער מיט אַ נאָמען אין ניו־יאָרק און אין אַמעריקע בכלל. שרייבט ער: וואָס, איר גייט דרוקן אַ בוך אין 800 עקזעמפּלאַרן!? ווער דאַרף אַ יידיש בוך? ווען ניט מיינע ביכער אין ענגליש, וואָלט איך געשטאָרבן פון הונגער... ער מאַכט אָבער, מיין פריינד, אַ טעות. אָט וואָס: פון די יידישע יידן קויפן און לייענען אַ יידיש בוך ניט אין פאַרגלייך מער יידן איידער פון צווישן די יידן וואָס קענען ניט קיין יידיש לייענען אַ יידיש בוך אין ענגליש. יידישע ביכער אין ענגליש — זאָגט מיר אַ בוך־הענדלער — קויפן יידיש־ריידנדיקע יידן פאַר זייערע קינדער. און די לייענען טאַקע אויך ניט.

* * * * *

איך לייען די „פּראָגרעסיווע" יידישע זשורנאַלן. וועל איך ניט אָנרירן דאָס „סאָוועטיש היימלאַנד". דאָרטן איז עס גאָר אַן אַנדער חשבון. איך רייד פון די היגע. מיט וואָס זיי זיינען פּראָגרעסיוו? — אָסור אויב איך ווייס. אויב פּראָגרעס הייסט זאָגן אָמן נאָך יענעם חזן, אויב דאָס מיינט קושן די האַנט פון דעם פּריץ, וואָס האַלט אין איין שמייסן און רייצן אויף מיר זיינע הינט; אויב דאָס איז פּראָגרעס — זאָל זיי דער גאָט פון „פּראָגרעס" העלפן. ביי מיר אין די אויגן איז דאָס איבערגעגעבנקייט פון באַשטימטע פּירפּיסיקע באַשעפענישן. איך רוף ניט אָן קיין נאָמען, ווייל איך וויל ניט סתם באַליידיקן די „פּראָגרעסיווע" אונדזערע... איך לייען, און מיר דוכט זיך אַז דער שרייבער פילט אַזוי ווי איך, ער פילט אויך האַס און כעס אויף די „פירער פון וועלט־פּראָגרעס", וואָס גייען טאָן ווייטער היטלערס אַרבעט אויף יידן. אויך ער, דער שרייבער, בלוטיקט אויך פון ווייטאָג, וואָס מען האָט אין אַ רויטן כאַלאַט אויסגעפּוצט דעם ערגסטן צאַרישן אימפּעריאַליזם און מען וויל ברענגען די יידן פאַרן קרבן. דער שרייבער פילט עס, אָבער ער דאַרף פאַר זיין עולם איבערחזרן די אַלטע פּראַזעס: „פּראָגרעס, פּראָגרעס!" און דער עולם? — דער עולם איז דווקא גאָר ניט קיין קליינער. יידן אַזוי ווי איך, ווי איר. מער ניט וואָס... "נו, אויב מען וועט דאָרטן אומברענגען צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן? ברענגט מען דאָך אָבער משיחן!... עס האָבן מיר די געדערים אויפגעשווידערט הערנדיק די רייד... און אָט דער זאָגער — אַ „כשרער" ייד מיט אַ יידישער מאַמען — פאַרשטייט ניט, אַז אָנהייבן וועט מען מיט אַנדערע, נאָר ער וועט קומען באַלד נאָך יענע... ער פאַרשטייט ניט, אַז פון יענער גאולה וואָס מען האָט זיך פאַרנומען צו ברענגען איז שוין לאַנג געוואָרן ניט קיין „גאולה־קאָמעדיע", ווי לייוויק האָט געמיינט, נאָר אַ טראַגעדיע אין אַ וועלט־מאַסשטאַב — אַ בלוטיקע טראַגעדיע וואָס גיסט זיך אין טייכן בלוט איבער גאָר דער וועלט.

הונדערטער מיליאָנען מענטשן פאַרשטייען איצט, אַז ביים צאַר איז געווען אַ גן־עדן לגבי דעם וואָס עס איז דער „פּראָגרעסיווער גאָט" מיט זיין גן־עדן. אָבער יידן זיינען עקשנים, אַז זיי נעמען זיך אַריין אַ פרעמדן גלויבן, גלייבן זיי, כאָטש ברענט זיי און בראָט זיי. . .

* * * * *

אין דער צייט פון אומאָפּהענגיקייט יום־טוב פאַר מדינת ישראל האָבן נטורי קרתא אין ירושלים אויסגעקלעפּט מעלדונגען: ווער עס וועט אַנטייל נעמען אין די פייערונגען פון יום העצמאות, איז ימח שמו וזכרו!... דאָס הייסט — די מערהייט פון יידישן פאָלק איז פאַר זייער כלומרשטער פרומקייט ימח שמו. ווו האָט מען געזען אויף דער וועלט, ווו קען מען זען אַזאַ פאָלק מיט אַזוינע שונאים פון רעכטס און פון לינקס, פון אַלע זייטן? כלומרשט ריידן זיי אויך אין נאָמען פון דער יידישער רעליגיע! גיין דיסקוטירן מיט אַזוינע פאַרקריפּלטע יידן, מיט אומגליקלעכע נשמות פול מיט שינאה צו יידן! ווער קען דאָס מיט זיי דיסקוטירן?

איז דאָס אַלץ? ניין, נאָך ווייט ניט אַלץ. איך וועל נאָך איין זאַך דערמאָנען: אין פאַרשיידענע לענדער, אין אַמעריקע און אייראָפּע זיינען פאַראַן גאַנץ היפּשע גרופּעס יידן. צווישן זיי אויך ישראלים, געהאָדעוועטע אין ארץ־ישראל אויף עברית, אין דורכויס העברעישע שולן, און זיי גייען מיט די אַראַבישע שונאים, זיי מאַכן פּראָפּאַגאַנדע, זיי זאַמלען געלטער. זיי



האָבן גאַנצע אָרגאַניזאַציעס, „מצפּן" און נאָך. איז דער טעאָרעטישער פירער פון דעם „נייעם לינק" מיט זייער שינאת ישראל אויך אַ ייד, וואָס האָט געקראָגן אַ גוטע העברעישע דערציונג (דאַכט זיך אין פילאַדעלפיע) אין הויז פון אַ באַרימטן יידישן פּעדאַגאָג...

קומט פון מדינת ישראל אַ מאַן מיטן נאָמען אַריה בובער, מיט אַ ישראל־פּאַס און ער האַלט פאַר סטודענטן רעפעראַטן, אַז ער וואָלט אויסגעקליבן נאַסערן בעסער איידער גאָלדען... (לויטן „הדואר").

* * * * *

האָט אַ פריינד פון ניו־יאָרק צו מיר טענות: פאַרוואָס בין איך אַ פּעסימיסט? עס איז ניט געזונט צו זיין אַ פּעסימיסט... אַנו, אַדרבא, זייט אָפּטימיסטיש, אויב איר קענט.

* * * * *

גיט אויס אַ יידישער ישוב היפּשע מיליאָנען אויף שולן, אויף העברעישע שולן. לערנען יידישע קינדער, אָבער צו וואָס? אַז אפילו די גאַנצע פעדעראַציע דאַרף עס ניט, נוצט עס ניט, גיט ניט קיין סענט אויסצוהאַלטן אַ יידישן, אַ העברעישן זשורנאַל, טאָ צו וואָס דאַרף מען ג'ערנען?

* * * * *

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין צו אָפּט אויף יידישע בית־עולמס אין לאָס אַנגעלעס. האָב איך געזען ווי יידן מאַכן אַ חורבן פון יידישע טראַדיציעס, פון יידישקייט.

יידן באַגראָבן ניט קיין יידן — מען איז מקבר. קבורת ישראל איז „חסד של אמת." אַ ייד טוט אַ טובה אַ צווייטן, קען ער קריגן צוריק. אַ לוויה איז אַן אמתער חסד, וואָס מען וואַרט ניט אויף צוריקקריגן. איז אין יעדער יידישן ישוב געווען אַ „חברה קדישא", צו באַזאָרגן קבורת ישראל. זיינען די חברות געווען די זאַמען וואָס פון זיי זיינען אַרויסגעוואַקסן קהילות. אין ווילנע האָבן אַלע צעכן געהאַט בתי־מדרשים. געווען שולן — שניידערשע, שוסטערשע, קירזשנערשע, פון וואַסערטרעגערס, פון קוימען־קערערס — איז דאָרטן אויך געווען „די קברנישע שול"— „חסד של אמת". געווען אַ יערלעכער יום־טוב ביי די חברה קדישא. אין אַמעריקע איז מען ניט מקבר קיין מתים — מען באַגראָבט אַ יידן. פון אַן אַלטער, אייביקער טראַדיציע האָט מען געמאַכט אַ פּריוואַטע פּרנסה. „וואָס רעדט איר — זאָגט מיר אַ ייד — פון באַגראָבן יידן מאַכט מען אַ גוט לעבן ביי יידן. ניטאָ ביי יידן מער קיין „בית־עולם", קיין „בית היים", קיין „הייליק אָרט" — פאַראַן „מעמאָריאַלע פּאַרקן". פרומע יידן פלעגן אין חודש אלול פאָרן אויף „קבר אבות". אַ בית־עולם איז פאַר יידישע מתים, אַ פּאַרק איז פאַר די לעבעדיקע. די גאַנצע לוויה איז ניט פאַר קיין מת, נאָר אַ מין קאָנצערט אַזאַ פאַר די לעבעדיקע. עס איז „ביזנעס," געשעפטן, און געשעפטן דאַרפן צוציען קונדן. דאַרף מען די צערעמאָניע־קאָנצערטן מאַכן שענער...

יידישע אותיות, יידישע רייד זיינען שוין דאָרטן אויך ניטאָ.

צוזאַמען מיט די טויטע באַגראָבן אַמעריקאַנער יידן אויך זייער יידישקייט. יידן אַליין מאַכן חרוב יידישקייט. עס שטעלט זיך אָפּט אַ פראַגע: זיינען יידן אין אַמעריקע אַ פאָלק מיט אייגענע טראַדיציעס, מיט אַן אייגענעם שטייגער, אָדער די יידן זיינען נאָכמאַכערס, קאָפּירערס, מענטשן וואָס באַמיען זיך וואָס גיכער צו פאַרגעסן זייער אָפּשטאַם?

ד״ר מנחם נאור

# תנכישע צייט-באַשטימונגען

## (תעניתים — שבועות — פורים)

### א. די חורבן-תעניתים *)
(תשרי, טבת, תמוז, אב)

### זכריה ז׳, 1-7, 9-12:

(1) „און עס איז געווען אין פירטן יאָר פון מלך דריוש, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו זכריהן אין פירטן טאָג פון נייַנטן חודש, אין כסלו. (2) ווען בית־אל, שר־אצר, און רגם־מלך און זיינע מענטשן, האָבן געשיקט צו בעטן פאַר גאָט, (3) און צו זאָגן צו די כהנים וואָס אין הויז פון גאָט פון צבאות, און צו די נביאים, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך וויינען אין דעם פינפטן חודש אָפּגעזונדערטערהייט, אַזוי ווי איך האָב געטאָן שוין פון כמה יאָרן? (4) איז דאָס וואָרט פון גאָט פון צבאות געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן: (5) זאָג צו דעם גאַנצן פאָלק פון לאַנד, און צו די כהנים, אַזוי צו זאָגן: אַז איר האָט געפאַסט און געקלאָגט אין פינפטן און אין זיבעטן חודש שוין זיבעציק יאָר, האָט איר פאַסטן דען מיר געפאַסט? (6) און אַז איר עסט, און אַז איר טרינקט, זייט איר ניט די וואָס עסט און איר די וואָס טרינקט? (7) דאָס זיינען דאָך די ווערטער וואָס גאָט האָט גערופן דורך די פריערדיקע נביאים, ווען ירושלים איז געווען באַזעצט און בשלווה, מיט אירע שטעט רונד אַרום איר, און דער דרום און די נידערונג זיינען געווען באַזעצט.

(9) אַזוי האָט געהאַט געזאָגט גאָט פון צבאות, אַזוי צו זאָגן: משפט אַן אמתן משפט, און טוט חסד און דערבאַרימונג איינער מיטן אַנדערן.

(10) און אַן אַלמנה און אַ יתום, אַ פרעמדן און אַן אָרימאַן, זאָלט איר ניט דריקן, און איינער דעם אַנדערנס רעה זאָלט איר ניט טראַכטן אין אייער האַרצן!

(11) אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט האָרכן, און זיי האָבן געקערט אַ ווידער־שפעניקן רוקן, און זייערע אויערן האָבן זיי פאַרשטאָפּט ניט צו הערן;

(12) און זייער האַרץ האָבן זיי געמאַכט אַזוי ווי דימענטשטיין, ניט צו הערן די תורה און די ווערטער וואָס גאָט פון צבאות האָט געשיקט מיט זיין גייסט דורך די פריערדיקע נביאים.

דרום איז געוואָרן אַ גרויסער צאָרן פון גאָט פון צבאות.״

### זכריה ח׳ — 14-19:

(14) „וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאות:

אַזוי ווי איך האָב באַדאַכט אייך שלעכטס צו טאָן, ווען אייערע עלטערן האָבן מיך דערצערנט, זאָגט גאָט פון צבאות, און איך האָב ניט חרטה געהאַט,

(15) אַזוי האָב איך ווידער באַדאַכט אין די דאָזיקע טעג, צו באַגיטיקן ירושלים און דאָס הויז פון יהודה; איר זאָלט ניט מורא האָבן!

(16) דאָס זיינען די זאַכן וואָס איר זאָלט טאָן: רעדט אמת איינער מיטן אַנדערן, אמת און אַ פרידלעכן משפט טוט משפטן אין אייערע טויערן,

(17) און איינער דעם אַנדערנס רעה זאָלט איר ניט טראַכטן אין אייער האַרצן, און קיין פאַלשע שבועה זאָלט איר ניט ליב האָבן, וואָרום דאָס אַלץ איז וואָס איך האָב פיינט, זאָגט גאָט!

(18) און דאָס וואָרט פון גאָט פון צבאות איז געווען צו מיר, אַזוי צו זאָגן:

(19) אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאות:

דער תענית פון פירטן חודש, און דער תענית פון פינפטן, און דער תענית פון זיבעטן, און דער תענית פון צענטן, וועט זיין דעם הויז פון יהודה פאַר אַ פרייד און פאַר אַ שמחה, און פאַר יום־טובים! נאָר האָט ליב אמת און שלום!״

*) אַלע ציטאַטן וואָס ווערן דאָ געבראַכט זיינען לויט תרגום יהואָש.



דאָס הייסט: אין יאָר 518 פאַר איצטיקער צייטרעכענונג, צוויי יאָר נאָכן אָנהייב פון בויען דעם צווייטן בית־המקדש, 68 יאָר נאָכן חורבן פונעם ערשטן בית־המקדש, האָט מען געפרעגט אַ שאלה, אויב מען זאָל ניט אויפהערן מיטן פאַסטן און אבלות, ווי מען טוט שוין אַרום 70 יאָר. דרינגען מיר, אַז תיכף נאָכן חורבן בית ראשון האָט מען איינגעפירט די פיר תעניתים פון וועלכע דער נביא רעדט אין קאַפּיטל ח׳ און וועלכע מ׳היט אָפּ עד היום. דאָס זיינען די ווייטערדיקע תעניתים לויט זייער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג:

א) דער תענית פון צענטן חודש, דאָס עשרה בטבת, דער טאָג ווען נבוכדנאצר האָט אָנגעהויבן די באַלאַגערונג פון ירושלים אין יאָר 588 פאַר דער הייַנטיקער צייטרעכענונג. (מלכים ב׳ כה־1).

ב) דער תענית פון פירטן חודש, דאָס איז הייַנט שבעה־עשר בתמוז, ווען, לויט דער גמרא, דער מויער פון ירושלים איז איינגעבראָכן געוואָרן בעת דעם חורבן פון צווייטן בית־המקדש. אָבער דער מויער פון ירושלים בעת דעם חורבן פונעם ערשטן בית־המקדש איז איינגעבראָכן געוואָרן דעם נייַנטן תמוז (ירמיה נב, 6), און אָט דעם טאָג מיינט, נאַטירלעך, דער נביא זכריה. עס איז גאָר ניט זיכער אַז דער מויער ביי דעם צווייטן חורבן איז טאַקע איינגעבראָכן געוואָרן דעם שבעה־עשר בתמוז, דאָס איז אַ תענית פאַר אַ גאַנץ אַנדער זאַך, ווי מיר וועלן דאָס שפּעטער אָפּצייכענען. האָט מען קאָמבינירט תשעה בתמוז מיט שבעה־עשר בתמוז און געמאַכט איין תענית.

אין מלכים ב׳ כה, 3, זיינען, דורך אַ טעות פון אַ סופר, אָדער איבערשרייבער, אַרויסגעפאַלן די צוויי ווערטער „בחודש הרביעי״ (אין פירטן חודש) פאַר די ווערטער „בתשעה לחודש״ (אין נייַנטן טאָג), און מ׳דאַרף אָפּגעהיט זיין, אַז מען לייענט דאָרט „בתשעה לחודש״, ניט צו פאַרטייטשן עס אויף תשעה באב, וואָס וועט ערשט קומען אין אַ חודש אַרום.

ג) דער תענית פון פינפטן חודש, דאָס איז תשעה באב, דער טאָג ווען דער ערשטער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, און, נאָך שפּעטער אויסטייטשונג, אויך דער צווייטער בית־המקדש, ווי אויך ביתר, בר־כוכבאס לעצטע פעסטונג, און נאָך און נאָך. אין די טעג פון זכריה הנביא איז תשעה באב געווען אַ יום הזיכרון פאַר אַ באַשטימטער געשעעניש — דער חורבן פונעם ערשטן בית־המקדש. און אַז מ׳האָט אָנגעהויבן צו בויען דעם צווייטן בית־המקדש, האָט מען געמעגט פרעגן, אויב מען דאַרף נאָך פאַסטן דעם טאָג, און דער נביא האָט געמעגט ענטפערן, אַז יאָ, די תעניתים וועלן ווערן אין דער נייער בעסערער וועלט „פאַר אַ פרייד און פאַר אַ שמחה, און פאַר יום־טובים״, אָבער הייַנט סימבאָליזירט תשעה באב דעם טאָג אויף וועלכן מען פאַרלייגט אַלע יידישע צרות, טויזנטער יאָרן פון יידישע ליידן, און, נאָך מיין מיינונג, וועט מען ניט טאָרן טראַכטן פון אָפּשאַפונג פון דעם תענית אפילו אַז, אי״ה, דער דריטער בית־המקדש וועט אויפגעבויט ווערן!

וועגן דער דאָזיקער אויפפאַסונג פון תשעה באב, ווי דעם אַלגעמיינעם טאָג פון יידישע אומגליקן, האָט מען דאָך מחבר געווען דעם באַרימטן מדרש פון די צוועלף מרגלים וואָס משה האָט געשיקט אויסצופאָרשן דאָס לאַנד כנען. אַז די בני ישראל האָבן געהערט וואָס 10 פון די 12 מרגלים האָבן געהאַט צו זאָגן (במדבר יג, 27-29, 31-33), „האָט די גאַנצע עדה אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָזט זייער קול: און דאָס פאָלק האָט געוויינט אין יענער נאַכט״ (במדבר יד, 1). מאַכט דער מדרש אַ חשבון, אַז דאָס איז געווען ערב תשעה באב אויף דער נאַכט, און גאָט האָט זיי געזאָגט: „אתם בכיתם בכיה של חינם ואני עושה אותה לכם בכיה לדורות״ (איר האָט געוויינט אַן אומזיסטיקן געוויין און איך מאַך דערפון אַ געוויין אויף אַלע דורות). און אַזוי איז דער טאָג געוואָרן יום מועד לפורענות, אַ טאָג אָנגעברייטערט פאַר שטראָף, און דערפאַר טרעפן אַלע אומגליקן, וואָס קומען אויף יידן, אין אָט דעם טאָג. און ביז הייַנט רעכענען מיר אויס, אַז ניט נאָר גלות ספרד איז זיך פאַרלאָפן אין אָט דעם טאָג, נייערט אויך די ערשטע וועלט־מלחמה און די צווייטע וועלט־מלחמה, און אַזוי ווייטער.

אָבער אפילו די באַשטימונג פון תשעה באב ווי דעם טאָג פון חורבן בית ראשון

איז אויך פאַרבונדן מיט סתירות. מיר לייענען אין מלכים ב׳ כה, 8-9, דאָס ווייטערדיקע:

„און אין פינפטן חודש, אין זיבעטן טאָג פון חודש — דאָס איז דאָס ניינצנטע יאָר פון מלך נבוכדנאצר דעם מלך פון בבל — איז געקומען נבוזראדן, דער הויפּט פון דעם לייב־חיל, דער קנעכט פון דעם מלך פון בבל, קיין ירושלים, און ער האָט פאַרברענט דאָס הויז פון גאָט און דאָס הויז פון מלך, אויך אַלע הייזער פון ירושלים...“

זוכן מיר איצט אין דעם פּאַראַלעלשטעל פון ירמיה נב, 12-13:

„און אין פינפטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש...“ און אַזוי ווייטער.

דער זיבעטער אָב אָדער דער צענטער אב — אָבער ניט דער ניינטער אב! דערציילט דער מדרש, אַז נבוזראדן האָט אונטערגעצונדן דעם בית־המקדש דעם זיבעטן אב, און ער האָט געברענט ביז דעם 10טן אָב, האָבן זיי באַשטימט דעם מיטל־טאָג, דעם ניינטן.

די מאָדערנע תנ״ך וויסנשאַפט גייט איבער אַן אַנדער וועג:

היות עס איז דאָ אַ סתירה צווישן צוויי פּסוקים, איז איינער פון זיי באַשטימט אַ טעות. מיר האָבן שוין געזען ווי אַזוי דער סופר אָדער איבערשרייבער פון מלכים ב׳ כה־ד, האָט אַרויסגעלאָזן בטעות צוויי ווערטער (בחודש הרביעי), וואָס זיינען לשם וויסנשאַפטלעכער פעסטשטעלונג געבליבן אין דער צווייטער ווערסיע, אין ירמיה נב, 6. אַז מיר פאַרגלייכן די צוויי מקורים, „בשבעה לחודש“ פון מלכים ב׳ און „בעשור לחודש“ פון ירמיה, פאַרשטייען מיר תיכף אַז „בעשור לחודש“ איז אַ טעות, ווייל „בשבעה לחודש“ איז געוואָרן „בעשור לחודש“ אין ירמיה נב 12 אונטער דער השפּעה פון „בעשור לחודש“ (דאָרט 4), וואָס די דאָזיקע דאַטע באַציט זיך, נאַטירלעך, ריכטיק אויף עשרה בטבת. דאָס זעלבע „בעשור לחודש“ אין מלכים ב׳ כה, ו, האָט ניט משפּיע געווען אויף „בשבעה לחודש“ (דאָרט 8).

דער מין טעות איז באַקאַנט אויך פון אַנדערע פּסוקים. אין בראשית כג, 7, שטייט ויקם אנשטאט ויקד, צוליב ויקם אין פּסוק 3. דאָרט, מז, שטייט אחיו במקום אחי יוסף, מחמת אחיו אין פּסוק 2. אין שמות כו 26 שטייט האחד במקום האחת, מחמת האחד אין פּסוק 25 אין במדבר טז, 13, שטייט זבת חלב ודבש פאַר מצרים מחמת זבת חלב ודבש אין פּסוק 14. אין שמואל ב׳ יז, 25, שטייט הישראלי במקום הישמעאלי, מחמת ישראל אין פּסוק 24 און אין פּסוק 26. דאָרט שטייט אויך נחש פאַר ישי, מחמת נחש אין פּסוק 27. אין מלכים א׳ טו, 10, שטייט מעכה בת אבשלום אַנשטאָט מיכיהו בת אוריאל, וועגן מעכה בת אבשלום אין פּסוק 2. אין מלכים ב׳ כה 30 שטייט כל ימי חייו במקום עד־יום מותו, וועגן כל־ימי חייו אין פּסוק 29. און נאָך אַנדערע.

אַזוי זיינען מיר פּטור געוואָרן פון „בעשור לחודש“ פון ירמיה, אָבער „בשבעה לחודש“ פון מלכים ב׳ איז אויך נאָך ניט „תשעה באב“. אָבער דאָס איז ניט שווער. שטייט דען געשריבן אַז נבוזראדן האָט פאַרברענט דעם בית־המקדש „בשבעה לחודש“? עס שטייט דאָך אין מלכים ב׳ כה, 8, אַז ער איז געקומען קיין ירושלים דעם זיבעטן אב! ערשט אין פּסוק 9 שטייט „וישרף“ — און ער האָט פאַרברענט. ווען? אַ פּאָר טעג שפּעטער.

מיר לייענען אין עזרא ח׳, 31-33:

„און מיר האָבן אַוועקגעצויגן פון דעם טייך אהוא אין צוועלפטן טאָג פון ערשטן חודש, צו גיין קיין ירושלים... און מיר זיינען געקומען קיין ירושלים, און זיינען דאָרט געזעסן דריי טעג, און אויפן פירטן טאָג איז דאָס זילבער און דאָס גאָלד און די כלים אָפּגעוויגן געוואָרן אין הויז פון אונדזער גאָט.“

ווידער לייענען מיר אין נחמיה ב׳, 11-13:

„און איך בין געקומען קיין ירושלים, און בין דאָרטן געווען דריי טעג. און איך בין אויפגעשטאַנען ביינאַכט, איך און עטלעכע מענער מיט מיר... און איך בין אַרויס דורך דעם טויער פון טאָל ביינאַכט...“

נאָך דער שווערער נסיעה פון עטלעכע חדשים (עזרא איז אָנגעקומען אין ירושלים דעם ערשטן אָב, און איז אַוועקגעפאָרן פון בבל דעם ערשטן ניסן — עזרא ז׳, 9), מוז מען זיך אָפּרוען 2-3 טעג, אַזוי אַז ס׳איז גאָר ניט קיין סתירה צווישן נבוזראדנס אָנקומען אין ירושלים דעם זיבעטן אב און דעם טראַדיציאָנעלן פאַרברענען פון דעם בית־המקדש דעם ניינטן אָב. הגם עס שטייט ניט בפירוש אין תנ״ך.



ד) דער תענית פון זיבעטן חודש, דאָס איז צום גדליה, דער תענית פון ג׳ תשרי. מיר לייענען אין ירמיה מא 1-3, 16-18.

„און עס איז געווען אין זיבעטן חודש, איז געקומען ישמעאל דער זון פון נתניה, דעם זון פון אלישמען, פון קיניגלעכן אָפּשטאַם... און צען מאַן מיט אים, צו גדליהו דער זון פון אחיקמען קיין מצפּה, און זיי האָבן דאָרטן געגעסן ברויט אינאיינעם אין מצפּה. איז אויפגעשטאַנען ישמעאל דער זון פון נתניה, און די צען מאַן וואָס מיט אים, און זיי האָבן געשלאָגן גדליהו דעם זון פון אחיקם דעם זון פון שפנען מיטן שווערד, און ער האָט אים געטייט — דעם וואָס דער מלך פון בבל האָט אויפגעזעצט איבערן לאַנד. אויך אַלע יידן וואָס זיינען געווען מיט אים, מיט גדליהון, אין מצפּה, און די כשדים וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, די מלחמה־לייט, האָט ישמעאל דערשלאָגן.“

„און יוחנן דער זון פון קרחן, און אַלע הויפּטלייט פון חייל וואָס מיט אים, האָבן גענומען דעם גאַנצן איבערבלייב פון דעם פאָלק... און זיי זיינען געגאַנגען... כדי צו גיין קומען קיין מצרים פון וועגן די כשדים. וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זיי, ווייל ישמעאל דער זון פון נתניהן האָט דערשלאָגן גדליהו דעם זון פון אחיקמען, וואָס דער מלך פון בבל האָט אויפגעזעצט איבערן לאַנד.“

דאָס איז געווען דער ענטגילטיקער חורבן! פ אַ ר דעם איז נאָך געווען אַ רעשט פון דעם פאָלק אין יהודה, און אַן אייגענעם נציב האָט נבוכדנאצר אויפגעזעצט איבערן לאַנד. וועגן פערזענלעכער קינאה און פּאָליטישע אינטריגעס איז דאָס לאַנד גאַנץ חרוב געוואָרן! דאָס האָט די יידישע געשיכטע ניט געוואָלט פאַרגעסן און מען האַלט דעם תענית ביז היינט.

אָבער פאַרוואָס דעם דריטן תשרי? סע שטייט דאָך אין ירמיה מא, 1: „און עס איז געווען אין זיבעטן חודש,“ אָן אַ גענויער דאַטע?

איז עס אונדזער מיינונג, אַז יהואָש האָט אָט דעם שטעל פאַלש איבערזעצט, און אַזוי פאַלש איז אויך די איבערזעצונג פון דער דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי, און בתוכם כמעט אַלע מאָדערנע תנ״ך איבערזעצונגען. „בחודש השביעי“ הייסט טאַקע „אין זיבעטן חודש“, אָבער אַז ס׳איז נישטאָ אַ גענויע דאַטע, איז בייטיק דאָס איבערצוזעצן: „דעם ערשטן פונעם זיבעטן חודש,“ ווייל „חודש“ הייסט אין תנ״ך סיי חודש סיי ראש־חודש — פונעם וואָרט ח ד ש , נ י י. די הפטורה „מחר חודש“ (שמואל א׳ כ, 18) איז באַקאַנט, און עס הייסט: „מאָרגן איז ראש־חודש. ס׳גיט אָנצוהערעניש אַז דוד וועט דעם טאָג עסן „ברויט“ ביי שאולס טיש (דאָרט 24), פּונקט ווי ישמעאל בן נתניה איז געווען איינגעלאַדן ביי גדליה בן אחיקם, „און זיי האָבן דאָרטן געגעסן ברויט אינאיינעם“ (ירמיה מא, 1). דאָרט טאַקע האָט יהואָש (און אויך אַנדערע) ריכטיק איבערזעצט: „מאָרגן איז ראש־חודש“. דאָס גלייכן אויך עמוס ח׳, 4-5:

„הערט דאָס צו, איר וואָס ווילט איינשלינגען דעם אביון, און פאַרטיליקן די אָרעמע פון לאַנד, אַזוי צו זאָגן: ווען וועט אַריבער ראש־חודש (החודש), אַז מיר זאָלן פאַרקויפן תבואה, און שבת, אַז מיר זאָלן עפענען קאָרן...“

גדליהו בן אחיקם איז בכן דערמאָרדעט געוואָרן דעם ערשטן טאָג ראש־השנה; דאָס איז דאָך דער ערשטער טאָג פונעם זיבעטן חודש. מחמת די צוויי טעג יום־טוב, איז דער צום־גדליה נדחה געוואָרן אויפן דריטן טאָג, ג׳ תשרי.

(המשך קומט)


## ניי בוך לידער פון ברכה קודלי

עס דרוקט זיך איצט דאָס דריטע בוך — „ניט אויף ברויט אַליין“ — פון דער באַקאַנטער דיכטערין ברכה קודלי און וועט בקרוב דערשיינען.

פאַר אינפאָרמאַציע קען מען זיך ווענדן צו דער דיכטערין:

B. COODLEY
4114 Rosewood Avenue
Los Angeles, Calif. 90004
Telephone NO 1-9249

יצחק קאָלער

# די אייגנאַרטיקייט פון יידישן הומאָר

ווען דעם אַז דאָס יידישע פאָלק באַזיצט רייכע אוצרות פון הומאָר און סאַטירע איז לית מן דפליג. דווקא דאָס פאָלק וואָס האָט דורך דורות אַזוי שטאַרק געליטן, איז ניט געקוקט אויף זיינע איכה־טענער און קינה־קלאַנגען, אויך באַשאָנקען מיט אַ גרויסן חוש פאַר הומאָר און סאַטירע, וואָס איז אייגנאַרטיק סיי אין פאָרם און סיי אין אינהאַלט.

דער יידישער חריפותדיקער מוח מיט זיין פילפולדיקער אַנאַלאָגיע איז שאַרף אין דער רעאַגירונג פון סאָציאַלע געשעענישן און איז דערפאַר שאַרפער אין וויץ און בייסיקער אין דער סאַטירע. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז גאָר אַ סך העלפט דעם יידן די רייכקייט פון די שפּראַךעלעמענטן סיי אין העברעיש ווי אויך אין יידיש. דער העברעישער אלף־בית, וואָס אנשטאט וואָקאַלן באַנוצט ער נקודות און ווערט אויך געלערנט על פּי פּרד״ס (פּירוש, רמז, דרוש, סוד) מיט אַ צוגאָב פון נוטריקון, סימנים, מספּר קטן און אתב״ש, ווי אויך די צוויי שפּראַכיקייט (און אַ מאָל אויך די לאַנד־שפּראַך), שאַפט אויך דעם וויץ קאָלירפול רעגנבויגנדיק. גאָר אָפט איז אַ יידישער וויץ פאַרוואָרצלט אין צוויי אָדער דריי שפּראַכן. אָבער אין דעם איצטיקן אַרטיקל וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף פאָלקסטימלעכע ווי אויך חסידישע־יידישע תורה־ווערטלעך, וואָס אפילו דער פּשוטער ייד פלעגט אויפכאַפּן אין שול ביים דאַווענען, ביים מעביר זיין די סדרה, ביים זאָגן תהלים אָדער ברכי נפשי אָדער ביים לערנען פּרק.

## תורה־ווערטלעך

באַלד אויף די ערשטע צוויי ווערטער פון דער תורה געפינט איר אַ שלל מיט ווערטלעך און געדאַנקען: „בראשית ברא" — דאָס ערשטע קומט ס׳געזונט. אָדער, איז דען אַ ווונדער וואָס ס׳איז דאָ אַזוי פיל בייז אויף דער וועלט, אַז גאָט האָט זי אָנגעהויבן מיט בייז (בית). נאָר שאַרף איז דער השכלה־וויץ וואָס באַציט זיך אויפן פירוש רש״י פון ערשטן פּסוק פון בראשית: „לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מן החודש הזה לכם." משכילים פלעגן זיך וויצלען און נאָר ציטירן דעם ערשטן טייל — לא היה צריך להתחיל את התורה — גאָט האָט די תורה גאָר אין גאַנצן נישט באַדאַרפט אָנפאַנגען, וואָלט ער פאַרשפּאָרט יידן אַ סך צרות און קאָפּ־דרייעניש.

אויך דער פירוש פון מדרש מיט זיין טיפן מוסר השכל איז דעם יידן נישט געווען פרעמד. דער מדרש זאָגט: גאָט האָט די תורה אָנגעפאַנגען מיטן אות בית, ווייל די „ב" איז פאַרמאַכט פון דריי זייטן, צו ווייזן אונדז, אַז דעם מענטשנס שכל איז באַגרענעצט, ער ווייסט נישט מה למעלה אויך נישט מה למטה און נישט דעם עבר פונעם וועלט־באַשאַף. איין פענצטערל האָט גאָט געלאָזן אָפן — מיר זאָלן קענען זען אַ ביסל לעתיד לבוא בכדי צו פלאַנירן אונדזער לעבן.

ווען דעם אלף מיט דעם בית האָט אָנגעשריבן אַ משל דער העברעישער דיכטער יהודה קרני:

ה„אלף" למשל היתה נתונה בצרה,
אשר לא בה התחיל „בראשית ברא",
אך יש לה תנחומים שכל מזור גוהים:
ב„אלף" מתחילים „אדם" ו„אלהים".
וגם ה„תו" קפחה בעת שבא תורה,
אולם פיצוי נתן לה: בה תתחיל „תורה"
וכך כל אות ואות — עליה לא פחות
מתלי תלים של אגדות והלכות.

(בשעריך מולדת, האות העברית)

תלי תלים פון דרוש און פאָלקלאָר זיינען געשאַפן געוואָרן ווען דעם פאַרוואָס די תורה הייבט זיך אָן מיט אות „ב". איין אורזאַך איז, אַז דאָס וואָרט „ארור" הייבט זיך אָן מיט דער „אלף" און גאָט האָט נישט געוואָלט אָנפאַנגען די וועלט מיט דער סיטרא אחרא, און „ברוך" הייבט זיך אָן מיט דער „בית". גאָט האָט די וועלט צוערשט געבענטשט, נאָר נאָך דעם ווי אדם האָט געזינדיקט, איז געקומען דאָס וואָרט „ארור".

דער גרויסער יידישער ממשל א. שטיינבאַרג האָט גאָר אַ פיינעם משל — אַ דיאַלאָג פון דער א׳ מיט דער ב׳:

צו דער אלף זאָגט די בית:
— ווער איז בילכער? איך צי דו?
איך ווייס?
דאַכט זיך איך! פאַרשטייט זיך: ראשית
איך — דאָס ערשטע אין „בראשית",
שנית, איך מיט חכמה־בינה בין אין
שכנות.
פרעג איך, זיי נישט בייז,
וואָס דו, דער ראש וראשון פונעם
אלף־בית.
און פאַרוואָס ניט איך דערצו בין זוכה?
— טאַקע צו די ערשטע ביי „אָנכי" —
נישט נאָר ביי „אנכי" אויך ביי „אתה"
(קומט אַ קלאָרע תשובה און אַ גלאַטע)

אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער שרייבט א. לוצקי אין זיין פאָעמע „אָנהייב באַשאַף":

—

...גאָט הייבט אָן מיט אלף:
אנכי.
איד הייבט אָן מיט אלף:
איך.
...דער ערשטער אות פון ערשטן מענטש
אויף אונדזער גיריקער ערד,
הייבט זיך אָן מיט אלף:
אדם.
דער ערשטער אות פון ערשטן ייד
פון אונדזער אומה
הייבט זיך אָן מיט אלף:
אברהם.
...אויף אונדזער יידיש — הייבט זיך די
וועלט אָן
מיט א״ב —
בראשית ברא —
אָנהייב באַשאַף.

איז אַ ווונדער וואָס דער ייד זאָגט „כל התחלות קשות", אפילו דער אָנהייב פון דער תורה.

* * * * *

וועמען פון אונדז איז נישט באַקאַנט דאָס ווערטל: „נח מיט זיבן גרייזן"? (אינעם גאָלאָב יובל־בוך איז דאָ אַ לענגערע עסיי וועגן אָט דעם חדר־ווערטל פונעם באַקאַנטן פאָרשער דב סדן). איך וויל נאָר דאָ איבערגעבן אַן אַנדערן נוסח פונעם ווערטל ווי אַזוי איך האָב עס געהערט:

איין ישיבה־בחור פרעגט אַ צווייטן: קאָנסטו אויסלייגן נח מיט זיבן גרייזן?
— יאָ, זיבן גרייזן מיט אַ שמיטשיק — ענטפערט דער צווייטער און לייגט אויס דאָס וואָרט — „ן א ו י ה אַ כ."
— יאָ, ריכטיק, אָבער ווו איז דער שמיטשיק?
— עס איז פאַראַן אַ פלוגתא וועגן דעם סוף אות — וואָלט עס געשריבן געוואָרן מיט אַ שלוס־„ך" איז עס אַ גרייז, אַ געוויינטלעכער גרייז, אָבער ווען עס איז געשריבן מיט אַ „כ" צום סוף איז דאָך דאָס אַ טאָפּלטער גרייז. איז אויב מען זאָל דאָס רעכענען פאַר נאָך אַ גרייז וואָלט דאָך אויסגעקומען „נח" מיט אַכט גרייזן און עס איז דאָך אַ דבר ידוע אַז נח האָט נאָר זיבן גרייזן, מוז מען דאָס לעצטע אות רופן אַ „שגיאה גדולה", וואָס דאָס מיינט „אַ גרייז מיט אַ שמיטשיק."

דער ייד פלעגט זיך וויצלען איבער אַלץ און אַלעמען. ס׳פלעגט אַרומגיין אַ ווערטל, אַז אַ ייד וועט טאָן אַלץ צוליב אַ וויץ. ד״ר שמעון בערענפעלד האָט אין דעם געזען אַ סימן פון שפלות און ירידה:

„הליצנות הנבזה היא שארית מחמדנו, מימי הדור הקודם, וכמעט שהיה לצנות משל נעים" ׳אַ גלייך־ווערטל׳, ב׳הגלייך־ווערטל׳ שלהם אבדו את היהדות."

ד״ר בערענפעלד מאַכט דאָ אַ גוואַלדיקן טעות. דווקא מיט גאַלגן הומאָר האָט דער ייד דערטרונקען אין זיך דעם צער און ווייטאָג וואָס דער בלוטיקער שפּאַס פון דער געשיכטע האָט אים פאַראורזאַכט. ריכטיק האָט עס פאַרשטאַנען דער האַרציקער פאָלקס־דיכטער מ. מ. וואַרשאַווסקי:

....אַז מען צאַפּט פון מיר דאָס בלוט אַרויס

און מען מוטשעט מיך פאַמעלעך,
לאַך איך מיך גוט פון מיינע שונאים
אויס
און גיי מיר גאָר אַ פריילעכס.

דער ייד פלעגט אפילו אַריינקיבעצן דעם ריבונו של עולם אַליין. דער ייד האָט אַ ווערטל:

„גאָט איז אַ פאָטער —
אַז ער באַשערט נישט קיין מכה
באַשערט ער אַ בלאָטער."

אָדער: קעגן גאָט קען מען קיין טענות נישט האָבן, ווייל ער נעמט ער אַרויף צו זיך אויסצוטענהן."

„גאָט נעמט פון איינעם און גיט אַ צווייטן. אָט האָט ער דערלייגט אַברהמען אַ „ה"—אַ גאַנץ פינפערל. ער האָט גענומען פון שרי די „י", עס אויסגעביטן אויף צוויי פינפערלעך, געגעבן אַברהמען אַ פינפערל און שרהן אַ פינפערל, און פאַרטיק."

ווי זינגט ביאַליק אינעם ליד „אַ פריילעכס":

...העכער, העכער, הויבט דעם בעכער,
חי געלעבט! און חי געקוועלט!
אויף צעפּיקעניש די שונאים,
אויף צו להכעיס גאָר דער וועלט.

זייער אָפט איז דער מדרש, ווי אויך דער תלמוד, בייסיק מיט געוויסע טייטשן וואָס קלינגען כמעט ווי אפיקורסות. אויף דעם פסוק „מי כמוך באלים ה'" (שמות טו:יא) „באלם" כתיב, חסר יוד, והוא נדרש כמו אלם" (גטין נו). דער דרש פון רבי ישמעאל איז אַ גרויסע אָנקלאַגע קעגן ריבונו של עולם, וועלכער שטייט פון דער ווייטנס מיט אַ פאַרמאַכט מויל, ווי שטום. אַזוי איז אויך דער טייטש אויפן פסוק „מי כמוך חסין יה" (תהלים פט: ט'), מי כמוך חסין וקשה שאתה שומע נאצות וגידופים — ושותק."

זייער שאַרף האָט רעאַגירט אויף די יידישע רדיפות רב האי גאון, באַנוצנדיק דעם מאָטיוו:

...פאַרוואָס־זשע, אַז מיר בעטן, איז נישטאָ קיין חסד, און אַז מיר וויינען איז נישטאָ קיין רחמים? מיר האָבן אַלע געוואַרט און אויסגעקוקט די אויגן אַז ער זאָל נקמה נעמען און ס'איז געוועזן אומזיסט...

...אוי, ווער איז האַרטער, שטרענגער
פון אַ טאַטן,
וואָס איז אַ שונא זיינע אייגענע קינדער
געוואָרן?
ווען זיי קרענקען — קומט ער נישט
מבקר חולה זיין,
און ווען זיי שטאַרבן — איז ער זיי
נישט מקבר.
זיי זיינען מיאוס אים, ווי מיסט אויף
וויסטע פעלדער,
און הייסט אפילו נישט צענויפנעמען
די ביינער;
ער זעט, זיי זיינען רויב פאַר יעדן
רויבפויגל געוואָרן,
און האָט קיין איינזען נישט, מיט ערד
זיי צו פאַרשיטן...

(יידישע איבערזעצונג פון י. י. שוואַרץ „העברעישע פאָעזיע")

דאָס ציטירטע איז נאָר אַ קליינער טייל פון דער גרויסער פּאָעמע, געשריבן פון דעם גרויסן גאון, וואָס האָט געלעבט אין צענטן יאָרהונדערט

דער מדרש און תלמוד באַנוצן זיך מיט אַ סך ווערטלעך, וואָס זיי באַצייכענען „אמרי אנשי". אויף דעם פסוק: „ולרבקה אָח ושמו לבן, אָמר רבי יצחק „פרדוקסוס." (בראַ' רבה ט':ז'). רבי יצחק מיינט דאָ צו זאָגן, אַז „לבן", וואָס מיינט אויך ווייס און איז דער סימבאָל פון ערלעכקייט און אומשולד, איז ער גאָר אַ שווינדלער. אָט דאָס וואָס אַ מענטש הייסט און וואָס אַ מענטש איז, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן.

דער בעל הטורים, וואָס איז אַ מאַדים אויף וואָרטשפּיל, זאָגט: „לבן הארמי"— „הרמאי" (דער שווינדלער). רבי ששת בנבשתי שרייבט וועגן רבי מאיר בן טודרוס אבולפיה:

„שאלוני ידידי: איך יכונה בשם מאיר
והוא הולך חשכים ?
השיבותים : כבר קראו חכמים ללילה
אור, והוא מן ההיפכים."

דער פּשוטער פאָלקס־מענטש פלעגט טאַקע זאָגן, אַז אַ נאָמען מיינט גאָרנישט. ווען דער מאַן הייסט שלום און די ווייב טייבעלע, מיינט נאָך נישט אַז ס'איז ביי זיי שלום בית. אַ קאַרגער קאָן הייסן נתן, אַ באַגראָבער חיים; אַ קלוגער קען הייסן שעפּס, קאַלב, אָקס, ביק, אָדער גאָר אַנדערע בהמהשע נעמען.

* * * * *

דער ייד פלעגט אויך בויען הומאָר אויף טעמים פון דער תורה: אַ מענטש וואָס פירט זיך אויף לייטיש איז אַ „מונח רביעי"; קדמא ואזלאָ — קרומע פיס; אַ דריי־קאָפּ—מהפך; אַן איינפאַכער מענטש — פשטא; אַ רייכער בעל־גאווה — זקף גדול, אַ קליין געוויקסיק מענטשל — תלישה קטנה; אַ געגטער—אַזלא גרש; צוויי מאָל געגט — גרשיים; אַ פעדלער אָדער שנאָרער—מקף (מקיף על הפתחים); אַן אַרעמאַן—מונח; אַ טאָפּלטער אָרעמאַן — מונח אתנחתא; אַ מענטש וואָס שטויסט פון זיך— קרני פרה; אַ פּיצעלע קינד— ירח בן יומו; דער וואָס דרייט מיטן גראָבן פינגער— אַ שלשלת אָדער פזר; אַ זקן — סוף פסוק.



אַזוי האָט דער ייד דורכגעפירט אַ גאַלערעע פון פאַרשיידענע טיפּן מיט די טעמים פון דער תורה.

ווי אַזוי די שאלה אַזוי די תשובה.

פון וואַנען איז געדרונגען פון דער תורה דאָס וואָס די וועלט זאָגט: „ווי די שאלה אַזוי די תשובה"?

— פונעם טראָפּ אין חומש ביי דער געוויסער מעשה פון יהודה מיט תמרן: פריער שטייט „ויאמר" (ער האָט געזאָגט) מיט אַ פשטא, דאָס הייסט געלאַסן, שטייט דערביי „ותאמר" (זי האָט געזאָגט) אויך געלאַסן, מיט אַ פשטא; דערנאָך, מיט אַ פסוק ווייטער, שטייט שוין „ויאמר" מיט אַן אזלא, דאָס הייסט, מיט אַ בייזער, שטייט דערביי „ותאמר" אויך מיט אַן אַזלא, מיט דעם זעלבן בייזער הייסט עס; צום סוף שטייט שוין „ויאמר" מיט אַ רביעי, דאָס הייסט, מיט אַ טאָן פון איבערבעטן זיך, שטייט דערביי „ותאמר" פונקט אויך אַזוי מיט דעם זעלבן טאָן.

(י. ח. רבניצקי: „יידישע וויצן")

אויך די נקודות שפּילן אַ גאָר גרויסע ראָלע אינעם יידישן הומאָר און פאָלקלאָר: כידוע איז דער ייד אַ פינטעלע („ס'פּינטעלע ייד"), דאָס פאָלק אָבער איז אַ סגל (עם סגולה); ווען משיח וועט קומען, שטייט געשריבן, „היינו כחולמים": מיר וועלן ווערן אין דעם בחינה פון אַ „חולם", אין גלות זיינען מיר ווי אַ חירק אונטן, אָבער לעתיד לבוא וועלן מיר רייטן פון אויבן ווי אַ חולם. א. שטיינבערג באַנוצט זיך מיט די צוויי נקודות אויסצולאַכן די וועלכע רייסן זיך אויבן אָן און באַלאַנגען נישט דאָרט:

...שיין דערלעבט זיך, שיינע צייטן,
חירעק וויל פון אויבן רייטן.
...חירעק, ביסט דאָך פון געמיינעם עולם,
וואָס דראַפּעסט דו זיך אויבן,
און ווילסט גאָר ווערן אַ חולם...

גאָר כאַראַקטעריסטיש איז דער וויץ: „אַ נאַר מיט אַ פינטעלע", געבראַכט פון י. ח. רבניצקי.

שלמה המלך, דער חכם מכל אָדם, זאָגט אין זיינע משלים : „אַל תען כסיל כאולתו" (ניט ענטפער דעם נאַר ווי זיין נאַרישקייט), און באַלד טאַקע נאָך דעם זאָגט ער פונקט פאַרקערט: „ענה כסיל כאולתו" (ענטפער דעם נאַר ווי זיין נאַרישקייט). פרעגט זיך: ווי אַזוי קענען רעכט ווערן די דאָזיקע צוויי פסוקים? איינס פון די ביידע: אָדער יאָ ענטפערן, אָדער נישט ענטפערן!

דער תירוץ איז : דאָס ערשטע מאָל „כסיל" שטייט מיט אַ דגש (פינטעלע אין כף, און דאָס צווייטע מאָל—אָן אַ פינטעלע. און אָט דאָס טאַקע איז דער מיין: אויב דער נאַר איז „מיט אַ פינטעלע", פרוּוו זיך גאָר נישט אים צו ענטפערן און מיט אים זיך אויסצוטענהן, עס וועט דיר קיין זאַך נישט העלפן, מעגסט ריידן איבער אים פון היינט ביז מאָרגן — ער וועט בלייבן ביי זיינס; אויב ס'איז אָבער אַזאַ נאַר אַ פשוטער, אָן אַ „פינטעלע" — מעגסטו זיך פּרובירן אים ענטפערן, עס קען זיין אַז די ווערטער דיינע וועלן ניט זיין אומזיסט. (יידישע וויצן).

דאָס יידישע אות אָדער נקודה איז נישט נאָר געווען מאַטעריאַל פאַר צוויי־דייטיקן אויסטייטש פאַר לומדים און משכילים, אויך אַזאַ סאָציאַליסטישער שרייבער ווי מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט אגב אָנגעשריבן אַ היפּש ביסל סאָציאַלע פּאַראָדיעס אויף באַקאַנטע תפילות און פּיוטים, לאָזט אויך נישט דורך די געלעגנהייט אַריינצוקיבעצן די „פּאַראַזיטן און אויסנוצער."

„...די „דלת" איז ענלעך צו דער „ריש" — ביידע באַצייכענען „דלות", אָרעמקייט; דאַקעגן איז אויך די קרומע „כף", וואָס באַצייכנט „הענטעלע", ענלעך צו דער „בית", וואָס באַצייכנט „הייזעלע", ווייל ווער עס האָט אַ קרומע הענטעלע אַרבעט זיך אַרויף אויף אַ הייזעלע."

ביי יידן איז טאַקע דאָ אַ ווערטל: „ערלעך איז שווערלעך," אָבער ס'איז אויך דאָ אַ ווערטל: א' ב' ג' ד'. ווו אמונה, דאָ איז ברכה; ווו גנבה, דאָרטן דלות. גאָר טרעפלעך האָט עס באַצייכנט דער העברעישער סאַטיריקער, גרשון ראָזענצווייג:

אומלל כל איש ישר וכשר,
וכל נפתלי, גד ואשר.

(חמישה ואלף מכתמים)

אַ גאָר חשובן און בכבודיקן אָרט אינעם געבוי פון יידישן הומאָר פאַרנעמט „ראשי תיבות". יידן פלעגן ליב האָבן אַ געשמאַקן וויץ געבויט אויף ראשי תיבות. אַזוי פלעגט טרעפן, אַז יידן פלעגן קיבעצן איינער דעם אַנדערן מיט וויצן וועגן זייערע אייגענע נעמען. יעדער ייד פלעגט דאָך דאַרפן געדענקען אַ פסוק געבויט אויף דער אָנהייב און סוף פון זיין נאָמען. דער נאָמען „יצחק" איז געווען: „יוציאם מחושך וצלמות וממוסרותיהם ינתק"; מאיר—„מי זה האיש יורנו בדרך יבחר," אא״ו. איין מאָל האָט אַ ייד מיט אַ טאָפּלטן נאָמען, משה צדוק, געפרעגט אַ לץ, ער זאָל אים זאָגן וואָס זיין נאָמען מיינט לויט די אותיות. דער לץ האָט אים גלייך געענטפערט: משה צדוק — מיין שווער האַרץ צו דיין קאָפּ. צעלאַכט זיך דער ייד: איר האָט דאָך פאַרגעסן די „ו". ניין, ענטפערט דער לץ: זאָל זיין צו דיין ווייבס קאָפּ אויך.

ביי יידן איז פאַראַן אַ ווערטל: „יושר איז געשטאָרבן"—וואָס די ראשי־תיבות זיינען: יתגדל ויתקדש שמיה רבה."

גאָר אַ שטאַרקן קיבעץ איז דער וויץ וועגן די ראַבייס מיט זייערע סוירמאָנס:

— ווי קומט עס וואָס דער ראַביי דעליווערט סוירמאָנס אין שול אָנשטאָט האַלטן אַ דרשה?

— נו, יאָ, פון אַ סוירמאָן ביז אַ דרשה איז אַ ווייטער מהלך. דער ראַביי עפּנט אויף ס'מויל און עס גייט ווי אַ מזמור, אָבער וואָס צו הערן איז נישטאָ. דאַקעגן דער רב, אין דער אַלטער היים, פלעגט זיך שטאַרק מכין זיין צו אַ דרשה. עפּעס אַ קלייניקייט, מ'דאַרף ריידן פאַר אַן עדה יידן! מ'קאָן נאָך חלילה נכשל ווערן. די ראשי־תיבות פון „דרשה" זיינען עדות דאַרויף — „דרשה" — דער רבי שוויצט היינט."

מיר וואָלטן נישט יוצא געווען ווען מיר זאָלן נישט ברענגען לכל הפחות אַ פּאָר ביישפּילן וועגן די ראָל פון גמטריאות וואָס גאָר אַ סך פון זיי זיינען געוואָרן באַקאַנטע פאָלקס־ווערטלעך, ווי צ״ב: מנחה איז נישט קיין ציג, עס וועט נישט אַנטלויפן. (מנחה באַטרעפט בגימטריא ציג—103). אַ דאַנק (דנק) איז „עולם הבא"— ביידע באַטרעפן 154; געלט ווי בלאָטע — געלט איז בגימט' בלאָטע, 112; דער שטן ליגט אין די קאָרטן — „שטן" איז בגימטריא „קרטן". קאָרטן פלעגט מען אויך רופן „קליין ש״ס, ווייל אויפן מאָדערנעם אויסלייג באַטרעפט קאָרטן פונקט ווי ש״ס — 360.

כדאַי זיך אויך אָפּשטעלן אויף דער הין און צוריק, ווי אויך „אתבש". ביי יידן איז פאַרשפּרייט די גרויסע מידה פון צדקה, ווייל אפילו „המתפרנס מצדקה חייב בצדקה." אויף דעם וואָרט „ונתנו" (זיי האָבן געגעבן) זאָגט דער בעל הטורים, אַז עס לייענט זיך הין און צוריק דאָס זעלבע, ווייל יעדער ייד פון רעכטס אָדער לינקס איז מחויב צו געבן צדקה. ווייזט אָבער אַן אַנדערער אויך, אַז דאָס וואָרט „צדקה" לויט אתב״ש, לייענט זיך אויך פון רעכטס צו לינקס „צדקה". היינט דאָס ריידן מיט רמזים און לשון סגי נהור. ווען אַ מיידל איז איבער די שלושים, זאָגט מען: זי מעג שוין הערן שפּילן; וואָס הערט זיך עפּעס מכוח אַכצן און דרייצן? (דאָס ווערטל איז אַ סך געפּאָרשט געוואָרן אָבער דעם גענויעם מיין איז נאָך אַלץ נישט קלאָר; „ער איז געבליבן אָן אותיות" — עס מיינט, אַז ער איז געבליבן אָן דיבורים.

אַ ווערטל איז אויך דאָס פענצטערל צו דער פאָלקס־נשמה. דער ענגלענדער ווען ער וויל באַצייכענען אַז ער האָפט מצליח צו זיין, זאָגט ער: „ווהען מאַי שיפּ וויל קאַם אין"; אַן אַמעריקאַנער, וואָס שפּילט שוין אויף פערדלעך, זאָגט:: „ווהען מאַי האָרס וויל ווין." דער איירישער רעדט פון געווינען אויפן סוויפּ־סטעיקס. דער ייד אָבער, וואָס אים איז נעבעך ביטער אויף וועלכער זייט מען לייגט אים — קיין סוויפּ־סטעיקס, קיין שיפן, קיין פערדלעך וועלן צו זיין מכה נישט העלפן — ער האָט נאָר איין וואָרט וואָס זאָגט גאָר אַ סך —„לכשירחיב."

יאָ, דעם יידנס געלעכטער איז אָפּט מאָל גאַליק, ווי שלום עליכם האָט עס באַצייכנט: לאַכן מיט יאַשטשערקעס. ווי איז עס מעגלעך צו לאַכן מיט יאַשטשערקעס? איז דאָ אויף דעם אַ תירוץ: ווען עשו האָט באַגעגנט יעקבן, שטייט געשריבן: „ויפול על פניו וישקהו." דאָס וואָס „וישקהו" האָט פּינטעלעך אויבן. אין



אויב מען קאָן קושן מיט פּינטעלעך, קאָן מען אויך לאַכן מיט יאַשטשערקעס...

וועגן דעם קמץ וואָס רעדט זיך אַרויס אין דער הברה הספרדית אַלס פּתח, פלעגט דניאל פּערסקי ע״ה (וועלכער האָט אגב נישט געוואָלט ריידן נייערט מיט דער הברה אַשכנזית) געזאָגט, אַז אויף אַ יתום מיט אַן אַלמנה האָט מען רחמנות, אָבער אויף אַ „יאַטאָם וואַלמאַנאַ" וועט זיך קיינער נישט אומקוקן. דער ממשל, א. מעדניק שרייבט אין „היימיש" וועגן דעם קמץ מיטן פּתח. מיר וועלן נאָר ציטירן אַ פּאָר סטראָפן:

...דורות לאַנג געווען אַ קמץ
אומעטום, נישט אין איין לאַנד—
וו איז נישט געווען באַקאַנט
דער „קמץ אלף אָ"
...קמץ אלף איז גאָר „אַ"!
וואָס זאָגט איר צו אַ טייטש אַזאַ ?
אָסור אויב איך ווייס
ווי אַזוי זיך צו פירן איצטער מיטן
אלף־בית—
און ווי אַזוי מיין צער באַהאַלטן
כ'זאָל עס :
אין אונדזער אייגן לאַנד—אַ קמץ זיין
אין גלות ! . . .

...אָנגעהויבן מיט אַ קליינעם שינוי
ביי דער אלף — און צום סוף—
נישט מער „דער רבי", נישט די
קינדערלעך, ווען ס'האַלט ביים תּאָוו.

(„היימיש", פעברואַר־מאַרטש, 1960)

## סאָניע אָמאַן

# איך וויל זיין פריי

איך וויל זיין פריי,
איך וויל קיין זאַך זאָל
מיין פרייהייט נישט צעשטערן;
איך וויל זאָגן וואָס איך פיל
און דענקען וואָס איך וויל—
אויב איך וויל מעג איך לאַכן
און אויך פאַרגיסן טרערן.

קיין מענטש זאָל מיין דענקען
נישט באַצווינגען—
יעדן איינעם קען איך אויסהערן
און באַנעמען,
נאָר מיינע רעיונות
פאַר זיך אַליין וויל איך פאַרמירן;
ענטפערן וויל איך
פאַר זיך אַליין, נישט פאַר קיינעם.

איך וויל קיין חשבון
קיינעם נישט אָפּגעבן —
איך בין דער מישפּטער
און געמישפּטער אַליין ;
דעם לעבנס־חשבון
זיך אַליין וויל איך אָפּגעבן—
מיין געוויסן זאָל מיר זאָגן
צי איך בין שולדיק,
צי איך בין ריין.

איך וויל זיין פריי
פון דעם „מוז" און דעם „מ'טאָרנישט,"
פון האַס און קינאה, רכילות און חניפה.
איך וויל זיין פריי ווי דער ווינט,
אומשולדיק ווי אַ קינד
און אויף קיין פאַרגאַנגענעם טאַט
קיין מאָל האָבן קיין חרטה.

אריה פאַזי

# קבלה און חסידות

(המשך פון „חשבון“ נומער 60)

3.

## רבי ישראל בעל שם טוב

ישראל, דער שפּעטערדיקער בעל־שם־טוב, איז נאָך געווען זייער יונג ווען ער איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום, און אַז גוטע מענטשן האָבן אים אַריינגעגעבן אין חדר, איז ער פון דאָרט איין טאָג נעלם געוואָרן. שפּעטער האָט מען אים געפונען וואַנדערנדיק פאַרחושט איבערן וואַלד. זיינע, אַזוי גערופענע, „אפּוטרופּסים“, האָבן אים באַטראַכט פאַר „ווילד“ און „צעלאָזן“, וואָס צו קיין תכלית קען מען אים ניט דערפירן. האָבן זיי, מיט דער צייט, זיך פון אים מייאש געווען און אים פאַרוואָרלאָזט. איז ער געוואַקסן אָן וועלכער ניט איז אויפפאַסונג.

איז ער שפּעטער געוואָרן אַ באַהעלפער ביי אַ מלמד. ער פלעגט יעדן טאָג פירן די קינדער אין חדר און אין שול אַריין, זיי געלערנט ווי צו מאַכן אַ ברכה, ווי צו זאָגן קדושה און דאָס גלייכן. ווען ער פלעגט פירן די קינדער אין שול האָט ער מיט זיי געזונגען הויך אויפן קול, און זיין געזאַנג איז געווען אנגענעם און פול מיט נעימות.

ס׳שטעלט זיך פאָר אַזאַ מין בילד: אַ קליין, אָרעם ייִנגל, ניט אַ בעל־יחוס, פירט איבער די גאַסן אַ מחנה קינדער, און מיט קינדערישער באַגייסטערונג זינגט ער אַ חזניש ניגון און אַלע קינדער באַגלייטן אים מיט זייערע שיינע שטימעלעך און די מענטשן פון שטעטל שטייען און קוקן זיך צו און הערן זיך איין, און וואונדערן זיך און ס׳דערוועקן זיך אין זיי הייליקע געדאַנקען פון תשובה און חרטה, געמישט מיט מתיקות.

איז ווער עס וויל וויסן און וויל באַגרייפן, וואָס ס׳איז דער יסוד פון חסידות, פון וואָס פאַר אַ קערנדל עס שטאַמט, זאָל ער זיך וועגן אָט דעם ענין פאַרטראַכטן: אַ ייִנגל, אַ יתום, אַ פאַרעלנטער — רייסט זיך אַרויס פון חדר און בלאָנדזשעט אַליין איבערן וואַלד, און דער זעלביקער ייִנגל, ווען מ׳גיט אים די השגחה איבער אַנדערע קינדער (אפשר ניט פיל ייִנגער פון אים), פירט ער זיי איבער די גאַסן פון דעם שטעטל און זינגט מיט זיי מיט אַזאַ מתיקות, אַז מענטשן ווערן פאַרגאַפט. און דאָס ייִנגל איז דער דאָזיקער וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער בעל־שם־טוב, דער גרינדער פון חסידות.

און די לעגענדע דערציילט טאַקע, אַז די שטימע פון אָט דעם תמימותדיקן ייִנגל האָט געשפּאָלטן די הימלען און האָט דערוועקט דאָרט, אין דער הויך, אַ באַזונדערן תענוג, געגליכן צום תענוג וואָס מ׳האָט געקראָגן אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן, בעת מ׳האָט זיך צוגעהערט צו די ניגונים פון די לוויים, ווען זיי האָבן געפּראַוועט די עבודה אין בית־המקדש.

צו דרייצן יאָר איז ישראל געוואָרן אַ שמש אין אַ שול. דאָרט, צווישן די ווענט פון בית־המדרש, האָט ער געקראָגן די געלעגנהייט געניי צו באַקענען זיך מיט דער ייִדיש־לומדישער סביבה. ער האָט זיך צוגעהערט צום פּילפּול פון די למדנים ביים לערנען פאַרנומען זייער משא־ומתן, און זיין האַרץ האָט ניט געקערט צו זיי. שוין דענסטמאָל, דערציילט די לעגענדע, האָט ער דערפילט, אַז ניט דאָס איז דער וועג. ס׳איז טרוקן, ס׳פעלט אין דעם די ליחות, די זאַפטיקייט פון דער נשמה פון ייִדישקייט. ס׳איז ניט די הערלעכע, ריינע, נשמה־דערקוויקנדיקע מתיקות פון ייִדישקייט, וואָס ער האָט געפילט ביי זיך אין האַרצן.

איז ער אַוועק פון דער שול און האָט זיך פאַרנומען מיט אַנדערע מלאכות — אַלערליי מלאכות, אבי צו דערנערן זיך. ער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער אַלערליי גאַסן און הייזער פון דער שטאָט, אָבער



קיין רו פאַר זיין גייסט האָט ער אין ערגעץ ניט געפונען.

האָט ער פאַרלאָזט סיי די שטאָט און סיי די מענטשן, און ווייט פון די פאַררויכערטע ווענט פון דער שול, ווייט פון דעם געטומל און פּילפּול פון די רבנים און לומדים, האָט ישראל זיך אַוועקגעלאָזט צו וואַנדערן צווישן פעלדער און וועלדער, צווישן בערג און טאָלן.

און דאָ, אונטער די בלויע הימלען, אין דער רחבות פון דער פרייער וועלט, האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די הערלעכע געשטאַלטיקייט פון גאָט, דער גאָט פון ברכה, דער גאָט פון רחבות און אויסגעשפּרייטקייט, דער גאָט פון די נביאים און מקובלים, דער גאָט פון ישראל.

זיבן יאָר האָט ער זיך אַזוי מתבודד געווען; געווען פאַרטיפט, פאַרטראַכט און פאַרדענקט צו אַנטפּלעקן דעם יסוד פון דער וועלט און די שייכות דערצו פון עם ישראל, חכמת ישראל און נשמת ישראל. און ווען ער האָט צו די סודות זיך דערגרונטעוועט און זייער באַשייד פאַרנומען, איז געקומען די צייט פאַר אים נתגלה צו ווערן, אַנטפּלעקן זיך פאַר דער וועלט. ווי אַ קול פון הימל וואָלט זיך צו אים דערטראָגן און אויסגערופן: „שטיי אויף און קער זיך אום צו דיינע ברידער, צו דיין פאָלק, און זיי פאַר זיי אַ פירער און וויַיז זיי די וועגן וואָס פירן צו גאָט! שטיי אויף, די צייט איז שוין געקומען!“

און ווען ער איז צוריקגעקומען צום פאָלק, און מיט זיין אויסגעלייטערטן בליק באַטראַכט דעם שטייגער לעבן פונעם פאָלק און ווי געגאַרט און פאַרטומלט עס איז; דערזען ווי די רבנים, מנהיגים און לומדים טייטשן אַלץ אַזוי פאַלש; ווי אין די שולן איז קאַלט און שימל איז אין זיי אַריינגעקראָכן — איז אים זיין האַרץ פאַרקלעמט געוואָרן: „וויי, וויי!“ האָט ער אויסגערופן, „די וועלט איז פול מיט אַזוי פיל וווּנדער, וואָס זיינען מחיה דאָס האַרץ און ברענגען ליכט פאַר די אויגן, און דאָ איז בלינדקייט אַרום און אַרום!“

און ער האָט אָנגעהויבן פריידיקן ווי צו דערקענען גאָט. ער האָט אָנגעהויבן עפענען די אויגן פונעם פאָלק, וואָס זיינען פאַרבלענדט געווען.

האָבן אַ סך פאַרלאָזט די בענק פונעם בית־המדרש, פאַרמאַכט די גמרות, האָבן אויפגעהערט ברעכן זיך די קעפּ איבער די פּילפּולים, חילוקים, סוגיות און הוויות, און זיי האָבן זיך אַוועקגעצויגן נאָך אים און זיינען געקומען הערן תורה פון זיין מויל. אפילו אַ צאָל באַרימטע רבנים, וואָס ערשט נעכטן איז דער עיקר פון זייער ייִדישקייט באַשטאַנען פון לערנען און פייניקונגען, פון תעניתים און סגופים, פון דינים און נדרים — זיינען אויך געוואָרן זיינע נאָכפאָלגערס און תלמידים און איבערגענומען זיין שטייגערישקייט און אויפפירונג. און וואָס שייך מקובלים, האָבן אַ סך פון זיי אויך געניגט זייערע אויערן צו וואָס דער יונגער בעל־שם־טוב האָט געפּריידיקט און האָבן זיין תורה איבערגענומען.

אָבער, ווי פריער דערמאָנט, איז דעם בעל־שם־טובס תורה פון חסידות אין איר עצם גאָר ניט ניי געווען. דאָס איז די זעלביקע אַלטע ייִדישע תורה אין אַ נייער צופּאַסונג צום לעבן; דאָס איז די זעלביקע תורה פון די נביאים, פון די תנאים, פון הלכה, אגדה און, דער עיקר, קבלה; די תורה פון דעם פּשוטן תמימותדיקן גלויבן אין גאָט, מיט דער דערהייבונג פון מענטש צו געטלעכקייט — אויפן קבלה־שטייגער, און דאָס מקרב זיין גאָט צו מענטשלעכקייט — אויפן פאָלקסטימלעכן שטייגער; אַ תורה אָן שום פילאָסאָפישע אָדער רבנישע חקירות און איבער־המצאות, נאָר די תורה פון התלהבות און גאַנצלעכן אויפלייזן זיך אין גאָט, די תורה פון ליבשאַפט און באַרמהאַרציקייט, וואָס שטאַמט פון דער טיפענישׁ פון האַרץ.

רבי ישראל בעש״ט איז אַרומגעגאַנגען איבער שטעט און דערפער, איבער גאַסן און מאַרקפּלעצער און האָט געפּריידיקט אָט די אַלע דערהייבענע געדאַנקען און די הייליקע ווערטער פון די מקובלים, וואָס ביז דענסטמאָל זיינען זיי געווען באַקאַנט בלויז צו יחידי־סגולה, און איצט האָט ער זיי אַרויסגעבראַכט צום פאָלק. און איבערדערציילט האָט ער אָט די אַלע דערהייבענע רעיונות אין אַ פאָלקסטימלעכער שפּראַך און מיט גרויס פּשטות, און אויף דעם אופן זיי צוגעפּאַסט צום פאָלקסטימלעכן גייסט. זיינע געדאַנקען

האָט ער באַקליידט מיט משלים און מליצות און באַפּוצט זיי מיט שיינע פאָלקסטימלעכע מעשיות, גענומען פון פאָלקסלעבן. ער פלעגט זיך באַווייזן אויף אַ מאַרק, ווו ער האָט אָנגעטראָפן אַ סך יידן פאַרהאַוועט אין זייער האַנדל־וואַנדל. ניט גאָט און ניט יידישקייט ליגט זיי בעת־מעשה אין זינען. שטעלט ער אָפּ אַ פּאָר יידן און פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס וועגן פשוטע און געוויינלעכע ענינים. אָבער בעתן שמועס פירט ער אַרויף אויף אַן אגב־אורחה שטייגער זיינע געדאַנקען וועגן גאָט און זיינע וווּנדער, וועגן מענטש און זיינע מידות, וועגן דער גייסטיקער קרובה־שאַפט צווישן גאָט און מענטש. און דער שמועס איז אַזוי לייכט און זיין אינהאַלט איז אַזוי דערהויבן, ריין, און איז אַזוי פאַרשטענדלעך צו די דאָזיקע פאַרהאַוועטע מענטשן. און תיכף איז שוין אַרום אים אַ רעדל פון אַלערליי יידן: „דער בעל־שם־טוב איז דאָ!“ און ער שטייט אין מיטן קרייז און דרשנט, און חזרט איבער נאָך אַ מאָל זיינע רייד און גיט זיי צו דערקלערן דורך אַ משל פון היימישע זאַכן: פון אַ פערד און אַ קאַלב, פון תבואה און אַנדערע מסחרים און ער דערציילט: „אין יעדער זאַך זייען דאָ וועלטן, אומעטום איז דאָ נשמהדיקייט, געטלעכקייט.“ דערביי טרייסט ער זיינע צוהערערס: „השם יתברך וויל, אַז מ׳זאָל אים דינען אויף אַלערליי אופנים און מתייחד זיין זיך מיט אים קאָן מען אויף יעדן שטייגער: „סיי דורך דברי־תורה און תפילה און סיי דורך פראָסטן שמועס מיט אַ יידן אין מאַרק.“ און די דאָזיקע פשוטע יידישע פאָלקסמענטשן פלעגן זיך אומקערן אַהיים גייסטיק דערהויבן און מיט מער תקיפות. זיי, די פאַרוואָרלאָזטע, די באַזייטיקטע אָרעמע קרעמערלעך און בעל־מלאכות, זיינען נאָך אַלעמען ניט פאַרלוירן — אַזוי האָט זיי דער בעל־שם־טוב געגעבן זיין הבטחה.

ישראל בעש״ט איז קיין שרייבער ניט געווען. זיין תורה איז פון אַנדערע, ניט פון אים אַליין פאַרשריבן געוואָרן. ער אַליין האָט זיך ניט באַצויגן מיט איבעריקער יראת הכבוד פאַר דאָס געשריבענע, די טויטע אותיות, דעם ספר. ווי מ׳זיפט זאַמד כדי פון דאָרט אַרויסצוציען אַ פאַרבאָרגענעם דימענט, אַזוי האָט ער גענישטערט איבער צענדליקער בלעטער פון ספרים בכדי אַרויסצוקריגן פון דאָרט אַ פאַרהוילענעם געדאַנק, אויף וועלכן ער זאָל קענען אַרויפציען פלייש און הויט, אים אַריינפּאַסן אין שפּרודלדיקן לעבן און עס ברענגען צום פאָלק און מיט דעם באַרייכערן זיין נשמה און געבן טיפן אינהאַלט און זיניקייט אין זיין קיום.

און דאָס פאָלק האָט דעם בעל־שם־טוב געגלייבט און צו זיינע רייד זיך צוגעהערט. דאָס פאָלק האָט אים באַטראַכט ווי אַ הייליקן, אַ דערהייבענעם — אַ צדיק, און האָט זיך נאָך אים געצויגן.

און וועגן אים האָבן זיך אָנגעהייבן פאַרשפּרייטן אַ סך וווּנדערלעכע לעגענדעס. די לעגענדעס זיינען אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל און זיי זיינען דערגאַנגען ביז די ווייטסטע ישובים איבערן לאַנד און אומעטום האָבן זיי פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פונעם פאָלק. און ווי אַ געזאַנג האָט עס אָפּגעהילכט צווישן פאָלק: „אַ נייער דערלייזער איז אויפגעקומען פאַר יידישקייט!“

מענטשן וואָס גריבלען זיך און ווילן פעסטשטעלן ענינים אויף אַ פעסטן שטייגער, וואָס פאַרליידט ניט קיין פאַרקערטקייטן, זיי געפינען יאָ אַ סך סתירות אין בעש״טס תורה. אָבער דאָס קאָן זיין תורה בשום אופן ניט פסלענען. ביי וועמען פון די גרויסע גייסטיקע פירערס פון די מענטשן זיינען קיין סתירות ניטאָ? אפילו ביי די נביאים זיינען זיי דאָ, אפילו אין דער תורה זיינען דאָ פסוקים וואָס זיינען סותר איינע די אַנדערע.

אויך איז אין דעם בעש״טס תורה ניט פאַראַן קיין באַשטימטע שיטה אָדער אַ סדר. געגליכן צו די נביאים, איז דער בעש״ט אויך ניט געווען קיין לאָגיקער און ניט קיין חקרן. „וואָס גאָט טוט אַריין אין זייער מויל, דאָס ריידן זיי,“ האָבן די נביאים אויף זיך געזאָגט. אַזוי אויך דער בעש״ט. זיינע געדאַנקען זיינען צעשפּרייטע ליכט־שטראַלן, פייערדיקע פונקען פון גאָטס פלאַם. דער בעש״ט האָט זיינע געדאַנקען ניט ציטירט פון ספרים. ער האָט ניט ליב געהאַט צו באַנוצן זיך מיט אַ צווייטנס געדאַנקען. זיינע רייד און זיינע אויפקלערונגען האָבן געשטאַמט פון זיין



אייגענעם באַוווּסטזיין און ניט „ווי אין פסוק שטייט.“

נישט אין ספר און נישט אין דער מסורה האָט ער געזוכט גאָט, נייערט אַרום זיך האָט ער אים געזוכט און אַרום זיך האָט ער אים אויך געפונען: אין דער נאַטור, אין לעבן, צווישן דעם המון, אין מאַרק, אין דעם וואָכעדיקן רעדן, אין אַ פשוטן ניגון. „אפילו אין אַ גויאישן ניגון איז דאָ אַ געטלעכער פונק,“ האָט ער געזאָגט. גאָט איז ביי אים געווען אַן אומ־מיטלבאַרע און אינערלעכע דערקענטעניש. ער האָט געזען גאָט אין אַלצדינג, אין גאַנצן לעבן. „אויב דו מיידסט אויס צו לעבן,“ האָט ער געפּרעדיקט, „מיידסטו זיך אויס פון גאָט. נאָר דורך לעבן, דווקא דורך עסן, טרינקען, פרייד און פאַרגעניגן דערנענטערט מען זיך צו גאָט. וואָרעם אַלץ איז דער לעבעדיקער גאָט. און אויב דו טייטסט אין זיך דאָס לעבן, דעם פאַרלאַנג, בענקשאַפט, וואָס זיי זיינען אויך אַ טייל פון גאָט — טייטסטו במילא אָפּ גאָט, כביכול.“

און נאָך האָט דער בעש״ט געפּרעדיקט: „נישט ווי אַ דערנידעריקטער און אַ פאַראַכטיקטער, ניט ווי אַ קנעכט פאַר זיין האַר, דאַרפסטו לעבן אין דעם וועלטבאַשאַף, אין געטלעכקייט, נאָר שטאָלץ און פריילעך.“

און דאָס איז געווען דעם בעש״טס געבאָט צו מענטש: „אפילו ווען מ׳ווערט געשטרויכלט מיט אַן עבירה, דאַרף מען אויך ביי זיך ניט אַראָפּפאַלן.“ ער האָט דאָס דערקלערט דערמיט, אַז אָפט מאָל דוכט זיך, אַז מ׳איז באַגאַנגען אַ זינד, און באמת איז עס גאָר קיין זינד ניט געווען, נאָר ס׳איז געווען מעשה שטן, וואָס באַשטרעבט אַריינצוציען דעם מענטשן אין עצבות, וואָס דאָס אַליין איז אַ זינד.

ישראל בעש״ט איז געווען אַ מענטש פון לעבנסלוסט, אין היפוך פון דעם אר״י און זיינע נאָכפאָלגערס, וועלכע האָבן אָפּגעטייט דאָס לעבן. ניט נאָר מעגסטו לעבן, נאָר דו ביסט מחויב צו לעבן. דאָס לעבן דאַרף ניט זיין אַ נויט, אַן אַרויפּצוואַנג, נאָר אַ גלוסטונג, אַ שטרעבונג. אָבער דאָס דאָזיקע לעבן, די גלוסטונג און שטרעבונג דאַרף זיין אין קדושה. אפילו דאָס גשמיותדיקע אין מענטשן דאַרף זיין געבונדן מיט דער כוונה צו באַהעפטן זיך מיט גאָט און מיט דער שכינה. מ׳דאַרף אויפּפּאַסן דאָס לעבן אַזוי ווי גאָט האָט עס געגעבן: אינאיינעם מיט דער תאווה, מיטן געלעכטער, מיט פרייד און הנאה; מ׳טאָר ניט אָפּשוואַכן דאָס לעבן און זיין טבע טאָר מען ניט פאַרמינערן. וואָרעם אין אַלץ איז גאָט. אפילו אין זינד איז גאָט. „גם ביחוד של שקר, השכינה בכיכול מתלבשת שם (אפילו אין געשלעכטלעכן פאַרקער טוט זיך די שכינה אַריין).

מ׳דאַרף לעבן און פאַרזיסן דאָס שלעכטס, האָט דער בעש״ט געטענהט, וואָרעם עס איז גאָר ניט פאַראַן קיין אַבסאָלוטע שלעכטס. „שלעכטס איז אַ געשטעל פאַרן גוטן,“ האָט ער געזאָגט, אפילו „אין דעם שקר איז דאָ אַ ניצוץ פון אמת.“ מ׳דאַרף הנאה האָבן פון לעבן, אָבער טאָן דאַרף מען עס אויף אַ ריינעם הייליקן שטייגער; יאָ הנאה האָבן פונעם לעבן, אָבער, אין דער זעלביקער צייט, באַהעפטן זיך מיט גאָט.

אָט אַזוי האָט דער בעש״ט געטראַכט און אָט אַזוי האָט ער געלערנט דאָס פאָלק. דאָס פאָלק, וואָס איז געוווינט געווען צו הערן, אַז ער איז מחויב זיך אָפּצוזאָגן פון דער הנאה פון לעבן; דאָס פאָלק וועמען מ׳האָט געשראָקן מיט אימהדיקע געשיכטעס פון פאַרשיידענע שטראָפן וואָס וואַרטן אויפן מענטשן, וועלכער איז ניט מדקדק אויף מצוות; דאָס פאָלק וועמען מ׳האָט דערציילט די מעשה פונעם אר״י, אַז „ער האָט איין מאָל געזען אַ מענטשן, וועלכער איז שוין פון וויפל יאָרן געווען טויט, ווי מען האָט זיין נשמה נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין באַשטראָפן הלמאי ער האָט אַ מאָל, אום שבת, בשוגג, אַרויסגעטראָגן אין דרויסן אַ ביסל זאַמד אין די שיך! — צו אָט דעם פאָלק האָט דער בעש״ט געפּרעדיקט צו דערקענען אַ לעבעדיקן גאָט, צו באַהעפטן זיך מיט אים ניט דורך פאַסטן און סגופים, נייערט צו טאָן עס דורך לעבנס־פרייד און דורך דער מיסטישער פאַרבאָרגעניש, וואָס איז בטבע אַריינגעטאָן אין האַרץ.

* * * * *

דאָס איז דער בעש״ט און דאָס איז דער עיקר פון דער תורה, וואָס ער האָט געגעבן

צום פאָלק. זינט דער בעש״ט איז נפטר געוואָרן, זיינען זיך שוין פאַרלאָפן מער פון צוויי הונדערט יאָר. (ער איז נפטר געוואָרן אין 2טן טאָג שבועות, תק״ד). אין משך פון דער צייט איז צום חסידות אַ סך צוגעגעבן געוואָרן און פון זיין פשטות איז אַ סך אָפּגעקומען. עס זיינען געקומען אַזעלכע מפרשים פון חסידות, ווי ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט דאָס פשוטע און תמימותדיקע בעש״טישע חסידות אין אַ קבלה־פילאָסאָפיע, אין אַ נייעם פילפול און למדנות, וואָס נאָר מבינים און יחידי סגולה קענען עס פאַרשטיין. אויך אַנדערע מפרשים האָבן חסידות אַנדערש געטייטשט און מפרש געווען. אָבער דער עיקר פון חסידות איז געווען און געבליבן דאָס וואָס דער בעש״ט האָט לכתחילה געבראַכט צום פאָלק: רעליגיעזע התלהבות, אַ פונק פון גאָטס פלאַם, וואָס דרינגט אַריין אין האַרץ פון מענטש און צעפלאַקערט זיך דאָרט מיט אַ הייליקן פייער.

דעם בעש״טס חסידות איז ריינע יידישע מיסטיק, יידישע קבלה, וואָס זיין אָנהייב זען מיר שוין אין תנ״ך און וואָס האָט געפונען זיין שטענדיקע אַנטוויקלונג און רייפן אויסדרוק דורך דעם שאַפער אָדער שאַפערס פונעם זוהר, דורך די שפּעטערדיקע מקובלים, דער עיקר די פון צפת און זייערע מפרשים אין פוילן און אַנדערע מקומות.

אָבער וואָס פאַר אַ היסטאָרישע מיסיע פאַרמאָגט דאָס חסידות פאַר דעם הווה און פאַר דער צוקונפט? פאַרמאָגט חסידות אַזאַ גייסטיקן כוח, וואָס זאָל קאָנען אויסאיבן אַ גייסטיקן איינפלוס אויף דעם איצטיקן נייעם יידישן דור?

נו, איז דאָס אַ פראַגע, וואָס פאַרלאַנגט, אַז מ׳זאָל זי ערנסט באַטראַכטן.

* * * * *

## דער צדיקים־קולט און השכלה

ס׳איז דער היסטאָרישער גורל פון מאַסן־באַוועגונגען מיט דער צייט דעמאָראַליזירט צו ווערן. ניט געאַכט ווי גרויס עס איז דער אידעאַליזם און די גייסטיקע דערהייבנקייט פון זייער שורש. אַ דערהייבענער מענטשלעכער אידעאַל לייטערט זיך אויס אין געמיט פון אַ יחיד, אָבער ווען זיין אָפּקלאַנג הייבט אָן איבערצוקלינגען זיך דורך דעם רבים, געטייטשט און איבערגעטייטשט צו ווערן, ציט צו מאַסן־אָנהענגערס און קריגט אַ מאַסן־פּסיכאָז, ווערט גלויבן פאַרוואַנדלט אין איבערגלויבן, און געמיטלעכקייט — אָפט מאָל אין אַ היסטעריע.

אויף דעם האָט גרונטלעך אָנגעוויזן העגעל אין דעם אַריינפיר פון זיין גרויסן ווערק „פילאָזאָפיע דער געשיכטע", ווו ער זאָגט, אַז „אין דער וועלט־געשיכטע ווערט בכלל בטל דער זין פון די מעשים וואָס מענטשן ברענגען אַרויס, און פון דעם אַנטשטייט עפּעס אַזוינס וואָס איז דער סאַמע היפּוך פון דעם וואָס יענע האָבן באַצוועקט און געוואָלט — וועגן וואָס זיי האָבן אוממיטלבאַר געוווסט און דערצו געשטרעבט. מענטשן באַצוועקן בלויז זייערע אייגענע אינטערעסן און דערביי ווערט דערגרייכט עטוואָס אַזוינס, וואָס איז לויט זיין מהות אַ נאַטירלעכער אויסגאַנג פון דעם וואָס ווערט אָריגינעל אַרויסגעבראַכט, אָבער וואָס איז געווען אויסער דעם באַוווסטזיין פון די דאָזיקע מענטשן און אויסער זייער כוונה..." „מען דאַרף פאַרשטיין און געדענקען," זאָגט ווייטער העגעל, „אַז אין דער אוממיטלבאַרער טעטיקייט קען זיין פאַרבאָרגן אַזוינס, וואָס איז אויסער די גרענעצן פון דעם באַוווסטזיין און ווילן פון דער פּערזענלעכקייט וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט."

אָט דעם גורל האָט אויך חסידות ניט אויסגעמיטן.

חסידות, וואָס ציט זיין לויטערן קוואַל פון ישראל בעל־שם־טוב און וואָס האָט געהאַט די כוונה — און טיילווייז עס אויך דערגרייכט — צו באַגייסטערן דאָס פאָלק און אים געבן אַ טיפן זין אין לעבן בכלל און אין יידישלעכן לעבן בפרט, האָט מיט דער צייט אָנגענומען אַ שטייגערישקייט, וואָס איז „אויסער די גרענעצן פון דעם באַוווסטזיין און ווילן פון דער פּערזענלעכקייט (פונעם בעש״ט) וואָס האָט זיי (זיין אידעאַל) אַרויסגעבראַכט."

נאָך דער פּטירה פון דעם בעש״ט זיינען צווישן זיינע תלמידים גופא אויפגעקומען מענטשן פון גייסט, וואָס האָבן געזען די אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער דעגענעראַציע און זיי האָבן זי געוואָלט אָפּשטעלן, אָבער ס׳האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן דאָס צו טאָן. איינער פון זיי איז געווען דער פריער דערמאָנטער גרויסער און פאַרטיפטער דענקער, ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, וועלכער איז באַקאַנט ווי דער „בעל התניא", לויטן נאָמען פונעם ספר וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן. ר׳ שניאור זלמן האָט אַרויסגעבראַכט דעם פאַנטעאיסטישן זין פון חסידות און האָט עס אַנטוויקלט אין אַ תורה פון מאָנומענטאַלער שטאַרקייט און אייניקייט. אָבער זיין תורה איז געווען צו טיף אַז דאָס פאָלק זאָל עס קענען באַנעמען און ער האָט די דעגענעראַציע פון דער חסידישער באַוועגונג ניט געקענט אָפּשטעלן.

דעם טיפן זין פון דער תורה פון בעש״ט האָט דאָס פאָלק לכתחילה אויך נישט פאַרשטאַנען. דאָס פאָלק האָט עס אָבער מיט באַגייסטערונג אָנגענומען, ווייל דער בעש״ט האָט אים געגעבן די תמימותדיקע אמונה אין גאָט און די געפילן פאַר אים. יידן זיינען בטבע פרום און זייער טבע האָט אין עצם זיך גענייגט צו מיסטיציזם; דאָס פאָלק האָט אָנגענומען די תורה פון חסידות ווי אַן עקזאַלטירטן אויסדרוק פון די געפילן פון דער אייגענער נשמה. די חסידישע תורה וואָס האָט פּראָקלאַמירט פרייד אין דער דערקענונג פון גאָט, וואָס האָט לייכטער געמאַכט דעם טראַדיציאָנעלן איינשטעל פון שווערע מיצוות, וואָס זיינען געווען זייער שטרענג און געגעבן ווייניק פרייד, איז געווען פאַרן פאָלק אַן אַנטפּלעקונג וואָס האָט בפועל ממש געמאַכט אַ גרונטלעכע איבערקערעניש אין זיין געמיט; ס׳איז געווען ווי אַ באַפרייונג פון קנעכטשאַפט. דאָס פאָלק האָט איבער זיך געפילט די תקיפות און אויבערהערשאַפט פון די מיוחסים, די למדנים, וואָס זיינען געווען פרעמד צום טאָג־טעגלעכן לעבן פון אָט דעם גרויסן יאָך. מיט איין מאָל האָט דאָס פאָלק זיך דערפילט באַפרייט פון די דאָזיקע יחסנים און האָט אויסגעפונען, אַז ער האָט אַן אייגענעם גרויסן ווערט. דאָס פאָלק איז געמאַכט געוואָרן באַוווסטזיניק, אַז דער ווערט פון מענטש ווערט באַשטימט ניט דורך לומדות נאָר דורך דער ריינקייט און געטריישאַפט פון זיין אייגענער נשמה, און דאָס באַשטימט זיין נאָענטקייט צו גאָט. די נייע תורה איז געקומען ווי אַ גרויסע אַנטפּלעקונג פאַרן פאָלק פון וואָס עס האָט פריער אפילו ניט געקענט חלומען.

דער בעש״ט איז געווען דער גרויסער און אידעאַליסטישער פאָלקסמענטש וואָס האָט, מחמת זיין אהבת ישראל, באַטראַכט דעם עם ישראל — דאָס גאַנצע פאָלק פאַר אַ פאָלק פון דערהייבענעם גייסט, אָבער וואָס אומגליק און פאַרפאָלגונגען האָבן עס געטריבן צו חומריות. אין דעם פאָלקס־געמיט איז נאָך געווען פריש די ביטערע אַנטוישונג פון שבתי צבי, וואָס האָט מבטיח געווען צו פירן דאָס פאָלק דורך גייסט צו ווילזיין און איז דורכגעפאַלן; ביים פאָלק האָבן זיך נאָך ניט פאַרהיילט די טיפע ווונדן וואָס כמעלניצקיס באַנדעס האָבן אים פאַרשאַפט; אויפגעשטאַנען איז דעמאָלט אויך די פראַנקיסטישע פאַלש־משיחישע באַוועגונג, וואָס האָט געצויגן דאָס פאָלק צום סאַמע אָפּגרונט. איז דאָס פאָלק געזונקען אַלץ טיפער אין יאוש. אַ גלייכגעוויכט האָט געמוזט געפונען ווערן, וואָס זאָל ראַטעווען דאָס פאָלק פון אומקום, און דאָס צו טאָן איז געווען די כוונה פון בעש״ט.

די רפואה פאַר דער מכה, וואָס דער בעש״ט האָט אַרויסגעבראַכט, איז דרויסנדיק געווען באמת פאָלקסטימלעך, אָבער אינעווייניק איז עס געווען זייער פאַרטיפט. דעם בעש״טס וועלט־באַנעם איז אַ ריין אידעאַליסטישער. במקום דעם וואַנגעלישן איינשטעל: „אין אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט," שטעלט דער בעש״ט דעם גרונט־טעזיס: פון אָנפאַנג איז געווען די מחשבה, די אידעע. „דער געדאַנק איז פון אַלץ דער אָנפאַנג און דאָס וואָרט איז דער אָפּצווייג פונעם געדאַנק," האָט דער בעש״ט געלערנט. „דער געדאַנק איז דער פאָטער פון וואָרט און דאָס וואָרט איז דער זון," האָט ער געזאָגט, „די מחשבה — זי ווערט אָנגערופן אַ י ן, ווייל זי איז גרענעצלאָז ווי אַ י ן. בעת אָבער זי ווערט פאַרקערפּערט אין וואָרט, ווערט זי שוין באַגרענעצט און הייסט „א נ י" (די זעלביקע אותיות אָבער אַנדערש אויסגעלייגט) — זי ווערט דער עגאָ." דאָס מיינט: טאַקע די אייגענע סובסטאַנץ, די

זעלביקע אותיות, אָבער פון אַ גאַנץ אַנדערן פאַרנעם.

אינעם וואָרט נייטיקט זיך בלויז דער מענטש און ניט גאָט: „דאָס וואָרט איז דער לעבנסגייסט פונעם מענטשן”; „די שפּראַך און די פּען פון האַרצן”, אָבער דאָרט אין דער הייך, קלערט אויף דער בעש״ט, איז די וועלט פון לויטער אידעע און „עס זיינען ניט פאַראַן קיין רייד און ניט קיין ווערטער.” אַז דער מענטש געפינט זיך אין דביקות מיט דער שכינה און גיט דערביי אַ טראַכט וועגן דער אויבערשטער וועלט — דעמאָלט איז ער תיכף אין די אויבערשטע וועלטן, וואָרעם וועגן וואָס דער מענטש טראַכט, דאָרט איז ער, און אויב ער וואָלט ניט געווען אין דער אויבערשטער וועלט, וואָלט ער וועגן איר ניט געטראַכט.

אַזוי אַרום איז דער בעש״ט געווען דער ערשטער אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, וואָס איז שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן אין דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע: די לערע וועגן דער גלייכקייט צווישן דענקען און זיין, צווישן דעם אידעאַל און רעאַלן: „אַל דאָס געדאַכטע איז פאַראַנען, ווייל — דאָס פאַראַנענע איז געדאַכט”).

און אָט די תורה האָט דער בעש״ט צוגעפּאַסט צום פּשוטן פאָלק—גאָט דאַרף ניט דערגרייכט ווערן דווקא דורך לומדות, נאָר ער ווערט לייכטער דערגרייכט דורך כוונה, דורך דערנענטערן זיך צו אים מיט געפיל, מיט האַרץ, און דאָס קען דערגרייכן אפילו דער פּשוטער מענטש, אפילו דער וואָס פאַרשטייט ניט וואָס ער דאַוונט, אפילו דער וואָס קאָן אין גאַנצן ניט דאַווענען — דער עם הארץ נאָך לייכטער פונעם למדן. און אָט די תורה האָט דאָס פאָלק ממש אָנגעצונדן מיט באַגייסטערונג און האָט זיך געצויגן נאָך אים.

אָבער אַקעגן דער דאָזיקער נייער אַנטפּלעקונג איז מיט יאָרן שפּעטער אַרויסגעקומען די השכלה, די יידישע באַוועגונג פון אויפקלערונג און בילדונג, וואָס איז אין נאָמען פון וויסן, פון ציוויליזאַציע און פאָרשריט, אַרויסגעטראָטן קעגן דעם „איבערגלויבן” און „פאַנאַטיזם”, וואָס זיי האָבן געזען אין חסידיזם.

אָבער אויך די השכלה, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן דער פאָלקסבענקשאַפט נאָך גאָט, וואָלט געווען אָנמאַכטיק צו צעשטערן דעם חסידישן גלויבן, ווען דער חסידיזם גופא וואָלט ניט אָנגעהויבן דעגענערירט צו ווערן.

די ערשטע סיבה פון דער דעגענעראַציע איז געווען אין דעם, וואָס די תלמידים פון דעם בעש״ט און זיינע נאָכפאָלגערס האָבן פונעם פאָלק פאַרלאַנגט אַ גייסטיקע אָנשטרענגונג און פאַרטיפונג, וואָס דאָס פּשוטע פאָלק האָט בטבע ניט פאַרמאָגט. דעם בעש״טס נאָכפאָלגערס האָבן טאַקע צוגעזאָגט דעם פאָלק גייסטיקע עליה, אָבער פאַר אַ פּרייז וואָס דאָס פאָלק האָט ניט געקענט נאָכקומען. חסידות האָט באַשטימט, אַז דער וועג צו גאָט איז אויסגעלייגט דורך זעערישער ריינקייט און קלאָרקייט — אַן אָנשטרענגונג און אַ פאַרטיפונג פון גייסטיקן לעבן, וואָס נאָר יחידים זיינען געווען פעיק דאָס צו דערגרייכן, אָבער דאָס גאַנצע פאָלק איז צו דעם ניט געווען מסוגל צוצוקומען.

און דאָס האָט געפירט צו דעם אויפקום און אַנטוויקלונג פון צדיקיזם—ס'איז געשאַפן געוואָרן — בעסער געזאָגט — עס האָט זיך אַנטוויקלט די אינסטיטוציע פון פאַרמיטלונג צווישן מענטש און גאָט — די צדיקים.

* * * * *

### וואָס איז אַ צדיק?

לויט דעם וועלט־באַנעם פון דער קבלה איז מענטש די פאַרקערפּערטע געטלעכקייט, די אַנטפּלעקונג פון דער אַבסאָלוט־אומענדלעכקייט אין באַגרענעצטע קאָנקרעטע פאָרמען. און לויט אָט דעם געדאַנק האָט שוין דער בעש״ט בשעתו פעסטגעשטעלט דעם מהות און די ווירקונג פון דעם צדיק.

דער בעש״ט האָט אויפגעפּאַסט דעם באַגריף פון גאָט ניט טראַנסצעדענט, נאָר אימאַנענט, ד״ה, ניט אויסנווייניק, איבער דער וועלט, נאָר אינעווייניק, אין דער וועלט גופא. גאָט איז קיין מאָל ניט אויסערוועלטיק, נאָר אין יעדער זאַך זיינען פאַראַן געטלעכע נשמות. די דאָזיקע נשמות זיינען אָבער אין תפיסה, איינגעמויערט ווי באַזונדערע פונקען אין דער פאַרגליווערטער קליפה פון חומר.



איז אָבער מענטשן געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אויסצולייזן די פונקען פון זייער געפאַנגשאַפט. דעם קוואַל, דער שטיין, דאָס געוויקס, יעדער בעל־חי אין דער נאַטור — ווערט אויסגעלייזט דורך דעם מענטשנס אויג און אויער, ווערט אַריבערגעפירט פון ניט־זיין אין זיין דורך דעם מענטשנס באַוווסטזיין, דורך דעם מענטשנס מחשבה. דער מענטש איז בכן דער מיטאָנטיילנעמער אין מעשה בראשית.

צווישן גאָט און מענטש, לערנט דער בעש״ט, קומט פאָר אַ שטענדיקע קעגנזייטיקע אָנרעגונג און ווירקונג. „גאָט איז דיין שאָטן,” לערנט דער בעש״ט. דהיינו: ווי דער שאָטן טוט אַלץ וואָס דער מענטש טוט, אַזוי טוט אויך דער בורא עולם כביכול אַלץ וואָס דער מענטש טוט. דאָס מיינט, אַז דער מענטש קען אַזוי דערנענטערן זיך צו גאָט, אַז ער דערפילט זיך ווי שותף צו מעשה בראשית. מענטש איז אויך ביכולת דורך דאָס העכסטע אין זיך צו דערקענען געטלעכקייט גופא, צו באַגרייפן דעם מהות פון דער העכסטער קראַפט, וואָס ער פילט און שפירט אין זיך, ווייל ער, מענטש גופא, איז דאָך אַ לייכטנדיקער פונק.

דער בעש״ט איז טיף איבערצייגט, אַז דער מענטש איז מסוגל אין גייסטיקער התלהבות זיך איינוועבן אין דער געטלעכער אייביקייט און אַז עס איז דאָ אַ קעגנזייטיקע ווירקונג פון מענטש צו גאָט.

דער בעש״ט פאַרגלייכט אָפט מאָל מענטש צום לייטער אין יעקבס חלום. דעם לייטערס נידעריקע שטאַפּלען זיינען אויף דער ערד און דער שפּיץ שפּאַרט אין הימל. אַזוי אויך דער מענטש. און דער שפּיץ, דער שטאָלץ און די קרוין פון דער מענטשהייט איז דער צדיק. דערביי גייט נאָך דער בעש״ט לויט דער שיטה פון דעם „זוהר”, ווו עס ווערט אויפגעקלערט, אַז „צדיק יסוד עולם” — דער צדיק איז דער גרונדשטיין פון דער וועלט. דער צדיק, זאָגט דער בעש״ט, איז ווי אַ בוים וואָס איז געפלאַנצט אויף אַ פרוכטבאַרן באָדן. ווי דער בוים נעמט אויף אַלע זאַפטן פון דער ערד און באַשאַפט פון זיי די פיינסטע פרוכטן, אַזוי איז אויך דער צדיק: ער זאַמלט צונויף אַלע „ניצוצות” — פונקען פון דער וועלט און דערהייבט זיי צום באַשעפער. דער צדיק איז דער מענטש פון אַ העכערער מדרגה, וואָס דערהייבט זיך דורך זיין דביקות איבער די קליפּות פון חומר. ער קען אפילו מבטל זיין „גזירות אלהים” — די שטרענגע נאַטור־געזעצן און פאַרקערן די מידה פון „דין” צו דער מידה פון „חסד” — גענאָד.

אין דעם באַגריף פון די חסידים איז אַ צדיק דער מענטש, וואָס איז מער פון אַלעמען געווידמעט צו דעם אויפגאָב צו ברענגען גוטס און דערלייזונג, דער מאַן וואָס זיינע גייסטיקע כוחות זיינען געלייטערט און זיינען אָן סתירות, און זיינען געווענדט צו אָט דער איינציקער מיסיע. ער ווערט באַגריפן ווי דער מאַן, וואָס זיין טראַנסצעדענטאַלע אַחריות איז אויפגעשטיגן פון אַ באַוווסטזיניקן געוויסן צו אַ קיום וואָס ניט נאָר קען ער פּאָטענציעל באַווירקן דעם גורל פון מענטש און געזעלשאַפט, נאָר ער פירט עס דורך בפועל ממש. ער איז דער מענטש פון טהרה, דורך וועמען גאָט וויל אַז ער זאָל באַוווסט ווערן, געליבט ווערן, געגלויבט ווערן. דורך אים דערקענט מענטש זיין אייגענעם אורשפּרינגלעכן פאָרבילד — דעם קאָסמישן קדמונישן מענטש, וואָס דערהייבט זיך ביז צו די ספירות. ער איז דער אָפּווענדער פון דעם גרויסן שטראָם פון אומגוט, אין אים קערט זיך די וועלט צוריק צום לויטערן מקור. ער איז ניט דער פּראָדוקט פון צייט, נאָר איז איבערצייטיק. ער איז דער פאַרמיטלער וואָס טראָגט די תפילות פון אונטן צום אויבן און ברענגט די ברכות פון אויבן צום אונטן; ער פאַרשפּרייט איבער מענטש די קוואַלן פון קדושה וואָס שטראָמען פון אויבן.

דער צדיק איז, ווי עס ווערט געזאָגט אין משלי (10:25) „דער אייביקער גרונדפעסט, ווייל דורך זיין ווירקונג פירט ער אָן אויפהער צו דעם, אַז דאָס ליכט פון דער שכינה זאָל ניט אויפהערן אַראָפּשטראָמען אויף דער וועלט.

דער צדיק שטייט אויף אַ העכערער מדרגה פון אַ מלאך. אַ מלאך איז דער וואָס איז פאַרגליווערט: אַזוי איז ער און קען אַנדערש ניט זיין; אַ צדיק איז אָבער דער וואָס שטייגט; ער דערהייבט זיך צו די עצם קוואַלן פון קדושה און טהרה און

איז מיט זיי מזכה די וועלט. שטענדיקע גייסטיקע באַנייונג איז דער אייגנטימליכער לעבנס־איינשטעל פון דעם צדיק.

די צדיק־אידעע, וואָס האָט לכתחילה פאַרנומען דעם געדאַנק פון בעש״ט, איז שפעטער אַנטוויקלט געוואָרן דורך זיינע תלמידים מובהקים, דער עיקר דורך דעם געניאַלן ר׳ דוב בער, דער מעזעריטשער מגיד. אָבער סיי דער בעש״ט און סיי ר׳ דוב בער האָבן געשטעלט דעם טראָפ דערויף, אַז דער בונד צווישן דעם צדיק הדור און דעם המון דאַרף זיין אַ ריין אידעישער. דער צדיק טאָר ניט מיט זיין תפילה אויסן זיין רעאַלע באַדערפעניש.

דאָס רעאַלע לעבן איז אָבער שטאַרקער פון אַבסטראַקטע אידעישע סברות; געצוואונגענערהייט לייגט עס אויף זיי אַרויף זיין שטעמפל, פילט זיי אָן מיט זיינע קאָנקרעטע פאָדערונגען און תביעות.

די טיפזיניקע טעאָזאָפישע סברות וועגן דער קאָסמישער ראָלע פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט בכלל און פון דעם צדיק הדור בפרט האָבן געקאָנט פאַראינטערעסירן בלויז די יחידי סגולה, וואָס זיינען געווען גוט באַהאַוונט אין טעאָרעטישער קבלה און אין דער ראָמאַנטישער וועלט פון יידישער מיסטיק. אָבער די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָבן געגאַרט נאָך אַ רעאַלער הילף און שטיצע, געלעכצט נאָך אַ פירער און וועגווייזער, וואָס זאָל זיין נאָענט און פאַרשטענדלעך און זאָל זיי ביישטיין אין זייערע גרויסע נויטן. קאָן דער צדיק אַלץ אויפטאָן? איז ער אַזוי באַליבט ביים רבש״ע, אַז ער איז אימשטאַנד מבטל צו מאַכן די האַרבסטע גזירות, קאָן אפילו ענדערן מעשה בראשית? — טאָ זאָל ער באַווייזן וואָס ער קאָן, זאָל ער אַנטפלעקן די גרויסע ניסים, זאָל ער קודם באַזאָרגן זיינע חסידים מיט פרנסה און באַפרייען זיי פון אַלע שטראָפן. דערפאַר האָבן די פאָלקסמאַסן מיטן גאַנצן ברען פון די גלויביקע נשמות געוואַרט אויף דעם, וואָס קאָן באַווייזן די גרויסע וווּנדער, וואָס באַזיצט די געהעריקע קראַפט צו זיין זייער באַשיצער און פאַרזאָרגער. אַזוי אַרום איז דורך דעם דרוק פון די מאַסן געשאַפן געוואָרן דער פראַקטישער צדיקיזם.

די אמונה אין צדיק, וואָס לעבט אין ביידע וועלטן, אין דער אויבערשטער און אונטערשטער, וואָס איז דער פאַרבינדונגסרינג אין דער קייט צווישן אָט די ביידע וועלטן, דער מאַן וואָס דורך אים ווערן די תפילות פון אונטן אַרויפגעבראַכט צום אויבן און די ברכות פון אויבן ווערן אַראָפגעבראַכט צום אונטן — אָט די אמונה האָט פאַרכאַפט אַלע געמיטער.

האָט דער צדיק הדור טאַקע געבראַכט צו די גלייביקע חסידים פונעם פאָלק זיכערקייט אין לעבן און אַ גרויסן ביטחון אין גאָט, אָבער האָט גלייכצייטיק פאַראָרעמט זייער נשמה פון דעם גרויסן ווערט פערזענלעך צו גרייכן גאָט.

דערצו דאַרף צוגעגעבן ווערן די אייגענע רמאות (גענאַרעריי) פון אַ צאָל צדיקים. פון אָנהייב זיינען פאַר צדיקים געקרוינט געוואָרן די וואָס זיינען עס באמת ווערט געווען. זיי זיינען געווען די תלמידים, אָדער תלמידי־תלמידים פונעם בעש״ט. אָבער אַ צדיק דאַרף דאָך קריגן פון דער קהילה גענוג מאַטעריעלע מיטלען בכדי צו האָבן די מעגלעכקייט זיך אין גאַנצן אָפגעבן צו די פאָלקס־נויטן. דאָס האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צו דעם, אַז ווייניק באמת ווערטיקע מענטשן זאָלן זיך אָנגעבן פאַר צדיקים. און בכדי צו באַרעכטיקן זייער פרעטענציע צו זיין אַ צדיק, און מחמת זיי האָבן ניט געקענט אויפווייזן קיין גרויסע לומדות, האָבן זיי פרעטענדירט אַז זיי באַווייזן מופתים. אין אַ סך ערטער האָבן זיך באַוויזן שווינדל און אָפנאַרעריי און האָט אָפגעשטויסן פון זיך די ריינערע און מער פאַרטיפטע מענטשן פון פאָלק, און האָט צו זיך געצויגן נאָר דעם צעטומלטן און פשוטסטן המון פון פאָלק.

און דאָס האָט געפירט צו דער השכלה, וואָס האָט אָפגעלייקנט דעם גאַנצן ענין פון חסידיזם, האָט פאַרזען דעם אָריגינעלן עיקר פון דער נשמה פון אָט דער באַוועגונג.

די השכלה האָט געקוקט אויף די פראַקטישע צדיקים מיט דעם בליק פון נחמן בראַצלאַווער, דער גרויסער פאָעט, מיסטיקער און לויטערע פערזענלעכקייט, וואָס איז געווען איינער פון די גייסטיקע ריזן צווישן די צדיקים. ער האָט אויך אויפגעקלערט, אַז דער צדיק איז אַזוי



דערהויבן, אַז קיין מענטשלעכע מאָס קאָן ניט גערעכט זיין און קיין נשמה קען קיין תיקון ניט האָבן אָן דעם אמתן צדיק. אָבער זיין צדיקיזם איז געווען אַ ריין אידעאַליסטישער און ער פלעגט ווערן אויסער זיך ווען עמיצער פון זיינע חסידים האָט ביי אים געבעטן ער זאָל מתפלל זיין פאַר פרנסה, אָדער ווען די חסידים פלעגן דערציילן וועגן זיינע מופתים. „ווי האָט איר גאָר אַ האַרץ מיך מבלבל זיין מיט אַזוינע נאַרישקייטן. איך בין דאָך געגליכן צו איינעם וואָס שפרייזט טאָג און נאַכט איבערן מדבר און וויל פונעם מידבר מאַכן אַ ישוב. וואָרעם ביי יעדן פון אייך איז דאָס האַרץ אַ פאַרוואָרלאָזטע וויסטעניש און ס׳איז דאָרט ניטאָ קיין ווינקעלע פאַר דער שכינה, און איך זוך און נישטער די גאַנצע צייט, איך וויל מתקן זיין אייערע הערצער, די שכינה זאָל דאָרט קאָנען רוען.״

דער בראַצלאַווער האָט קלאָר געזען, אַז עס זיינען פאַראַן מנהיגים וואָס מען קרוינט זיי מיטן נאָמען רבי, אָבער זיי זיינען פאַקטיש ניט אימשטאַנד זיך אַליין צו דערציען, שוין ניט רעדנדיק וועגן דערציען אַנדערע, און זיי פאַרנעמען זיך מנהיג צו זיין די וועלט. „אַמאָליקע צייטן,״ האָט געזאָגט דער בראַצלאַווער, „פלעגן די צדיקים זיין עניים ואביונים, אין די היינטיקע צייטן זיינען זיי עשירים. און עשירות איז פון די זאַכן וואָס פאַרדאַרבן מענטשן. אַן אמתער כשרער מענטש איז גאַנץ ווייט פון עשירות; און אויך די עשירות וואָס די צדיקים האָבן טוט זיי שטאַרק שאָדן.״

* * * * *

גרויס איז געווען דער אונטערשייד צווישן השכלה און חסידות. דאָס זיינען געווען ניט בלויז צוויי באַזונדערע, נאָר אויך פיינטלעכע וועלטן. פון איין זייט: שטרעבן צו אייראָפעישער בילדונג, פאַראַכטונג און שנאה צום אַלטפרענקישן, אָפגעשטאַנענעם יידישן לעבנס־שטייגער און גרויס דרך־ארץ פאַר דער אויסערער, קריסטלעכער אייראָפעישער קולטור, פאַר דעם ראַציאָנאַליסטישן וועלטבאַנעם; און פון דער אַנדערער, חסידישער זייט — מיסטישע התלהבות, התפשטות הגשמיות, ניט וועלן וויסן פון גרענעצן צווישן פאַנטאַסטישן און רעאַלן, און פולשטענדיקער ביטול צו דער פרעמדער אויסנוועלט, צום פראַקטישן וויסן, צו „חכמות חיצוניות.״ בעת די טעאָרעטיקער פון חסידות האָבן מיט אַזאַ התלהבות גערעדט וועגן דער אוניווערסאַלער ראָלע פון דעם פאָלק ישראל, האָבן דאָרט, ביי די טרעגער פון השכלה און אויפקלערונג, זיך געשטאַרקט די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, וואָס האָבן אָפט מאָל אפילו געפירט צו דעם עקסטרעם פון שמד.

די השכלה און חסידות, איבערהויפט דער צדיקים־קולט, זיינען געווען צוויי קאַטעגאָרישע עקסטרעמען, וואָס ס׳האָט אויסגעזען אַז קיין פשרה קען צווישן זיי ניט געמאַכט ווערן, און ביידע עקסטרעמען האָבן, אויף זייערע באַזונדערע שטייגערס, פאַרדאָרבן דעם טיפן זין פון יידישקייט. שפעטער אָבער האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן, אַז בעת די השכלה האָט — ווי די משכילים האָבן זיך אויסגעדריקט אויף זייער מליצה לשון — געשטרעבט אַרויסציען די יידן פון די „פינצטערע״ געצעלטן פון שם און זיי אַריינברענגען אין די „ליכטיקע״ געצעלטן פון יפת — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן פאַרלוירן ביידע געצעלטן: פון שם זיינען זיי אַוועק און צו יפתן האָבן זיי ניט געקענט צוקומען, ווייל דאָרט האָט מען זיי באַטראַכט פאַר פרעמד און מען האָט זיי דאָרט ניט באַגעגנט מיט פריינדשאַפט און אָפט מאָל זיי פון דאָרט געטריבן מיט שנאה.

אַ צד השוה צווישן השכלה און טראַדיציאָנעלער יידישקייט, דער עיקר חסידות, האָט געדאַרפט געפונען ווערן, בכדי די קרוין פון יידישקייט זאָל צוריקגעקערט ווערן צו איר אָריגינעלן שורש. אַ סינטעז האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן, וואָס זאָל אין זיך אַריינגעמען, אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט, הן דעם טעזיס — חסידות, הן דעם אַנטיטעזיס — השכלה.

און דעמאָלט האָט זיך באַוויזן י. ל. פרץ — איינער פון צווישן די אַנדערע פראָגרעסיווע און נאַציאָנאַלע יידישע פערזענלעכקייטן פון יענער אומרואיקער צייט — און ער איז געווען דער גרויסער

א. לוריא / ניו־יאָרק

# צוויי לידער

## אין גאָלד פון בלעטערפאַל

כ׳וועל ווידער הײַנט ביז שפּעטע שטערן
פאַרבלייבן וואַרטן ביים וואָקזאַל,
צי וועסטו ניט אַהער פאַרקערן
אין גאָלד פון אונדזער בלעטערפאַל

עס וועלן פייערלעך זיך צינדן
און בייטן זיך פון רויט אויף גרין,
און רעלסן וועלן טאָן אַ ציטער
און זיך צעקלינגען אין דער גרינג.

אַ צוג וועט אָנפליען פאַרסאָפּעט
און זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווייל
און נאָך דעם, פייפנדיק אין חשכות,
אין ווייט זיך לאָזן מיט אַ געאייל.

און יעדערער זיין גאַסט וועט נעמען
און גיין אַהיים, און לאַכן הויך,
נאָר איך וועל בלייבן און די פונקען
וואָס לעשן גאָלדיק זיך אין רויך.

איך וועל זיך שטעלן אויף די רעלסן
און קוקן דורכן לינדן ווינט,
ווי זיבן ליכטיקע וואַגאָנען
די נאַכט אין בלעטערפאַל פאַרשלינגט.

## ווידער וואַלד

ווידער וואַלד און ווידער לאָנקע,
פרעמדע אומבאַקאַנטע וועגן,
ווו איך וואָגל ניט און בלאָנקע,
קומסטו אָנעט מיר אַנטקעגן.

קיינער איילט ניט אין פרימאָרגן,
קיינער רירט ניט אָן די שטויבן,
נאָר אַ נעפּל פונעם גאָרגל
נעמט פאַרציען מיר די אויגן.

ניין, ניט שפּיל פון זון און רעגן
אויף די קרוינען פון בערעזעס,
דאָס האָסטו דאָ אין דער רגע
זיך באַוויזן אויף אַן אמת.

זיך באַוויזן און פאַרפאַלן
אין געפלאָנטער פון די וועלדער.
שאָטנס שוועבן שטיל אויף שטראַלן
אין אַ רחבות אַ פאַרשטעלטער.

שאָטנס שוועבן אין פרימאָרגן,
שאָטנס הוידען זיך פון אויבן,
און דער נעפּל פונעם גאָרגל
רינט ווי טוי פון מײַנע אויגן.

---

זעער, וואָס האָט מיט זיין געניאַלן קינסטלערישן חוש טאַקע אַנטפּלעקט דעם גרויסן קוו־השווה צווישן דעם שורש פון יידישקייט און השכלה — געשאַפן דעם סינטעז צווישן השכלה און חסידות.

י. ל. פּרץ, וועלכער ווערט באַטראַכט ווי דער שעפער פון נעאָ־חסידיזם, האָט קינסטלעריש אַריינגעבליקט אין חסידות בפרט און יידישער פאָלקסטימלעכקייט בכלל, אַנטפּלעקט זייער גייסטיקע שיינקייט און דערהייבנקייט און עס אַריינגעפּאַסט אין דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק פון השכלה. בעסער געזאָגט: ער האָט באַרייכערט השכלה מיט דער נשמה פון חסידות און דעם וווּנדערלעכן גייסט פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט.



י. א. אבודין

# מאַריאַ פון סעוויל

(דערציילונג)

אין דעם טאָג ווען קאָלומבוס איז אָפּגעפאָרן פון שפּאַניע אויף דער נסיעה בעת וועלכער ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע, זיינען פון שפּאַנישע האַפנס אָפּגעפאָרן נאָך שיפן, אויך צו אַנטדעקן נייע לענדער ווו זיי זאָל דערלויבט ווערן זיך צו פאַראַנקערן. די דאָזיקע שיפן זיינען געווען אָנגעלאָדן מיט יידן מאַרטירערס, וואָס זיינען פון דאָזיקן לאַנד אַרויסגעטריבן געוואָרן. זיי זיינען פאַריאָגט געוואָרן פון דעם לאַנד וואָס זיי האָבן געהאָלפן בויען אין משך פון הונדערטער יאָרן, און וואָס איז געווען זייער היימלאַנד. חס וחלילה, די אַרויסגעטריבענע זיינען ניט געווען קיין פאַרברעכערס. פאַרקערט, זיי זיינען געווען פרומע, גוטע מענטשן און און האָבן געדינט גאָט בלב ונפש. נאָר זיי האָבן געוואָלט דינען גאָט אויף זייער אייגענעם שטייגער און ניט אויף דעם שטייגער פון די בלינד־גלייביקע קעניג און קעניגין פון לאַנד און דעם שטייגער פון דעם פינצטערן, פאַנאַטישן, ווילדן אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאָ. דערפאַר האָט מען זיי געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייער היימלאַנד; איבערצולאָזן זייער האָב און גוטס, לאָזן זיך שווימען איבער ימים אויף גאָטס באַראָט. זיי זיינען אויך אַוועקגעפאָרן צו אַנטדעקן נייע לענדער, אַזוינע לענדער ווו זיי וועלן קאָנען לעבן אין פרידן און ניט מורא האָבן צו דינען גאָט כפי זייער אייגענעם געוויסן.

אָבער דער דאָזיקער גירוש איז ניט געווען דער ערשטער גירוש פון פירענעישן האַלב־אינדזל. ער איז געווען דער צווייטער. דער ערשטער גירוש איז פאָרגעקומען מיט אַכט הונדערט יאָר פריער.

אין יענער צייט האָבן איבער דאָזיקן לאַנד געהערט די וועסטגאָטן — אַ גערמאַנישער שבט, אַ ברוטאַלער און ווילדער, וואָס איז אַהין אָנגעקומען בעת דער גרויסער וואַנדערונג פון פעלקער. די ערשטע צייטן זיינען זיי געווען געצנדינערס, און דענסטמאָל האָבן זיי מיט זייערע יידישע שכנים געלעבט בשלום. אָבער שפּעטער, ווען זיי האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָבן זיי אָנגעהויבן רודפן די יידן.

אין דעם יאָר 630 נ.ק. איז אויפן דאָרטיקן טראָן אַרויפגעקומען דער קעניג סיזענאַנד. ער איז געווען אַ ווילדע חיה אין מענטשן־געשטאַלט — אויפן שטייגער פון זיינע אור־אור־אייניקלעך — די דייטשן וואָס האָבן אָנגענומען דעם נאַציגלויבן.

ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה אַז אַלע יידן זאָלן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. ווער עס וועט ניט פאָלגן זאָל אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד און זיין פאַרמעגן זאָל איבערגעגעבן ווערן אין רשות פון דער מלוכה. טויזנטער יידן האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד און איבערגעלאָזט אויף הפקר זייער האָב־און־גוטס. אָבער טויזנטער אַנדערע האָבן לפנים אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, און אין זייערע הערצער זיינען זיי פאַרבליבן יידן. אנוסים האָבן זיי געהייסן. און אויף די דאָזיקע אנוסים האָבן דאָס סיזענאַנד און זיינע תליונים אויסגעגאָסן זייער ווילדן צאָרן. אין יענער צייט איז זיך אויך פאַרלאָפן ד׳י געשיכטע פון מאַריאַ פון סעוויל, וואָס מיר קומען דאָ דערציילן.

* * * * *

גרעגאָריוס איז געווען דער געוועלטיקער פון דעם פויפסטלעך־מאָנאַכישן פאַרבאַנד סיזענאַנדאָ, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דעם קנאישן קעניג סיזענאַנד. ווען גרעגאָריוס פלעגט פאַרבייגיין אַ גאַס, האָבן קינד און גרויס מיט שרעק זיך פאַרטאַיעט אין ווינקלען, אויסצומיידן זיך צו באַגעגענען מיט אים. טאָג און נאַכט האָבן זיך פון מאַרק־פּלאַץ אין סעוויל געהויבן זיילן רויך פון שייטערהויפנס אויף וועלכע עס זיינען געברענט געוואָרן מענטשלעכע קרבנות. אַז מ׳האָט וועמען חושד געווען אַז ער אָדער זי איז אָפּגעניגט פון פויפסטלעך־קריסטלעכן גלויבן,

האָט מען אים אָדער זי עפנטלעך פאַרברענט אויפן מאַרקפלאַץ. דאָס האָט מען געטאָן ווי אַ התראה צו אַלעמען צו זיין געטריי דער קירך און אירע הייליקע געבאָטן.

טאָג און נאַכט האָבן זיך אויך געטראָגן גרויליקע יללות פון די קעלערן פון דער פעסטונג פון סעוויל. דאָרט האָט מען געפייניקט קרבנות וועמען מ׳האָט חושד געווען אַז אין געהיימעניש זיינען זיי געבליבן געטריי דעם יידישן גלויבן. מ׳האָט זיי געפייניקט בכדי זיי זאָלן זיך מודה זיין אין זייערע זינד.

טאָג איין און טאָג אויס האָט אויך געטריפן בלוט פון דעם שפיץ פון דעם שרעקלעכן שווערד פון גרעגאָריוס. און וואָס מער קרבנות עס זיינען געפאַלן דורך זיינע הענט אַלץ בלוטדאָרשטיקער איז ער געוואָרן און אַלץ מער האָט ער געזוכט און גענישטערט צו געפינען נאָך מער קרבנות. די הייזער פון סעוויל זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט שרעק און מיט פחד. די צאָל יתומים און אַלמנות האָט זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. די יסורים זיינען געווען גרויס און דער פאַניק נאָך גרעסער.

אָבער פאַרנאַכט צו, ווען דער דאָזיקער אכזר פלעגט קומען אַהיים, איינגעטונקט אין בלוט פון די קרבנות פונעם טאָג; פאַרנאַכט צו, ווען זיין האַרץ איז נאָך אַלץ געווען אָנגעפילט מיט גלוסטונג פאַר נאָך בלוט און נאָך קרבנות — פלעגט ער ביים שוועל פון זיין פאַלאַץ אויסרופן: „מאַריאַ!"

דער קלונג פון דעם נאָמען האָט משונהדיק פרעמד געקלונגען פון זיינע ליפן. און נאָך משונהדיקער איז געווען דאָס וואָס אויף גריגאָריוסעס אויסרוף פלעגט זיך פון אַ צווייטן צימער אָפרופן אַ מעלאָדישע, ווייכע און צאַרטע שטימע, „דאָס ביסטו, פאָטער?"

און משונה האָט אָפגעהילכט דער דיסאָנאַנץ צווישן די דאָזיקע צוויי שטימעס. גרעגאָריוסעס שטימע האָט געהילכט ווי דאָס רעווען פון אַ לייב ווען ער רייסט זיין פאַרצוקונג; מאַריאַס שטימע האָט געקלונגען ווי די מעלאָדיע פון אַ פלייט, ווען אַ פאַרליבטער שפילט אויס אויף איר זיין סערענאַדע.

מאַריאַ איז געווען די טאָכטער פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן גרעגאָריוס. זי איז געווען זיין געליבטע טאָכטער, דער שוואַרצאַפל פון זיין אויג. פאַר איר וואָלט ער גערן זיין לעבן אָפגעגעבן. אָבער פאַר איר וואָלט ער קיין איין קרבן ניט באַגנאַדיקט..."

מאַריאַ האָט עלנט געלעבט אין דעם פאַרשלאָסענעם פאַלאַץ פון גרעגאָריוס. איר מוטער האָט זיך אָפגעשיידט פון איר שוין לאַנג. זי האָט זיך אָפגעשיידט פון איר, איר טאָכטער, ווי אויך פון דער זינדיקער וועלט; האָט זיך איבערגעגעבן פאַרשלאָסן צו ווערן אין אַ צעל פון אַ מאָנאַסטיר און ווידמעט איר נשמה און לייב און לעבן צו דער דינסט פון גאָט. דער מוטערס אָפשייד איז געקומען פלוצים, פאַר איר טאָכטער אומגעריכט. ס׳איז געשען ווען מאַריאַ איז נאָך געווען זייער יונג, כמעט אַ קינד. עפעס געדענקט מאַריאַ אַז צווישן איר פאָטער און מוטער זיינען פאָרגעקומען סיכסוכים, תמיד האָבן זיי זיך געאַמפערט, תמיד געווען צאָרן צווישן זיי. דאָס הייסט, געצאָרנט האָט נאָר דער פאָטער, געשריען, געקלאַפט מיטן פויסט אין טיש, און די מוטער האָט געשטומט, נאָר געוויינט, און אַ מאָל אויך געפאַלן אויף די קני און אויסגעשטרעקט צום פאָטער די הענט מיט תחנונים. איין מאָל, אין כעס, האָט דער פאָטער אפילו אַרויסגעצויגן זיין שווערד פון שייד און מיט דעם געדראָעט די מוטער. געראַטעוועט די מוטער האָט זי, מאַריאַ. מיט געוויין איז זי צוגעלאָפן צו איר מוטער, זי אַרומגענומען ביי דער האַלדז און מיט זיך זי פאַרשטעלט פונעם פאָטער. מיט צאָרן האָט דער פאָטער די שווערד שנעל צוריק אַריינגערוקט אין שייד און פאַרלאָזט די הויז.

איין אָוונט זיינען אין הויז אָנגעקומען פיר הייליקע שוועסטער, נאָנעס פון עפעס אַ מאָנאַסטיר וואָס איז ווייט אין די בערג. די נאָנעס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די בענק ביים קאַמין און האָבן געשוויגן. דער פאָטער, צאָרנדיק, האָט געשפאַנט אַהין און צוריק איבערן צימער און האָט אויך געשוויגן. דאָס ערשטע וואָרט, וואָס דער פאָטער האָט שפעטער אַרויסגערעדט, אין זיין ווענדונג צו דער מוטער: „גיי, לייג שלאָפן דאָס קינד!"

און בעת די מאַמע האָט זיך מיט איר



געשטעלט אויף די קני לעבן בעט צו זאָגן די פאַרן־שלאָפן־גיין־תפילה, איז געווען קענטיק אַז זי שטיקט אין זיך געוויין. דערנאָך האָט זי זי אַרומגענומען, זי צו זיך געדריקט און געציטערט פונעם געוויין וואָס זי האָט איינגעהאַלטן אין זיך בכדי אים ניט אַרויסצוברענגען.

איר מוטער איז לאַנג פון איר בעט ניט אָפגעטראָטן. אַוועק איז זי נאָר דעמאָלט ווען דער פאָטער האָט זיך באַוויזן ביי דער טיר און מיט אַ שטרענגן קול זי אַרויסגערופן. מאַריאַ האָט דעמאָלט זייער געשראָקן זיך פאַר איר פאָטער, איז געלעגן אין בעט, שטיל געוויינט און געציטערט. דערנאָך איז זי איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן, ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און, ווי געוויינלעך, גערופן איר מאַמע, איז איר מאַמע ניט געקומען. געקומען איז איר טאַטע. ניט מיט בייזקייט און מיט דער געוויינלעכער שטרענגקייט האָט ער זיך צו איר דערנענט, נאָר מילד, און מיט צאַרטקייט, און מיט אַן אויסדרוק אויפן פנים ווי ער וואָלט געווען פאַרשולדיקט, און ער קומט צו בעטן פאַרגעבונג. ער האָט זי אויפגעהויבן, אַוועקגעשטעלט אויפן בעט און זי צוגעדריקט צו זיך.

„איך וויל מיין מאַמען. וווּ איז די מאַמע?" האָט זי געפרעגט.

„די מאַמע קען מער ניט קומען," האָט ער געענטפערט, „זי איז אַוועק." און ער האָט אָנגעוויזן אויף אַן עלטערער פרוי, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין צימער: „דיין מומע, אַלפרעדאַ, זי וועט אויף דיר אַכטונג געבן. דו ווייסט דאָך ווי גוט זי איז. זי וועט זיין צו דיר אַזוי ווי אַ מאַמע."

אַלפרעדאַן האָט מאַריאַ גוט געקענט. זי האָט זי אויך ליב געהאַט. אַלפרעדאַ איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביי זיי אין הויז, איר תמיד געברענגט מתנות, און זי האָט געהאַט אָן אַ שיעור מעשות צו דערציילן.

„אָבער איך וויל מיין מאַמען," האָט מאַריאַ זיך אָפגערופן.

„דו ווילסט דיין מאַמען, אַוודאי ווילסטו זי. מיינסטו צו זאָגן אַז דו האָסט אַלפרעדאַן מער ניט ליב?"

„איך האָב אַלפרעדאַן זייער ליב, אָבער איך וויל מיין מאַמען."

„דיין מאַמע קען מער ניט קומען צו דיר."

„ניט קומען?... מיין מאַמע?... פאַרוואָס?..." און זי איז גרייט געווען אָנצוהייבן וויינען.

„דיין מאַמע האָט גענומען אַ נדר און איז אַוועק אין מאָנאַסטיר... תפילה צו טאָן... אויסלייזן זיך פון אירע זינד..."

„מיין מאַמע — אויסלייזן זיך פון אירע זינד?... מיין מאַמע איז ניט זינדיק... קיין מאָל ניט זינדיק... זי איז גוט..."

„מיר אַלע זיינען זינדיק... יעדער מענטש איז זינדיק..."

נון, איר מאַמע איז אין אַ מאָנאַסטיר... מער האָט מאַריאַ זי ניט געזען. דער מאָנאַסטיר איז ווייט אין די בערג. מ׳קען אַהין צוקומען, אָבער ס׳איז אַ ווייטע נסיעה. אַליין קען מאַריאַ אַהין ניט רייטן, איר פאָטער וואָלט זי באַדאַרפט באַגלייטן אַהין צו פאָרן. אָבער איר פאָטער זאָגט, אַז היות ער איז אין קעניגס דינסט, קאָן ער אָן דעם קעניגס דערלויבעניש אין מאָנאַסטיר ניט פאָרן. ס׳איז אַ לאַנגע רייזע און ס׳מוז דויערן מער ווי אַ וואָך. דערווייל האָט דער קעניג די דערלויבעניש נאָך ניט באַוויליקט. אַזוי זיינען פאַרביי אַ סך יאָרן.

מאַריאַ הערט ניט אויף צו טראַכטן וועגן איר מוטער. אָפגעריסענע זכרונות. אַ סך פון זיי אויסטערלישע און ניט פאַרשטענדיקע. קאָן עס מעגלעך זיין—טראַכט אָפט מאָל מאַריאַ מיט שרעק — אַז איר מאַמע איז געווען איינע פון אָט דעם פאָלק פון אומגלייביקע ? איר מוטער, איר הייליקע מוטער — טראַכט ווייטער מאַריאַ — זי מיט דעם גאַנצן חן פון גוטסקייט וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פנים, ווי קאָן עס מעגלעך זיין, אַז זי איז געווען איינע פון יענע זינדיקע, וואָס האָבן זייערע נשמות פאַרקויפט צום טייוול? ניין, עס איז ניט מעגלעך אַז איר מוטער האָט זיך אָנגעהערט צו יענער אומה וואָס האָט קריסטוסן געקרייציקט, און וואָס דערפאַר ווערן זיי איצט אויסגעראָטן פון דער הייליקער קירך!...

עס ווילט זיך מאַריאַן ניט גלייבן, פון דעסטוועגן קלינגען נאָך עד היום אין אירע

אויערן די מאָדנע מעשיות וואָס איר מוטער פלעגט איר דערציילן. דאָס זיינען געווען מעשיות וועגן אַ גרויסן פאָלק, וואָס איז פאַריאָגט פון זיין לאַנד, וואָס איז צעזייט און צעשפרייט צווישן די פעלקער פון דער וועלט; אַ פאָלק וואָס ווערט גערודפט, אָבער האָט זיין אמונה ניט אויפגעגעבן און עס וואַרט אויף משיחן און אויף אַ דערלייזונג.

צו די דאָזיקע מעשיות פלעגט מאַריאַ זיך צוהערן מיט שרעק און איין מאָל האָט זי געפרעגט:

„אַ משיח, מאַמע?... אַן אַנדער משיח?.. און יעזוס קריסטוס?... ער איז דאָך דער איינציקער דערלייזער פון דער וועלט...“

„געוויס, מאַריאַ,“ האָט די מאַמע איר אויף דעם געענטפערט און איר גענומען אויפקלערן, אַז „מיר קריסטן ווייסן טאַקע דעם ריינעם אמת, אָבער יענער פאָלק האָט ניט אַזוי פיל פאַרשטאַנד וויפל עס האָבן די קריסטן, און זייערע אויגן זיינען נאָך ניט געעפנט, און זיי גלייבן ניט אַז די דערלייזונג פון דער וועלט איז שוין פאָרגעקומען. מענטשן, זאָגן זיי, זיינען נאָך ניט דערלייזט. זיי זיינען נאָך ניט גליקלעך. אָרעמקייט און נויט איז נאָך ניט אָפגעשאַפט געוואָרן. מלחמות ווערן נאָך אַלץ געפירט און בלוט ווערט פאַרגאָסן. ניין, זאָגן די מענטשן פון יענער אומה, משיח דאַרף ערשט קומען.“

מאַריאַ געדענקט ניט מער די פינקטלעכע רייד פון איר מוטער, זי געדענקט נאָר זייער זינען, און איצט, ווען זי הערט די רייד פון די הייליקע פאָטערס פון דער קירך, ווען זי הערט זיך צו צו זייערע דרשות וועגן דעם גלויבן און וועגן די זינד פון די יידן — דערמאָנט זי זיך אָן די פאַרקערטע רייד פון איר מוטער. וואָס די גלחים רופן זינד, האָט איר מוטער גערופן הייליק; וואָס די גלחים הייסן שטראָפן און ברענען אויפן פייער, האָט איר מוטער גערופן הייליקייט — אומקומען צו הייליקן גאָטס נאָמען.

און די ספקות פייניקן מאַריאַס האַרץ. ווי קען דאָס זיין אַז איר מוטער, איר שיינע און באַחנטע מוטער, וואָס איר גוטסקייט און פרומקייט איז געווען אָן אַ שיעור — ווי קאָן עס זיין אַז זי האָט זיך אָנגעהערט צום פאָלק וואָס זיין נשמה איז פאַרקויפט צום שטן און איז איבערגעגעבן צו זינד?...

אָבער — באַטראַכט זיך מאַריאַ — ס'איז פאָרט אַזוי געווען. אַזוי איז געווען געדרונגען פון איר פאָטערס רייד...

אויב אַזוי איז דאָך עפעס ניט גלאַטיק. עפעס שטימט דאָ ניט. עפעס איז ניט ריכטיק אין די רייד פון די הייליקע פאָטערס פון דער קירך. עפעס גלייבט זיך ניט אַז די יידן זיינען אַזוי זינדיק ווי זיי שטעלן זיי פאָר.

אָבער — פאַרכאַפט זיך באַלד מאַריאַ — דאָס זיינען דאָך זינדיקע געדאַנקען... דאָס זיינען ספקות וואָס דער שטן ברענגט אַריין אין האַרצן און פון זיי דאַרף מען ווייכן...

און מיטן פולן ברען פון איר גלייביקער נשמה פלעגט מאַריאַ פאַלן אויף די קני פאַר דעם בילד פון דער הייליקער מוטער און מתפלל זיין, מתפלל זיין פאַר זיך און באַזונדערס מתפלל זיין פאַר איר מוטער.

אָבער וויפל מאַריאַ האָט ניט תפילה געטאָן. האָבן זיך ספקות דאָך געקליבן אין איר האַרצן און איר געמיט האָט פון קיין רו ניט געוווסט. און ווען צו איר האָבן זיך אַ מאָל דערטראָגן די יללות פון די אומגליקלעכע, וואָס האָבן זיך געבראָטן אויף די שייטערהויפנס אין מיטן מאַרק — האָבן זיך ספקות אַריינגעריסן אין איר האַרץ צי איר פאָטער איז גערעכט. זי האָט ניט געקענט באַנעמען די שטומע בליקן פון ווייטיק פון די יתומים און אַלמנות, וואָס זייערע טאַטעס און מענער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויפן מזבח פון הייליקן גלויבן. זיינען די קרבנות באמת אַזוי שולדיק אַז זיי זאָלן אַזוי אַכזריותדיק באַשטראָפט ווערן?... איז די קירך גערעכט וואָס זי פאַרפאָלגט אַזוי די אומגלייביקע ? . . .

און איר האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט רחמנות און מיט ליבע. איר פאָטער האָט פון איר ניט באַהאַלטן די שליסלען פון זיינע שאַצקאַמערן. די שאַצקאַמערן זיינען געווען אָנגעפילט מיט די פאַרמעגנס וואָס זיינען גערויבט געוואָרן פון די אומגעבראַכטע מאַרטירערס. האָט זי אָפט גענומען פון די דאָזיקע אוצרות און בסתר און פאַרשטעלטערהייט, אַז קיינער זאָל ניט



וויסן ווער זי איז, איז זי געגאַנגען אין די הייזער פון די אומגליקלעכע און מיט וויפל זי האָט געקאָנט האָט זי געלינדערט זייערע ליידן: זיי, די אַלמנות און יתומים זיינען דאָך ניט שולדיק אין די זינד פון זייערע מענער און טאַטעס...

* * * * *

איין אָוונט האָבן זיך אין גרעגאָריוסעס פאַלאַץ פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל מענטשן. ס'איז געווען אַן אָפטייל פון די קריגסלייט אונטער גרעגאָריוסעס קאָמאַנדע. זיי זיינען געווען באַוואָפנט מיט אַלערליי כלי זיין. זייערע פנימער זיינען געווען שטרענג און אַ ניט־גוטער גלאַנץ האָט געשיינט פון זייערע אויגן. מאַריאַ האָט דערפילט אַז די דאָזיקע שוטרים זיינען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען צוליב עפעס אַ בייזן ציל. האָט זי זיך פאַרבאָרגן הינטערן פוירהאַנג וואָס האָט אָפגעטיילט איר צימער פון דעם גרויסן זאַל פונעם פאַלאַץ און זי האָט זיך צוגעהערט.

גערעדט האָט איר פאָטער:

„ריטערן און שוטרים,“ האָט ער געזאָגט, „אונדז אַלעמען פאַראייניקט אַ הייליקע זאַך — דער קאַמף פאַר אונדזער גלויבן און פאַר דער הייליקער קירך. מיר האָבן דערקלערט קריג צו די אומגלייביקע. מיר וועלן אונדזערע שווערדן ניט אַוועקלייגן כל זמן אונדזער לאַנד וועט ניט ווערן אָפגערייניקט פון די יידן. זיי זיינען אין אַ בונד מיטן שטן און דורך דעם שטעלן זיי אין סכנה אונדזער לאַנד. כל זמן דעם שטנס משרתים וועלן אין גאַנצן ניט פאַריאָגט ווערן פון אונדזער לאַנד איז יעדער גלייביקער אין סכנה געשטרויכלט צו ווערן און זיין נשמה וועט אויסגעשטעלט ווערן אייביק צו ברענען אין די פייערן פון גיהנום . . .

„אַ סך יידן האָבן לפנים אָנגענומען אונדזער גלויבן, אָבער אין געהיים האַלטן זיי אָן זייער בונד מיטן שטן. זיי האָבן פאַרבאָרגענע פלעצער און דאָרטן פראַווען זיי זייערע דינסטן פון אומגלויבן, דינסטן צום שטן. אויסראָטן דאַרף מען זיי!

„אָבער ביז היינט האָבן מיר נאָך ניט געפונען זייער פאַרבאָרגענעם פלאַץ, זייער נעסט פון זינד. מיר האָבן געפייניקט אַ סך יידן, אָבער זיי האָבן אונדז דעם פלאַץ ניט אַרויסגעגעבן. כל זמן מיר האָבן ניט צעשטערט יענע נעסט פון זינד, קענען מיר ניט זאָגן אַז אונדזער מלחמה איז געענדיקט. כל זמן די פאַרשטעלטע יידן פאַרזאַמלען זיך נאָך פאַר זייערע געהיימע שטן־דינסטן, איז קיין זיכערקייט אין אונדזער לאַנד ניט פאַראַן.

„אָבער היינט קענען מיר יענעם סוד אויסגעפינען. איינער וואָס איז פאַרשטעלט פאַר אַן אונדזעריקן, און ס'איז אַ סברה אַז ער איז איינער פון אונדזערע שוטרים, ער איז זייער הייליקער און פירער אין זינד. ביי אונדז איז זיין נאָמען אַנדערש, און מיר ווייסן ניט ווער ער איז, אָבער ביי זיי הייסט ער משה אבן אליהו. אונדז איז אָבער באַקאַנט געוואָרן — דורך איינעם פון די יידן וואָס מיר האָבן היינט געפייניקט און ער האָט זיך אַרויסגערעדט — אַז היינט איז ביי די יידן אַ גרויסער יום־טוב און אום מיטן־נאַכט וועלן די יידן זיך פאַרזאַמלען מיט זייער כוהן משה אבן אליהו אין זייער פאַרבאָרגענעם פלאַץ. דאָרט וועט ער פאַר זיי פראַווען זייער שטן־דינסט. קיין גענויע פרטים האָבן מיר פון דעם ווידוי פון יענעם געפייניקטן יידן ניט אַרויסגעקראָגן. ער איז געשטאָרבן איידער ער האָט געענדיקט זיין ווידוי.

„בכן אָט וואָס מיר זאָלן טאָן: פאַר האַלבער נאַכט וועלן מיר זיך אַוועקשטעלן הינטער די טויערן פון דעם קירך פון הייליקן פאָול. איך האָב זיך דערוווסט אַז משה אבן אליהו וועט פאַרבייגיין די דאָזיקע קירך. דענסטמאָל וועל איך אים נאָכפאָלגן. איך וועל אויסשפירן וווהין ער גייט אַריין. דעמאָלט וועל איך אייך געבן אַ צייכן, און מיר וועלן באַפאַלן זייער נעסט פון זינד. איך פאַרלאָז זיך אויף אייך, ריטערס און שוטרים, אַז קיין איין לעסטערער פון אונדזער גלויבן וועט פון דאָרט ניט אַנטרינען. ווען מיר וועלן ניט נעמען געפאַנגען, זאָלן מיר טייטן אויפן אָרט. אָבער זייט גרייט! זיי קענען זיין באַוואָפנט און וועלן באַווייזן אַ ווידערשטאַנד. זייט גרייט צום ביטערן קאַמף!

„איך וועל זיין מיט אייך. איך ווייס ניט ווי עס זעט אויס דער דאָזיקער משה אבן אליהו, אָבער איך האָב אַ באַגריף ווי אים צו דערקענען. ער וועט זיין איינגעהילט אין אַ שוואַרצן מאַנטל ביז איבער דעם קאָפ, וועט זיין כלומרט איינגע־

בויגן, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן און אפשר אויך טראָגן אַ פאַלשע באָרד. ריטערס און שוטרים; טויט צו די אומגלייביקע פון אונדזער אמונה און צו די פאַרשווערערס פון דער הייליקער קירך!"

„טויט!... טויט!..." האָבן מיט ווילדן צאָרן אויסגעשריען אַלע פאַרזאַמלטע.

ווען מאַריאַ האָט אויסגעהערט די בייזע רייד פון איר פאָטער, ווען זי האָט באַנומען דעם צאָרנדיקן אויסגעשריי פון די פאַרזאַמלטע מיליטער־לייט, האָט זי פאַרגעסן אָן אַלע אירע ספקות און זיך אָפּגעגעבן צום געפיל פון רחמנות און צו דער ליבע פון איר האַרץ. זי האָט זיך אַנטשלאָסן אויף אַ געפערלעכער זאַך. זי וועט זיך איינשטעלן צו ראַטעווען די לעבנס פון די דאָזיקע אומגליקלעכע.

זי האָט געוואַרט ביז איר פאָטער און זיינע תליונים זיינען אַרויס פון הויז. דענסטמאָל האָט זי אָנגעטאָן איר מאַנטל, זיך אין אים אַזוי איינגעהילט אַז מ'זאָל זי ניט דערקענען, און איז אויף דער גיך אַוועק אַהין פון וואַנען עס דאַרף אָנקומען דער געהיימער משה אבן אליהו.

לאַנג איז איר ניט אויסגעקומען צו וואַרטן. זי האָט באַלד דערזען אַ געשטאַלט געקליידט אין שוואַרצן, וואָס האָט שפּאַצירט אין דער ריכטונג פון דער קירך. „דאָס איז ער," האָט אַ טראַכט געטאָן מאַריאַ. זי איז צו אים שנעל צוגעקומען און האָט אים אָנגערירט ביים מאַנטל. „מיין הער," האָט זי שטיל אַרויסגערעדט, „אויב מען רופט אייך משה אבן אליהו, גייט ניט אַהין וווהין איר גייט. איבערהויפּט גייט ניט פאַרביי דער קירך פון הייליקן פּאָול. אייך דראָעט אַ גרויסע סכנה."

זי האָט ניט געוואַרט צו הערן וואָס דער דאָזיקער מאַן וועט איר זאָגן. זי איז אויף שנעל אַוועק און פאַרבאָרגן זיך אין אַ דערבייִיקער גאַס און איז כמעט געלאָפן דעם גאַנצן וועג ביז זי איז צוריק אָנגעקומען אַהיים.

* * * * *

קומענדיק צוריק אַהיים איז מאַריאַ געפאַלן אויף די קני פאַרן הייליקן בילד פון דער געטלעכער מוטער און האָט זיך ביטער צעוויינט. ניין, זי האָט ניט חרטה געהאַט פאַרוואָס זי האָט געראַטעוועט דאָס לעבן פון די אומגליקלעכע. נאָר זי האָט פלוצים ביי זיך אין האַרצן דערפילט אַ מאָדנעם פיינפולן געפיל, אַז דאָס אַלץ אין וואָס זי האָט ביז איצט געגלייבט איז ניט דורכויס אמת, אַז עפּעס איז דערביי ניט ריכטיק, געפעלשט... ניט שוין זשע האָט דער מאַכטיקער פאָטער אין הימל מורא פאַר די ביסל אומגלייביקע וואָס זיי זיינען דאָ אויף דער ערד, אַז ער דאַרף אָנקומען צו דעם סיזענאַנדאָ־פאַרבאַנד זיי צו פאַרטיליקן און צו פאַרשפּרייטן אויף דער ערד פּיין און יסורים? ניט שוין זשע איז דער פאָטער אין הימל אַזוי שוואַך, אַז ער מוז אָנווענדן אַזויפיל אַכזריות קעגן די דאָזיקע וואָס ווייסן ניט זיין נאָמען?... ניט שוין זשע קען יעזוס בענטשן דאָס פאַרגיסונג פון בלוט וואָס מ'טוט אין זיין נאָמען?... ער אַליין האָט דאָך אויפן קרייץ מתפּלל געווען צום פאָטער אין הימל צו פאַרגעבן זיינע פּייניקער, ווייל זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען...

דער שרעקלעכער שאָטן פון צווייפל האָט זיך אַריינגעקליבן אין מאַריאַס האַרץ און האָט זי זינט יענעם אָוונט ניט אויפגעהערט צו פּייניקן. און וואָס ווייניקער פרידן זי האָט געפונען אין איר האַרץ אַלץ מער האָט זיך אין איר אַנטוויקלט דאָס געפיל פון רחמנות צו די געפּייניקטע, און אָפטער און אָפטער איז זי בסוד געקומען אין די הייזער פון די יתומים און אַלמנות פון די פאַרפּייניקטע און מיט וויפל זי האָט געקענט האָט זי געלינדערט זייערע ליידן.

דערביי איז איר פּנים פון טאָג צו טאָג בלייכער געוואָרן, און זי איז אַרומגעגאַנגען שווייגנדיק און פאַרטרויערט.

„מאַריא", האָט איר פאָטער זיך נאָכגעפרעגט ביי איר, „פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? איך מערק, דו ווערסט בלייכער פון טאָג צו טאָג. ביסטו קראַנק? אָדער טראָגסטו עפּעס צער ביי זיך אין האַרצן? ווער אָדער וואָס פאַרשאַפט דיר צער, מיין טאָכטער?"

„קיינער ניט, פאָטער, און קיין זאַך ניט!" האָט זי געענטפערט מיט אַ ציטער. „אויך בין איך ניט קראַנק." און דערביי האָט זי זיך געכאַפּט פאַר איר ברוסט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז איר פאָטער קען אַהין אַריינדרינגען און אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגענע ספקות פון איר האַרץ.



„ניין, מיין טאָכטער, איך זע אַז דו פאַרבאָרגסט זאַכן פון מיר. שוין אַ היפּשע צייט ווי איך מערק טרויער אויף דיין פּנים. אויך מערק איך ווי בלייך דו ביסט געוואָרן."

מאַריאַ האָט מער ניט געקענט זיך איינהאַלטן. זי האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

„פאָטער", האָט זי אויסגערופן, „ווען פון טאָג צו טאָג הייבט זיך דער רויך פון די שייטערהויפנס, און דער ווינט דערטראָגט אַהער די וויי־געשרייען פון די ליידנדע — ווי קען אַ מענטשלעך האַרץ ניט צעריסן ווערן פון רחמנות?... דו קומסט אַהיים און נעמסט מיך פאָטערלעך אַרום, אָבער ווי זאָל איך ניט האָבן אין זינען די קינדער פון די דאָזיקע אומגליקלעכע, וואָס אַ פאָטער וועט זיי שוין קיין מאָל ניט אַרומנעמען?... און זייערע פאָטערס האָב־און־גוטס ווערט אויך פאַרנומען און זיי קומט אויס אומצוקומען אין נויט..."

גרעגאָריוס האָט אויף איר געקוקט מיט דערשטוינונג און שרעק. אירע רייד האָבן אים דערמאָנט אָן די רייד פון איר מוטער, און וואָס דערפאַר איז ער, גרעגאָריוס, געצוווּנגען געוואָרן צו זיין דער שליח פון גאָט זי איבערצוגעבן איינגעשפּאַרט צו ווערן אין אַ מאָנאַסטיר... ווערט די טאָכטער באַצוווּנגען פון איר מוטערס גייסט?..

און מאַריאַ האָט נאָך גערעדט:

„יעזוס קריסטוס האָט אויפן קרייץ מתפּלל געווען אַז גאָט זאָל פאַרגעבן זיינע פּייניקערס... יעזוס האָט פאַר זיינע פּייניקערס מתפּלל געווען, טאָ ווי מעגן מיר, זיינע גלייביקע, זיך נוקם זיין אָן די אוראייניקלעך פון דאָזיקן פאָלק וואָס האָבן אים פאַרמשפּט צו פּיין?... פאָטער, ווען דו ברענגסט צו פּיין די דאָזיקע אומגליקלעכע, באַטראַכסטו זיך אַ מאָל, אַז ווי וואָלט געווען ווען דיין אייגענע טאָכטער וואָלט אַזוי געפּייניקט געוואָרן?..."

„שווייג, מאַריאַ!" האָט גרעגאָריוס אויסגעשריען. „שווייג! רעד ניט אַזוינע רייד! דער שטן פאַרמאָגט ניט אַזויפיל גבורה צו קענען מיך אָפּשטעלן פון צו נעמען נקמה פאַר דיר! אָבער דו רעדסט אַזוי מאָדנע, טאָכטער מיינע. דו רעדסט וועגן די לעסטערערס פון אונדזער אמונה ווי זיי וואָלטן געווען מענטשן און וואָלטן געקענט ווייטיקן באַגלייך מיט אונדז. די דאָזיקע פאַרשאָלטענע פון גאָט קענען מיר ניט מעסטן מיט אונדזער מאָס פון רחמנות און ניט מיט אונדזער מאָס פון וויי. זיי זיינען אין גאַנצן אַנדערש. זייערע נשמות זיינען פאַרבונדן מיטן טייוול."

„ניין, ניין, ניין, פאָטער!" האָט מאַריאַ אויסגעשריען. „זייער לייב ווייטיקט ווי דאָס לייב פון יעדן גוטן קריסט. טראָגן זיך דען ניט זייערע געשרייען פון פּיין אַזוי ווי עס וואָלטן זיך געטראָגן די פּייןגעשרייען פון איינעם פון אונדז? און די טרערן פון זייערע אַלמנות און יתומים זיינען אַזוי מענטשלעך ווי אונדזערע אייגענע טרערן..."

„שווייג, שווייג, מאַריאַ!" האָט גרעגאָריוס אויסגערופן מיט אַ באַנומענעם קול און זיך פאַרשטעלט די אויערן. „דיינע רייד קלינגען אָפּ אין מיינע אויערן ווי איינע אַ שטימע וואָס איך וואָלט שוין לאַנג געוואָלט פאַרגעסן...."

מאַריאַ איז פאַרציטערט געוואָרן און האָט אויף אים געקוקט מיט פאַרדאַכט און שרעק: „אַ שטימע וואָס ער וואָלט שוין לאַנג געוואָלט פאַרגעסן..." וואָס פאַר אַ שטימע מיינט ער?... איר מוטערס שטימע ? . . .

גרעגאָריוס האָט באַמערקט איר ציטער און האָט פאַרשטאַנען אַז ער האָט צופיל אַרויסגערעדט. ער האָט זיך פאַרכאַפּט און אָנגעהויבן רייקן אויף שנעל צו פאַרטומלען אירע געדאַנקען:

„מ'טאָר אויף יענע פאַרשאָלטענע קיין רחמנות ניט האָבן. ס'איז אַ זינד. מיר באַגעגענען זיך מיט זיי יעדן טאָג אפילו צווישן די ווענט פון אונדזער הייליקער קירך. מיר ווייסן אַז זיי קומען אַהין ניט צו בענטשן, נאָר זיי קומען צו לעסטערן. אין אונדזער אייגענער שטאָט איז דאָ ערגעץ אַ פאַרבאָרגענע הייל וווּהין עס קומען זיך צונויף די דאָזיקע לעסטערערס און פירן אָן אָרגיעס פון טומאה און ווילדן כישוף. אָט הער, מיין טאָכטער: מיט צוויי טעג צוריק האָב איך זיך געקניט אין קירך. לעבן מיר האָט זיך נאָך איינער געקניט. און ווי נאָר ער האָט מיך דערקענט, האָט ער זיך קענטיק דערשראָקן און זיך אָפּגעקערט פון מיר. דאַרף איך נאָך אַ בעסערן באַווייז אַז דער דאָזיקער

איז פון די לעסטערערס פון אונדזער גלויבן? מיר דאַרפן אים אפילו ניט שטעלן צום משפּט. אונדזערע שוטרים האָבן אים נאָכגעפאָלגט ביז זיין היים און דאָרט אויסגעפירט אונדזער גערעכטיקייט. דאָס איז אַ התראה צו זיינע שכנים און משפּחה...״

מאַריאַס אויגן האָבן זיך אין שרעק ברייט צעעפנט. אָבער גרעגאָריוס האָט אויף דעם ניט אַכטונג געגעבן און איר פּחד ניט באַמערקט. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין אויפטו. ער האָט איר אפילו דערציילט ווער דער קרבן איז געווען און וווּ ער האָט געוווינט. ער האָט איר אויך דערציילט אַז זיין פאַרבאַנד, וואָס איז אויפן נאָמען פון קעניג סיזענאַנד, האָט באַשלאָסן אַז די אפּיקורסים וועט מען שוין מער ניט פירן צום געריכט. זיי האָבן אָפּגערייניקט די תּפיסה פון סעוויל, און ווי נאָר אויף איינעם וועט פאַלן אַ חשד וועלן זיי אים ברענגען אין תּפיסה. דאָרט וועלן זיי אַליין אים אויספרעגן און אים מקיים פּסק זיין...

אָבער מאַריאַ האָט איר פאָטערס רייד מער ניט געקענט פאַרטראָגן. איר האַרץ האָט פאַקלעמט, איז זי אויף שנעל אַרויס פון צימער, אַוועק צו זיך אין צימער, זיך אַריינגעוואָרפן אין איר בעט און האָט זיך צעוויינט.

* * * * *

האַסטיק איז מאַריאַ געגאַנגען איבער די גאַסן פון סעוויל וואָס פירן צו דער תּפיסה. נעכטן ביינאַכט האָט זי זיך דערוווּסט אַז די סיזענאַנדערס האַלטן דאָרט פאַרשפּאַרט די פרוי פון דעם זעלביקן מאַן, וועמען איר פאָטער האָט באַגעגנט אין קירך און מ׳האָט אים אומגעבראַכט פאַר די אויגן פון זיין ווייב און קינדער. געאיילט האָט זיך מאַריאַ צו דער תּפיסה און איר באַשלוס איז געווען פעסט: וואָס עס זאָל ניט געשען, מוז זי ראַטעווען די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי. אפילו ווען זי, מאַריאַ, זאָל דאַרפן דערפאַר באַצאָלן מיט איר אייגענעם לעבן.

לעבן, האָט זי זיך געטראַכט, וואָס פאַר אַ ווערט האָט לעבן?... איר אייגן לעבן איז איר נמאס. שוין אַ צייט ווי זי האָט אָנגעהויבן דערפילן אין זיך אַ מאָדנעם באַגער, אפילו אַ בענקונג, נאָר מאַרטירערשאַפט — אַ בענקונג צו קאָנען מיט די אייגענע יסורים אויסלייזן די מוראַדיקע זינד וואָס ווערן באַגאַנגען אַרום און אַרום איר... ווי יעזוס האָט געטאָן... איר אייגענער פאָטער איז דאָך איינער פון די זינדיקע... אָבער ניט איר פאָטערס זינד אַליין ווילט זיך איר אויסלייזן, נאָר די זינד פון אַלע זינדיקע וואָס רינגלען זי אַרום... מיט זייערע ליפּן זאָגן זיי תּפילות צו גאָט און מיט זייערע מעשים לעסטערן זיי אים...

איר האַרץ איז פון טאָג צו טאָג אויסגעגאַנגען פאַר ווייטאָג. ליבערשט אומקומען איידער אַרומטראָגן זיך מיט יסורים. זי קען מער ניט פאַרטראָגן די טרערן און די ווײ־געשרייען פון די געפייניקטע. און וויבאַלד זי קען אַזוי ווייניק לינדערן לײדן, ווינטשט זי פאַר איר אייגענעם נפש צו דערפילן פּיין. און אומבאַוווּסטזיניק, מער איידער באַוווּסטזיניק, האָט זי זיך געווונטשן צו ווערן אַ מאַרטירערין.

זי איז צוגעקומען צו דער תּפיסה. די תּפיסה איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שמירה פון מענטשן אין שוואַרצע מאַנטלען און באַוואָפנט. מאַריאַ האָט זיי דערקענט. דאָס זיינען סיזענאַנדערס פון איר פאָטערס אָפּטייל. מאַריאַ האָט זיך פאַרבאָרגן הינטערן שטאַם פונעם אַלטן דעמב וואָס איז דאָרט געוואַקסן און געוואָלט זיך צוהערן צו זייערע רייד. צו זיי איז צוגעפאָרן אַ רייטער, אויך געקליידט אין שוואַרצן, מיט אַ קאַפּישאָן איבערן קאָפּ, וואָס האָט פאַרהוילן דאָס פּנים מ׳זאָל אים ניט דערקענען.

„אַלפאָנזאָ דע באַרלאָ,״ האָט דער רייטער אויסגערופן, „איך האָב זיך דערוווּסט אַז משה אבן אליהו איז נאָך דאָ אין שטאָט. ער מיט די אומגלייביקע וועלן זיך היינט פאַרזאַמלען ערגעץ־ווו לעבן פּלאַצאַ אין אַ געהיימען אָרט. גיב מיר צען מענטשן. מיר וועלן אַרומרינגלען די פּלאַצאַ. אפשר וועט זיך אונדז פּאָרט איינגעבן זיי צו אַנטפּלעקן. זיי ווילן, פאַרשטיי איך, באַפאַלן די תּפיסה און באַפרייען די גאָטלעסטערנדיקע פרוי וואָס מיר האַלטן דאָ געפאַנגען.

מאַריאַ איז פאַרציטערט געוואָרן. דער דאָזיקער רייטער איז געווען איר אייגענער פאָטער. „הייליקע מוטער״, האָבן געשעפּטשעט איר ליפּן, „דערבאַרעם זיך! מיט דיין האַרץ פון רחמנות שטעל אָפּ די רציחות פון דער ערד!״

זי האָט געוואַרט ביז איר פאָטער מיט די צען אַנדערע רייטערס זיינען אָפּגעפאָרן. דערנאָך איז זי דרייסט אַרויס פון איר פאַרבאָרגעניש און איז צוגעגאַנגען צו אַלפאָנזאָ דע באַרלאָ. זי האָט אויפגעדעקט איר שלייער און האָט זיך צו אים געווענדט:

„אַלפאָנזאָ דע באַרלאָ, דערקענסט מיך?״

„מאַריאַ!... די טאָכטער פון גרעגאָריוס...״ איז דער סיזענאַנדער דערשטוינט געוואָרן און האָט זיך פאַר איר פאַרנייגט.

„אַלפאָנזאָ״, האָט מאַריאַ געזאָגט, „איך וויל אַריינגיין אין תּפיסה און ריידן צו דער געפאַנגענער פרוי דאָס וואָרט פון גאָט. איך וויל זוכן חרטה אין איר האַרץ. איך וויל ביי איר אויספרעגן ווו איז זייער פאַרבאָרגעניש פון טומאה. וועסטו מיך אַריינלאָזן, אַלפאָנזאָ?״

אַלפאָנזאָ האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט נאָר בלויז געגעבן אַ צייכן צו זיינע לייט, וואָס האָבן פאַר איר אָפּגעטראָטן דעם וועג.

„אָבער וואַרט, אַלפאָנזאָ,״ האָט מאַריאַ ממשיך געווען, „איך האָב צו דיר נאָך אַ בקשה. ווען איך וועל צוריקקומען, זאָלסטו מיך ניט אָפּשטעלן און ביי מיר קיין זאַך ניט פרעגן. דעם סוד וואָס איך וועל אַרויסטראָגן פון תּפיסה וויל איך בלויז צו מיין פאָטער אַנטפּלעקן. איך וויל אַרויסקומען פון תּפיסה מיט תּפילות אויף מיינע ליפּן. זאָג מיר דאָס צו, אַלפאָנזאָ!״

„איך זאָג צו, מאַריאַ!״ האָט ער געענטפערט.

„און ווי, אַלפאָנזאָ, אַז דו וועסט דאָ מער ניט זיין ווען איך וועל צוריקקומען? און ווי אַז דאָ וועט דעמאָלט זיין אַן אַנדערער אויף דער שמירה, וואָס קען מיך ניט?״

„איך זאָג דיר צו, מאַריאַ,״ האָט איר אַלפאָנזאָ געענטפערט, „אַז איך וועלן פון דאַנען ניט אָפּטרעטן ביז וואַנען דו וועסט צוריקקומען.״

מאַריאַ האָט אים באַדאַנקט און איז אַריין אין תּפיסה.

* * * * *

אין דער טונקלקייט פון תּפיסה־הויף האָט מאַריאַ באַמערקט אַ באַוואָפנטן וועכטער, אָנגעטאָן אין די קליידער פון די סיזענאָנדערס. ווען זי איז צו אים צוגעקומען נעענטער איז זי נשתומם געוואָרן — זי האָט אין אים דערקענט דעם זעלביקן משה אבן אליהו וועמען זי האָט אַ מאָל געראַטעוועט פון טויט און וואָס אים זוכט איצט איר פאָטער.

„אומגליקלעכער״, האָט זי זיך צו אים געווענדט, „ווי קומסטו אַהער? האָסטו דען ניט געהערט אַז די סיזאָנאָנדערס זוכן דיך אַרום? ווען זיי וועלן דיך דערקענען וועלן זיי דיך אומברענגען.״

„איך בין אַהער געקומען צו ראַטעווען אַ פרוי, וואָס איז אונדז אַלעמען טייער,״ האָט איר משה אבן אליהו געענטפערט. „איך רייד צו דיר אָפנהאַרציק, ווייל איך דערקען אין דיר, אַז דו וועסט מיך ניט פאַרראַטן. איר מאַן איז געטייט געוואָרן די פאַרגאַנגענע וואָך און זי איז פאַרמשפּט אומגעבראַכט צו ווערן היינט. מיר איז מיין לעבן ניט טייער, אויב נאָר איך קאָן דורך אים ראַטעווען אַ לעבן וואָס איז אונדז אַלעמען טייער.״

„משה אבן אליהו״, האָט צו אים מאַריאַ געזאָגט, „ווען דו וואָלסט מיך ניט דערקענט וואָלסטו מיר ניט פאַרטרויט נאָך וואָס דו ביסט דאָ. איין מאָל האָב איך דיין לעבן געראַטעוועט, איצט בין איך דאָ צו ראַטעווען דאָס לעבן פון דער זעלביקער פרוי וואָס דו ווילסט ראַטעווען. אָבער דו מוזט גלייך אַוועק פון דאַנען און איידער דו ווערסט דערקענט. אויב ניט, איז דיין לעבן פאַרפאַלן און אויך איר לעבן וועט זיין פאַרפאַלן.״

זי האָט אויף אים אַכטונג געגעבן און האָט געזען אַז ער צווייפלט אין אירע רייד. האָט זי ממשיך געווען:

„איך שווער דיר מיט אַלץ וואָס איז באמת הייליק אויף דער וועלט.״

ער האָט אַ ווײלע געטראַכט, ווי ער וואָלט געוויגן און געמאָסטן אירע רייד. דערנאָך האָט ער, ניט רעדנדיק קיין וואָרט, אַ קוש געטאָן איר האַנט און זיך אומגעדרייט אַרויסצוגיין פון תּפיסה־הויף.

„וואַרט אויף איר אונטער די קאָלאָנעס פון דער הייליקער קירך פון פּאול,״ האָט זי אים נאָכגעזאָגט, „אָבער זאָלסט בשום

יעקב שמואל טויבעס

# רעוואָלוציע — אויף צוריק!

(די רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען אין אונדזער צייט — פון אַ טראַדיציאָנעלן קוקווינקל)

אויף דער גאַנצער וועלט רודערט עס איצט מיט רעוואָלוציעס. יעדער האָט טענות צו אַלץ און צו אַלעמען. מען האָט טענות צו די מלוכות, מען האָט טענות צום איינגעפונדעוועטן סדר, צום „עסטאַבלישמענט" בלע"ז, מען האָט טענות צו די עטישע באַגריפן און די מאָראַלישע השקפות, וואָס זיינען געווען גילטיק ביז אַהער. יונגע קינדער, נאָך נאַסע הינטער די אויערן, שול־יינגלעך און שול־מיידלעך ווערן אַריינגעריסן אין דעם קעסלגרוב פון רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען און אידעען.

סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן, וואָס דאַרפן ערשט לערנען און אויסבילדן זייער גייסט, כדי צו פאַרשטיין די וועלט און כדי צו געפינען אַ פּלאַץ אין דער וועלט, זיי ווילן עס לערנען זייערע לערערס און זיי זאָגן דעות, אויף וועלכן אופן און וואָס מען דאַרף מיט זיי לערנען. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אויך טענות צום באַשעפער, הגם מען גלייבט נישט אין אים און מען לייקנט זיין עקזיסטענץ, לויט דער לעצטער פילאָזאָפישער מאָדע, לויט וועלכער „גאָט איז טויט". דערביי פאַרגעסט מען גאָר אין גאַנצן, אַז עפּעס האָט דאָך די מענטשהייט, אַז עפּעס האָבן דאָך מיר אַ שטיקל שייכות מיט דער דאָזיקער סאָציאַלער סטרוקטור, מיט דער דאָזיקער געזעלשאַפט, וואָס מ י ר האָבן אויפגעבויט און וואָס דעריבער האָבן מיר אויך

אויפן ניט צוקומען נאָענט צו דער פלאַצאַ." ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַז ער וועט איר פאָלגן.

משה אבן אליהו איז אַוועק צו פּלאַץ וואָס מאַריאַ האָט אים אָנגעצייכנט. ניט לאַנג איז אים אויסגעקומען צו וואַרטן. באַלד איז צו אים צוגעקומען אַ פרוי אָנגעטאָן אין מאַריאַס קליידער. זי האָט אים שטיל געזאָגט:

„שנעל, לאָמיר גיין פון דאַנען. אַ גוטער מלאך איז אין תפיסה־צעל געקומען. זי האָט מיר געגעבן אירע קליידער און האָט מיך באַפרייט. זי האָט מיר געזאָגט ווו צו געפינען דיך."

* * * * *

אין תפיסה־צעל איז אַריינגעקומען גרעגאָריוס. אין דער פינצטערניש האָט ער אין אַ ווינקל דערזען אַ ווייס פרויען־געשטאַלט. ער איז צו איר צוגעקומען,, מיט דער לינקער האַנט זי אָנגענומען פאַר די האָר און מיט דער רעכטער האַנט דורכגעשטאָכן זי אין דער ברוסט. דערביי האָט ער מיט רציחה אויסגערופן:

„שטאַרב, דו דינסט פון שטן, שטאַרב!"

די פרוי האָט דערפילט אַז זי איז שטערבלעך פאַרוווּנדעט, האָט זי צוגעדריקט איר האַנט צו דער ברוסט, צו פאַרהאַלטן דעם שטראָם בלוט, און זי האָט שטיל אויסגערופן:

„הייליקע מוטער! זאָל כאָטש מיין בלוט אָפּווישן די זינד פון דער ערד און אויפלויכטן די אויגן פון די בלינדע, זיי זאָלן מער ניט פאַרגיסן קיין אומשולדיק בלוט!"

און זי איז געפאַלן אויף דער ערד — טויט.

ווען גרעגאָריוס האָט דערהערט דער פרויס קול האָט ער דערפילט ווי זיין האַרץ וואָלט פלוצים געפּלאַצט אין זיין ברוסט און אַז זיינע האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויר. ער האָט שנעל אויפגעהויבן דעם טויטן קערפּער און אים צוגעטראָגן צום פענצטערל פון דעם צעל. ביים שוואַכן ליכט פון דער לבנה, וואָס האָט אַהין אַריינגעשיינט, האָט ער דערקענט דעם פּנים.

„מאַריאַ!" האָט ער משונה אויסגעשריען. „מאַריאַ"! און איז אַפּאָפּלעקסיש געפאַלן אויף דער ערד איבער דעם קערפּער פון זיין טאָכטער.



דאָס אַחריות פאַר דעם אופן, אויף וועלכן זי פונקציאָנירט.

הקיצור, מען וויל שינויים און מען איז גרייט משנה צו זיין די באַשטייענדיקע אָרדענונג מיט געוואַלד, מיט רעוואָלט, מיט צעשטערונג און פאַרניכטונג. עס האָט זיך אפילו אויסגעאַרבעט אַ מין פילאָזאָפישער סיסטעם און מען רעדט גאַנץ ערנסט נישט נאָר מכוח דאָס „רעכט אויף רעוואָלוציע," נאָר בפירוש מכוח דער „לעגאַליטעט פון רעוואָלוציע," אָדער מיט אַנדערע ווערטער, מכוח דער „לעגאַליטעט פון אומלעגאַלקייט," דעם געזעץ פון אומגעזעצלעכקייט — אַ בולטע „קאָנטראַדיקציאָ אין אדיעקטאָ", אַ ווידערשפּרוך אין זיך אַליין. אַ חוץ דעם טאָר מען נישט פאַרגעסן די סקאַרבאָווע רעוואָלוציאָנערע שיטה פון דעם רויטן „אינטערנאַציאָנאַל", הגם זי וואַקלט זיך לעצטנס גאָר שטאַרק און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער איינייקייט, וואָס האָט געדאַרפט אַרומנעמען און פאַראייניקן די „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער" האָט זיך אַויסגעלאָזט אַ בוידעם. אמת די „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער" זיינען היינט צעטיילט אין צוויי פיינטלעכע מחנות, גרייטע אַ יעדע מינוט אָנצופאַלן איינע די אַנדערע אין אַ קאַמף אויף מעסערס, אין אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט. די דאָזיקע לאַגע פאַרמינערט אָבער נישט די אַלגעמיינע סכנה, מחמת דערפון קען אַרויסוואַקסן און זיך אַנטוויקלען דאָס, וואָס וואַגן אפילו נישט צו טראַכטן דערפון, דהיינו: אַ וועלט־מלחמה, דער דריטער וועלט־קריג.

איז איצט אפשר די צייט צו באַטראַכטן דעם יידישן, דעם טראַדיציאָנעלן צוגאַנג צו דעם באַגריף רעוואָלוציע בכלל און צו דער רעוואָלוציאָנערער עפּידעמיע, וואָס בושעוועט כמעט איבער דער גאַנצן ערדקיילעך.

וואָס איז דער טראַדיציאָנעלער קוק אויף די דאָזיקע פּאַראַדאָקסאַלע השקפות, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין אַזוי פיל מענטשלעכע מוחות און סטראַשען אַריינצווואַרפן די וועלט אין אַנאַרכיע און כאַאָס?

* * * * *

להיפּוך צו געוויסע אויסטייטשונגען איז דער יידישער גייסט לכתחילה און בטבע קאָנסערוואַטיוו און נישט רעוואָלוציאָנער. דער טראַדיציאָנעלער ייד איז גיכער געניגט זיך צו האַלטן ביי די אַלטע אויסגעפּרוּווטע דרכים און נישט צו זוכן בביון שינויים. ער האַלט זיך שטענדיק פאַר די אויגן, אַז נישט ע ר פירט עס אָן מיט דער ממשלה פון דער וועלט. זיין השפּעה איז גאָר אַ גרינגע, וואָס ער דאַרף טאָן איז, מקיים צו זיין זיינע פליכטן צו גאָט און צו לייט. דער מענטש איז נישט מחויב און נישט בכוח איבערצומאַכן די וועלט. דאָס איז כביכולס עסק. פאַר דעם גאַנג פון דער וועלט זאָל זיך זאָרגן דער, וואָס האָט די וועלט באַשאַפן.

אַ צווייטע סיבה פאַר דער דאָזיקער האַלטונג פון דעם טראַדיציאָנאַלן ייד, איז זיין גלויבן אין אַ גערעכטן וועלט־סדר, נישט געקוקט אויף דער פאַרדאָרבנקייט פון דער וועלט און די אומגערעכטיקייטן, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט. ער ווייסט, אַז סוף־כל־סוף וועט זי געמשפּט ווערן מיט גערעכטיקייט. דעריבער וועט ער אויך כלפּי בולטע עוולות און אומגערעכטיקייטן נישט תיכף מורד זיין. ער האַלט זיך נישט פאַר דעם פּוסק אַחרון, ער וועט זיך נישט אַרויסשטעלן פאַר דעם וועלט־שופט, זיך נישט מאַכן צום ריכטער פון דער מענטשהייט. ער וועט קודם אָפּוואַרטן מיט געדולד און בטחון דעם אייבערשטנס פּסק.

אַוודאי קען אַזאַ איינשטעלונג פירן דערצו, אַז מען זאָל ליידן אונטער דעם דרוק, אונטער דעם יאָך פון אַן אומגערעכטער ממשלה, פון אומגערעכטע ריכטערס. די צרה קען מען אָבער סיי ווי נישט אויסמיידן. אַזוי איז שוין דעם מענטשנס גורל. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון מענטשלעכער אימפּערפעקציע, וואָס וועט זיך אייביק געפינען אין די שאַפונגען פון אַ בשר־ודם.

וואָרן וואָס איז די ברירה? צו פאַרבייטן דעם ריכטער? אויף דעם וואָלט מען דאָך אַליין געדאַרפט זיין אַ ריכטער, אַליין געדאַרפט משפּטן, ווער עס איז דער בעסערער שופט. ווער האָט די אויטאָריטעט צו ריכטן דעם ריכטער? און ווער קען עס אָפּשאַצן, וואָס פאַר אַ מין יושר דער נייער, דער אויסגעביטענער ריכטער וועט אונדז ברענגען? אָט, למשל, האָבן מיר אין אונדזער תקופה דערלעבט די

גליקן פון אַזאַ שינוי, נאָך דעם ווי מען האָט פאַרביטן דעם יושר פונעם רוסישן צאַר אויפן — סאָוויעטישן יושר... איז אפשר טאַקע גלייכער צו וואַרטן ביז פּאַמעלעך און אויף אַן עוואָלוציאָנערן אופן וועט זיך דורכברעכן די גערעכטיקייט. אָבער לכתחילה זיך רייסן צו פאַרבייטן דעם פּריץ דאַרף מען נישט.

ווי עס זאָל ניט זיין, האַלט זיך די טראַדיציאָנעלע השקפה לכל הפחות ביים פּרינציפּ פון גערעכטיקייט. זי באַוואָרנט די אויטאָריטעט פונעם געזעץ, וואָס אָן דעם וואָלט קיין שום שטאַט און קיין שום סאָציאַלער אָרגאַניזם נישט געקאָנט עקזיסטירן.

אגב, האַלטן רעוואָלוציאָנערן גופא אויך פון דעם דאָזיקן פונדאַמענטאַלן פּרינציפּ. דאָס ערשטע, וואָס אַ רעוואָלוציע, וואָס דער צעשטערער פונעם געזעץ און דער לייקענער אין לעגאַליטעט פירט איין, זיינען — רעוואָלוציאָנערע געריכטן, ווי מיר האָבן עס ערשט נישט לאַנג צוריק געזען נאָך דער רעוואָלוציע אין קובאַ.

בסך־הכל מעג מען דעריבער זאָגן, אַז די טראַדיציאָנעלע השקפה איז אין עצם אויטאָריטאַטיוו און נישט רעוואָלוציאָנער.

בדרך־כלל איז דער קלאַסישער יידישער דרך שטענדיק געווען, נישט צו זוכן חטאים ביי יענעם, נאָר קודם־כל צו קאָנטראָלירן זיינע אייגענע מעשים. מען דאַרף קודם וויסן און זיך אָפּגעבן אַ דין וחשבון, אויף ווי ווייט מען איז אַליין כשר וישר, איידער מען נעמט זיך אונטער צו קריטיקירן יענעם און אַרויפצווינגען אויף אים די אייגענע אידעען מכוח דעם, ווי אַזוי די וועלט וואָלט זיך, על פּי יושר, געדאַרפט פירן.

פון דעסטוועגן מיינט דאָס נישט, אַז דער ענין פון שינויים איז אונדז יידן פרעמד. אדרבה, יהדות איז דווקא נישט אוניפאָרם, נישט טאָטאַליטאַר. עס בינדט דעם יידן נישט צו דווקא צו איין נוסח, צו איין מנהג, צו איין לשון. יידן ווייסן ווויל, אַז מנהגים מוזן זיך בייטן מיט דער צייט און אַז אין דער גלייכער צייט קענען שולט זיין אין פאַרשיידענע מקומות פאַרשיידענע מנהגים. וכל מקום לפי מנהגו“ — יעדער אָרט זאָל זיך פירן לויט זיין מנהג. הייסט עס, אַז מיר יידן פאַרשטייען גאַנץ גוט דעם פאַקט פון פאַרענדערונגען. מיר היטן זיך נאָר צו זיין דער גורם דערצו. מיר אַנערקענען ענדערונגען, אַזוי צו זאָגן, בדיעבד. און נאָך דעם, ווען זיי זיינען שוין געשען, אחר־המעשה... אָבער אויף ווי ווייט מעגלעך און ווי לאַנג אַ מנהג באַשטייט, דאַרף מען זיך ביי אים האַלטן.

ווי, אויף וועלכן אופן קומט עס אָבער פאַרט צו שינויים?

איז דער תירוץ, אַז פאַר דעם זאָרגט זיך שוין די „צייט“. דאָס זיינען גורם די באַהאַלטענע, אַנאָנימע כוחות פון דער צייט. דאָס באַווירקן פון איין זייט פאַנאַטישע דאָקטרינערע אוטאָפּיסטן און פון דער אַנדערער זייט, דאָס טונקעלע, אונטערערדישע פסולת, יענע אונטערוועלט־מענטשן, וואָס דאָסטאָיעווסקי באַצייכנט זיי מיטן נאָמען „דעמאָנען“. אַזעלכע מיני מזיקים געפינען זיך אין יעדן דור און אין שטורעמדיקע, רעוואָלוציאָנערע צייטן קריכן זיי אַפּיר פון אונטער דער ערד אויפן אויבערפלאַך און נעמען איבער דעם שטייער־רודער פון דער מלוכה.

* * * * *

נאָך די ביז־אַהעריקע אויספירן איז בולט, אַז איינע פון די סיבות, אויב נישט די הויפּט־סיבה דערפאַר, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט צוגעשטעלט אַזאַ גרויסן קאָנטינגענט פון זיינע זין צו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, האָט געמוזט זיין די אָפּשוואַכונג און פאַרשוואַכונג פון יידישע אידעען ביי יענעם חלק פון אונדזער פאָלק און, ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, אַ קאַלאָסאַלע, קאָלעקטיווע אסימילאַציע צו פרעמדע, נישט־יידישע אידעאָלאָגיעס.

וואָס איז שייך די גרויסע צאָל פון פירנדיקע יידישע פערזענלעכקייטן אין די ראַדיקאַלע שיטות, קענען יענע קוים באַטראַכט ווערן ווי יידישע מענטשן אין פולן זין פון וואָרט, הגם זיי קומען אַרויס פון אַ יידישער גזע. דאָס זיינען געוויינטלעך פון זייער פאָלק אָפּגעפאַלענע, פון זייערע ברידער פאַרפרעמדטע אינטעלעקטואַלן, וואָס לגבי דעם גורל פון זייער אומה זיינען זיי שטענדיק געבליבן קאַלט און גלייכגילטיק. מען דאַרף אין דעם פּרט נאָר באַטראַכטן די „יידישקייט“ פון די טעאָרעטיקער און אינטעלעקטועלע פּני אין דער פאַרסאָוועטישער עפּאָכע און דערנאָך, אויך



ווי לאַנג מען האָט זיי צוגעלאָזט, אין דער סאָוויעטישער עפּאָכע גופא, כדי צו פאַרשטיין, אַז זיי זיינען מיט אונדז גאָר קנאַפּע מחותנים.

אין דעם שייכות זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז דער שרייבער פון די שורות האָט זיך שטענדיק געחידושט איבער דעם „קאַמף פאַר די רעכט“ פון יידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, בפרט פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג, דעם גלייכן רעכט איינצונעמען פּאָזיציעס און אַמטן אין סאָוויעטישן מלוכה־אַפּאַראַט און אין דער סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע. קעמפן פאַר די דאָזיקע רעכט מיינט דאָך קעמפן דערפאַר, אַז יידן זאָלן קענען ווערן גאַנצע, גלייכבאַרעכטיקטע, פולע קאָמוניסטן און דאָס מיינט, דערשטיקן דאָס לעצטע ביסל יידישקייט וואָס גליווערט נאָך אפשר ערגעץ־ווו אין זייערע אָדערן.

היינט האָבן זיך אַ סך מענטשן, ביי אונדז אין אַמעריקע און איבער דער וועלט, מיישב געווען. אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע יידישע שרייבער און פּאָעטן, כלל־טוער און סתם־יידן האָבן סוף־כל־סוף דערקענט דעם זומפּ, אין וועלכן זיי האָבן ביז אַהער געבראַדזשעט, די בלאָטע, אין וועלכער זיי זיינען פאַרקראָכן. אייניקע שרייבערס האָבן אפילו אָנגעגורט זייערע לענדן און עפנטלעך מודה געווען זייער חטא, אָדער ווי זיי באַצייכענען עס היינט, זייער „טעות“. אפשר אפילו איז די דאָזיקע תשובה זייערע היינט אַ ביסל צו פאַרזיכטיק און פאַר אַמאָליקע בונטאַרישע רעוואָלוציאָנערן צו לאַנגזאַם און צו עוואָלוציאָנער. מחמת אָנצורופן אַזאַ בלאַנדזשעניש, אַזאַ פאַרבלענדקייט מיטן דעליקאַטן נאָמען טעות, הייסט שוין איבערגעכאַפּט דאָס לשון נקיה. מיט אַזאַ פאַראיידלטן טערמין קען מען נישט מסביר זיין יענעם גייסטיקן גליטש, יענעם טראַגישן גייסטיקן אָפּנייג פון דריי דורות יידישע שרייבערס, פּאָעטן און קולטור־טוער. אַזוי פּשוט איז דאָס נישט געווען און אַזוי לייכט קען מען דאָס נישט אָוועקפּטרן. אויב מען באַטראַכט דעם חילוק, דעם תהום צווישן די מאַטעריאַליסטיש־אַטעיסטישע פּרינציפּן פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע און די עיקרים, להבדיל, פון יידישער טראַדיציע און יידישקייט, איז דאָך נישט שייך צו ריידן מכוח אַ טעות. דאָס האָט נאָר געקענט זיין דער פּועל־יוצא פון אַ שווערן געשיכטלעכן חטא, אַ האַרבער היסטאָרישער פאַרזינדיקונג, וואָס האָט דערפירט צו אַט דער אַטראָפּירטער, צי גאָר אין גאַנצן אויסגעליידיקטער יידישקייט.

איז עס איצט אפשר אפילו אַ חיוב פון יענע מאָדערנע בעלי־תשובה אַרויסצוזאָגן קלאָר און דייטלעך און מיטן פולן מויל, וואָס עס האָט ביי זיי גורם געווען די ירידה פון יידישקייט. ערשט דערמיט וואָלט פון זייער „טעות“ געקענט אַרויסקומען אַ טובה פאַר יענע, וואָס קענען, צי ווילן נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין די סימנים פון דער צייט און דאָס גראַנדיעזע שווישפּיל פון דער ווידערגעבורט פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ פאַר אונדזערע סאַמע בליקן.

ליידער זיינען נאָך אַלץ פאַראַן יידישע מענטשן און אפילו גאַנצע גרופּעס, וואָס פאַרמאָגן נישט דעם מאָראַלישן מוט איבערצורייסן אין גאַנצן מיט זייער פאַרפעלטער פאַרגאַנגענהייט. זיי קאָקעטירן נאָך אַלץ מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען און דערהויפּט מיט די אָפּגעדראָשענע רעוואָלוציאָנערע שלאַגווערטער. באַזונדערס באַליבט איז ביי זיי די פראַזע פונעם „רעוואָלוציאָנערן יידישן גייסט.“ די דאָזיקע אָפּגעשטאַנענע און שעדלעכע פראַזע האָט זיך ממש ווי איינגעגעסן אין יידישע מוחות און מען קען פון איר באַין אופן נישט פּטור ווער. זי איז נאָך אַלץ איינגעוואָרצלט אין די קעפּ אפילו פון יענע, וואָס האָבן מכלומרשט שוין געפונען זייער וועג צוריק צום אייגענעם, צום יידישן מקור.

דערביי האָט מען ליב זיך צו באַרופן אויף אונדזערע נביאים — להבדיל אלף הבדלות — ווי אויף מכלומרשטע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם גייסט פון רעוואָלט און רעוואָלוציע. איז דאָס אָדער פּשוט עם־הארצות, אָדער אַ בכיוונדיקע טענדענץ, וואָס דערמיט האָפט מען צו פאַרשלייערן פאַר די רעוואָלוציאָנערע חברים פון אַ מאָל דעם טרויעריקן אמת פון היינט. מען שעמט זיך אָדער מען האָט מורא מודה צו זיין בפה מלא, אַז די רעוואָלוציע האָט ביים יידישן פאָלק כמעט אין גאַנצן באַנקראָטירט. פּרוווט מען אויף דעם אופן זי צו פאַרענטפערן, צו פאַרגלעטן, צו פאַר־

פוצן. פאַרקניפּט מען זי מיט יידישע הייליקייטן, פאַרקנסט מען זי מיט אידעען פון יושר און גערעכטיקייט, וואָס דאָס איז פאַר געוויסע גייסטיקע קאָניוקטור־מענטשן געוואָרן היינט די גרויסע מאָדע, אַ סחורה, וואָס איז עובר לסוחר.

איבעריק צו באַטאָנען, אַז אַזאַ מין תשובה טויג לחלוטין נישט, אַז דאָס איז נישט מער ווי תשובה־פּאָליטיק.

אין דער אמתן האָט דער מין רעוואָלוציע דעם נביא אפילו נישט געקענט קומען אויפן געדאַנק, עס האָט זיך אים אפילו דערפון נישט געחלומט. מחמת די השגה פון אַן אייביקן אמת און פון דעם אייביקן התחייבות, וואָס דער דאָזיקער אמת לייגט אויף אונדז אַרויף, איז שוין לכתחילה מעכב אַ פונדאַמענטאַלן, אַ רעוואָלוציאָנערן שינוי!

אויב ישעיה הנביא זאָגט אינעם נאָמען פון גאָט, אַז „חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי, היו עלי לטרח, נלאיתי נשא" — די ראשי־חדשים און די ימים־טובים אייערע האָט מיין נפש פיינט, זיי זיינען פאַר מיר אַ לאַסט, איך בין מיד זיי צו דערטראָגן — האָט ער דאָך דערמיט נישט מכוון געווען, חלילה, אָפּצושאַפן יידישע חוקים פון דער תורה, צו רעוואָלוציאָנירן די תורה. דער פשוטער פשט דערפון איז כמובן, אַז דער נביא האָט זיך נאָר געווענדט קעגן דעם, מען זאָל די מצוות פון דער תורה נישט מקיים זיין מיט קיינע אומריינע כוונות. ער האָט זיך געווענדט נאָר קעגן „מנחת שוא", קעגן פוסטע, אויבנאויפיקע קרבנות, וואָס דאָס האַרץ איז נישט דערביי.

דערמיט איז אָבער דער נביא נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, נאָר אַדרבא, דער היפוך דערפון. רעוואָלוציאָנער איז אפשר געווען דאָס פאָלק, דאָס זינדיקע און פאַרפירטע פאָלק, מחמת ער האָט מורד געווען קעגן די געבאָטן פון דער תורה. האָט דער נביא זיי געוואָלט צוריקפירן צוריק אין יידישן תחום אַריין. דעריבער איז אויך דעם נביאס כוונה שטענדיק געווען צו ענדערן די הערצער, אויסצוהיילן די נשמות פון דעם יידישן פאָלק. אָבער עס איז אים קיין מאָל נישט געקומען אויפן זינען צו „פאַרענדערן די וועלט" אָדער אָפּשאַפן דעם „באַשטייענדיקן סיסטעם", ווי דער מאַרקסיסטישער פּיזמון גייט. אַזאַ כוונה האָט ער נישט געקענט האָבן, פשוט, מחמת דער דאָזיקער סיסטעם איז אַן אייביקער און אומפאַרענדלעכער. איינער פון די הויפּט־אמתן פון דער תורה איז, אַז זי איז דער הויפּט־אמת! אין דער תורה האָט דער טראַדיציאָנעלער ייד געפונען אַ פעסטן, אַן אַרכימעדישן פונקט, אַן אייביקן אָנהאַלט, אַן אַבסאָלוטוס!

דעריבער וואָלט עס געווען אַ סך בילכער צו באַצייכענען דעם נביא נישט ווי מען האָט געפּרווט צו טאָן, ווי אַ מאַרקסיסטישן רעוואָלוציאָנער, נאָר דווקא ווי דעם עקשנותדיקן, קאָנסעקווענטן, קנאישן קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. דווקא ווייל ער האָט געשטרעבט מיט אַלע מיטלען צוריקצופירן דאָס פאָלק צו אמתער, צו ריינער יידישקייט, האָט ער מבטל געווען פאַרמאַלע פרומקייט און צבועיאַצקע קרבנות.

דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיין גאַנצער געשיכטע נאָר דורכגעמאַכט איין אמתדיקע רעוואָלוציע, די רעוואָלוציעביים באַרג סיני. די דאָזיקע רעוואָלוציע איז געווען דער איבערגאַנג צו מאָנאָטעיזם, צום גלויבן אין איין אייביקן אמת. יידישקייט ווייסט נישט פון קיין דרייאייניקייטן און נישט פון קיין צווייאייניקייטן. יידישקייט ווייסט נאָר פון איין איינציקער איינקייט!

מיט דעם דאָזיקן גלויבן האָט דער יידישער גייסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל געמאַכט אַ סוף פון דער אידעע פון רעוואָלוציע בכלל. זינט קבלת־התורה קענען מער נישט פאָרקומען קיין פונדאַמענטאַלע שינויים, לכל הפּחות נישט ביים יידישן פאָלק!

אויב עס קומען יאָ פאָר פאַרענדערונגען און „רעוואָלוציעס", אפילו מיט די כלי־זין אין האַנט, ווי ביים אויפשטאַנד פון די מכבים, קען עס זיך דערביי לעולם נאָר האַנדלען אין רעפאָרמען, אין רעסטיטוציעס. איז דער תכלית דערפון געווען צוריקצוגיין צום שורש, צוריקצוברענגען זיינע רעכט, צו באַוואָרענען יידישקייט!

עס קען זיך דערביי נאָר האַנדלען אין רעוואָלוציעס — אויף צוריק!



# שרייבערס און ביכער

ש. בריזמאַן

## חסד לאברהם

**חסד לאברהם:** ספר היובל לאברהם גולומב, צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג. רעדאַקטירט פון משה חזקוני־שטאַרקמאַן. אברהם גאָלאָמב יובל־קאָמיטעט ביים ייוו"א אין לאָס אַנדזשעלעס, 1969־1970. 619, 10 עמ'.

עס איז אַ זעלטענע דערשיינונג, ווען אַ יידישער געלערנטער ווערט באַערט מיט אַ ספר היובל. במשך פון די לעצטע הונדערט יאָר, זינט די „פעסטשריפטן"־ליטעראַטור האָט געמאַכט איר דעביוט אין יידישן וויסנשאַפטלעכן לעבן, זיינען מן־הסתם נישט מער ווי אַ זיבעציק־אַכציק ספרי היובל פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט נישט דערשינען. נאָך ווייניקער איז די צאָל פון ספרי היובל אין יידישע אותיות; אפשר אַ דריי צענדליק בסך־הכל. אַ ספר היובל פון דעם פאַרנעם און אינהאַלט פון „חסד לאברהם," איז לויט ווי מיר דאַכט זיך, די זעלטנסטע געשעעניש: עס איז ממש אַן ערשטמאָליקע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

ראשית, דער נאָמען: חסד לאברהם, עס קלינגט כמעט ווי דער נאָמען פון אַ חסידיש־רבנישן ספר (אַ קורצער בליק אין אַ העברעישע ביבליאָגראַפיע וועט טאַקע ווייזן, אַז אונטער דעם נאָמען זיינען ביז איצט דערשינען אַן ערך אַ טוצן ספרים פון חסידישן אָדער קבלהיסטישן אינהאַלט). אויך דער ערשטער איינדרוק פון דעם באַגילדעטן רוקן, איז ווי פון אַ ספר. אגב, עס איז נישט קלאָר פון דעם נאָמען, ווער האָט געטאָן אַ חסד מיט וועמען. האָבן די אָנטיילנעמער פון ספר היובל געטאָן אַ חסד מיט דעם בעל היובל אָדער להיפוך... פון דער הקדמה דערוויסן מיר זיך, אַז אַ גרופּע לאָס אַנדזשעלעסער ייוואָעסקנים האָבן געוואָלט טאָן אַ „חסד" מיט דעם בעל היובל און אים איינאָרדענען אַ באַנקעט לכבוד זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג. ר' אברהם גאָלאָמב האָט אָבער נישט מסכים געווען, אַז זיין „דערגרייכן די עלטער פון גבורה" זאָל געפייערט ווערן דורך אַ באַנקעט. דאַן „איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן אַ זאַמלבוך געווידמעט דעם יובילאַר."

ערשט די פּראָדוקציע פון דעם ספר: אַ קיבוץ גלויות בזעיר אנפּין. אַ קאָמיטעט פון לאָס אַנדזשעלעס, אַ רעדאַקטאָר פון ניו־יאָרק, אַ דרוקער פון מעקסיקע מיט אַן ערך הונדערט יידישע און העברעישע שרייבער פון ארבע פינות העולם — פון מעלבאָרן ביז ירושלים; פון וויניפּעג ביז אַמסטערדאַם — צוזאַמענגעבראַכט און אַריינגעפּרעסט צווישן די טאָוולען פון דעם העכער 900־זייטיקן ספר. דער פאַקט אַליין איז גענוג צו פאַרצייכנט ווערן אַלס אַ גאַר זעלטענע דערשיינונג אין דער פּראָדוקציע פון יידישע ביכער. דאָס אַלץ איז אָבער חיצוניות. מירן איצט אַריינקוקן אינעווייניק.

מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז אַרום הונדערט יידישע און העברעישע שרייבערס באַטייליקן זיך אין דעם ספר היובל. למען האמת זאָל דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז די פאַרטיילונג צווישן די צוויי ליטעראַטורן איז איבערוועגנדיק איינזייטיק. נאָר אַ צוואַנציק שרייבערס זיינען דאָ פאַרטראָטן מיט אַרבעטן אין העברעיש; די איבעריקע, ד.ה. 80 פּראָצענט פון די אַרבעטן זיינען אין יידיש. איז עס טאַקע צום ערשטן מאָל אין מאָדערנע צייטן, וואָס אין אַ בשותפותדיק וויסנשאַפטלעכן ווערק זאָל יידיש אַזוי ווייט איבערשטייגן העברעיש. איז עס אַ סימן אויף בעסערע צייטן פאַר דער „אונטערגייענדיקער" שפּראַך אָדער איז עס אַ צופעליקייט?

לאָמיר אַצינד זען די טעכנישע אָרגאַניזאַציע פון דעם ספר. דער רעדאַקטאָר האָט איינגעטיילט די מאַטעריאַלן פון ספר היובל אין פינף גרופעס. די ערשטע דריי — אַן ערך אַ דריטל פון בוך — זיינען דירעקט געווידמעט דעם בעל היובל. זיי אַנטהאַלטן ביאָגראַפיעס, זכרונות, אָפּשאַצונגען, פאַרטייטשונגען און אויך לידער לכבוד דעם בעל היובל, געשריבן פון פריינד, פאַרערערס און געוועזענע תלמידים און תלמידות. זייער דערפרישנדיק און פיקאַנט זיינען די רעפראָדוקציעס פון די קאַריקאַטורן און לידלעך, וואָס זיינען פרעזענטירט געוואָרן צו גאָלאָמבן פון די תלמידים פון ווילנער לערער־סעמינאַר אין 1932 (צום סוף פון דריטן אָפּטייל, זייטן 31-288).

די פערטע אָפּטיילונג איז די גרעסטע סיי אין כמות — אַרום 500 עמודים — און סיי אין איכות. זי אַנטהאַלט קנאַפּע פערציק עסייען און אָפּהאַנדלונגען, פון פאַרשידנאַרטיקן אינהאַלט, אייניקע פון זיי פון וואָגיקן ווערט. די פינפטע און לעצטע אָפּטיילונג הייבט זיך אָן מיט באַגריסונגען צום בעל היובל און ענדיקט זיך מיט אַ לאַנגן עסיי פון בעל היובל אַליין, אין וועלכן ער רעזומירט זיין ייִדישע וועלט־אנשויאונג אין אַן אני מאמין פון: ייִדישקייט, פאָלקישקייט, געטלעכקייט.

לויט ווי איר זעט איז ר׳ אברהם גאָלאָמבס ספר היובל נעוץ סופו בתחילתו. ווייזט אויס, אַז דער רעדאַקטאָר האָט עס בכיוון אַזוי אָרגאַניזירט דעם מאַטעריאַל, כדי עס זאָל זיך אָנהייבן און ענדיקן מיט דעם בעל־היובל. איז ווילן מיר נאָכגיין אין די פוסטריט פון דעם רעדאַקטאָר און אָנהייבן מיט זיין „ביאָגראַפישע כאַראַקטעריסטיק“ פון ר׳ אברהם גאָלאָמב.

משה שטאַרקמאַן, דער רעדאַקטאָר פון „חסד לאברהם“, עפנט אויף דעם ספר מיט אַן אַרטיקל: „אברהם גאָלאָמב, זיין לעבן און שאַפן; ביאָגראַפישע כאַראַקטעריסטיק.“ איז אברהם גאָלאָמבס „לעבן“ ווידמעט דער מחבר קוים אַ צענדליק פאַראַגראַפן, דערפאַר לאָזט ער זיך אַוועק אין אריכות, ווען ער קומט צו זיין „שאַפן“. ער באַגנוגט זיך נישט נאָר מיטן פאַנאַנדערגלידערן פאַר אונדז „אברהם גאָלאָמבס אידעען־וועלט“, ער באַמיט זיך אויך קלאָר צו מאַכן, וועלכע טיילן פון גאָלאָמבס אידעען ער איז וויליק אָנצונעמען און אויף וועלכע ער איז גרייט צו פאַרציכטן. דער רעזולטאַט פון דעם אַלעם איז, אַז עס שאַפט זיך ביי אונדז אַן אומבאַלאַנסירט בילד פון בעל־היובל.

צום זכות פון דעם רעדאַקטאָר דאַרף מען דאָ צוגעבן, אַז די בלויזן אין גאָלאָמבס „לעבן“ ווערן שפעטער אויסגעפילט דורך מאמרים און זכרונות פון פאַרערערס און תלמידים. איז טאַקע אפשר דערפאַר האָט ער אין זיין אייגענעם מאמר פאַרנאַכלעסיקט דעם אַזוי וויכטיקן ביאָגראַפישן טייל. עס וואָלט אָבער אַ סך מוסיף געווען צו דער וואָגיקייט פון ספר, ווען די אָרגאַניזאַציע פון די מאמרים, אַמווייניקסטן אין דער ערשטער אָפּטיילונג, וואָלט געווען אַ טעמאַטישע און נישט קיין אַלפאַבעטישע לויט די נעמען פון די מחברים. וואָלט דאָס געטאָן געוואָרן, וואָלטן דאַן די מער ביאָגראַפיש־מעמואַריסטישע מאמרים גרופירט געוואָרן צוזאַמען, אַזוי אַז דער לייענער וואָלט באַקומען אַ מער קלאָרן בולטן בילד פון אַברהם גאָלאָמב דער מענטש, דער דערציער און טעאָרעטיקער.

עס וואָלט אויך גאָר נישט געמינערט געוואָרן פון דער חשיבות פון ספר, ווען געוויסע מאמרים וואָלטן בכלל נישט געדרוקט געוואָרן. מען קאָן נאָך פאַרשטיין אַ „באַגריסונג פון אַ לאָיאַלן אָפּאָזיציאָנער“ (זייט 43. אגב, פאַרוואָס געהער עס נישט אין דער אָפּטיילונג פון באַגריסונגען?) אָבער נאָך וואָס דרוקן אַן אָפּשאַצונג פון אַ „פסיכיאַטער“, אין וועלכן ער פאַרגינט זיך נישט צו זאָגן קיין איין גוט וואָרט וועגן בעל היובל? (זייטן 45-49).

לאָמיר צוריקגיין צו גאָלאָמבס „אידעען־וועלט“. מאי קא משמע לן, גאָלאָמב? וואָס האָט ער מחדש געווען אין אונדזער ייִדישער וועלטל? העכער צוואַנציק שרייבערס פון ספר היובל באַמיען זיך צו געבן אַן ענטפער דערויף.

גאָלאָמב האָט אַנטוויקלט אַ נייעם היסטאָריאָסאָפישן צוגאַנג צו ייִדישקייט, זאָגט משה שטאַרקמאַן. גאָלאָמב וואַרפט אָפּ טיילווייז אָדער גענצלעך די היסטאָריאָסאָפישע טעאָריעס פון קראָכמאַל, אחד־העם, דובנאָוו, זשיטלאָווסקי, קויפמאַן און ראַווידאָוויטש. קראָכמאַל האָט אַוועקגעשטעלט דעם טראָפ אויף גייסטיקייט, וואָס וועט אייביק אויסהאַלטן ייִדישקייט ביים לעבן; אחד־העם האָט געהאַלטן, אַז אַ „גייסטיקער צענטער“ וועט אימוניזירן דאָס וועלט־ייִדנטום; שמעון דובנאָוו האָט געזען די תרופה אין אויטאָנאָמיזם אין די גלות־לענדער; קויפמאַן האָט געגלייבט, אַז דער איינציקער אויסוועג איז אַ טעריטאָריע פאַר אַלע ייִדן, און ראַווידאָוויטש האָט פרובירט מאַכן אַ פשרה צווישן „בבל“ און „ירושלים“, אַ מין שותפות צווישן גלות און ארץ ישראל. גאָלאָמב איז טעאָרעטיש אַמנאָענטסטן צו ראַווידאָוויטשן. משה שטאַרקמאַן שילדערט גאָלאָמבס צוגאַנג אַזוי:

„די מדינה און די גלותן טאָרן נישט זיין קיין קעגנזאַצן. זיי האָבן צוזאַמען איין ציל און איין אויפגאַב — דעם קיום האומה... העברעיש און ייִדיש זיינען אויך נישט קיין קעגנזאַצן... אַזוי זיינען אויך נישט קיין קעגנערס רעליגיע און וועלטלעכקייט...“

בקיצור, גאָלאָמב איז כולל אַלע פאָזיטיווע עלעמענטן אין ייִדישקייט, ד״ה, אַז ייִדישקייט קאָן געדייען און זיך אַנטוויקלען סיי אין מדינת ישראל און סיי אין די גלות־לענדער, נאָר ווען עס וועט אַבסאָרבירן אַ ל ץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס עס ווערט געשאַפן איצט און וואָס עס וועט געשאַפן ווערן אין דער צוקונפט. עד כאן לויט משה שטאַרקמאַן.

יחזקאל בראָנשטיין, דער טראַגיש־אומגעקומענער פאָעט, זעט אין גאָלאָמבן „אַ פאַרצייטיקן מוכיח.“

„זיינע אומאונטערבראָכענע מאָנונגען דערמאָנען אַ פאַרצייטיקן מוכיח, וואָס ווערט קיין מאָל נישט מיד צו גיין באַרג־אַרויף אין קאַמף פאַר זיינע אידעען, מיט דער זעלטנסטער עקשנות פון אַ טיפישן זון פון אונדזער עם קשה־עורף“. (ז׳ 39).

ד״ר נח גריס דיסקוטירט גאָלאָמבס צוגאַנג צו מזרח־אייראָפעישן שטעטל־לעבן און זיין האָפענונג אויף מדינת ישראל (זייטן 63-70). ל. דאמאנקעוויטש שילדערט גאָלאָמבס פיינטשאַפט פון אַסימילאַציע (זייטן 71-76) און א. העריסאָן רעדט וועגן גאָלאָמבס דאגה פאַר אונדזער המשך. איזהו חיניך, אַן אידעאָלאָגישער קעגנער פון גאָלאָמבן, שילדערט זיין עקשנות און פעדאַגאָגיע (זייט 83-85) און ה. לאַנג ווייזט אונדז גאָלאָמבן דעם קעמפער (זייטן 87-91).

אַ ביסל אַ לענגערע עסיי וועגן יעקב קלאַצקין, חיים גרינבערג און, יבדל לחיים, אברהם גאָלאָמב גיט אונדז פראָפ׳ סאָל ליפצין (זייטן 93-100). נאָכגעפאָלגט פון עטלעכע מאמרים וועגן גאָלאָמבן דעם לערער, געשריבן פון מענדל מאַן, יודל מאַרק און מ. מענאַכאָווסקי. זאב סאַליס באַמיט זיך צו געפינען ענלעכקייטן און סתירות צווישן גאָלאָמבן און מיטלאַלטערלעכע ייִדישע דענקער (ז״ז 115-124)) און ברוך צוקערמאַן פרובירט צו אָנוואַרפן אייניקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון בעל היובל (129-137). יצחק קאַהאַן ווידמעט עטלעכע זייטן צו גאָלאָמבס פובליציסטיק (זייטן 152-161); ד״ר ל. קורלאַנד שרייבט וועגן גאָלאָמבן, ווי אַ תלמיד וועגן זיין רבין (זייטן 163-168) און אַלעקס ראָבין פרובירט אָנוואַרפן אַ פראַקטישן פראָגראַם פאַר אַמעריקאַנער ייִדן באַזירט אויף „גאָלאָמביזם“ (זייטן 169-174).

ווייטערדיקע אָפּשאַצונגען און פירושים אויף גאָלאָמבן האָבן בייגעשטייערט מלך ראַוויטש, לייזער ראַן, י. ראַפּאָפּאָרט, ד״ר ב. ראַפּשטינסקי, יצחק רייזמאַן, הרב ד״ר מאיר שוואַרצמאַן און בנימין שעלווין. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן ד״ר מרדכי שעכטערס אַרטיקל: „צו אברהם גאָלאָמבס טערמינאָלאָגישע רשימה פון וואַסער־געוויקסן, אָריגינעל געדרוקט אין זיין הילפס־ביכל צו באָטאַנישע עקסקורסיעס אויף וואַסער,“ ווילנע, 1923.

איז האָבן מיר דורכגעבלעטערט עטלעכע הונדערט זייטן פונעם ספר היובל, וואָס גיבן אונדז אַ פאַרשיידנאַרטיקן בילד פון גאָלאָמבס „לעבן און שאַפן“. די פראַגע וואָס מיר האָבן אָבער געפרעגט פריער, מאי קא משמע לן, גאָלאָמב? — איז אַלץ נישט געבליבן פאַרענטפערט. גאָלאָמב דיאַגנאָזירט, רופט, מאָנט, שטראָפט, ציטירט, פאָלעמיזירט, אָבער וואָס שלאָגט ער פאָר? לאָמיר זען וואָס גאָלמב אַליין האָט אונדז צו זאָגן וועגן דעם. מיר׳ן אַריבערשפרינגען צום סוף פון ספר היובל.

גאָלאָמב בויט זיין יידישע וועלט על שלושה דברים, אויף דריי טערמינען: יידישקייט, פאָלקישקייט, געטלעכקייט. וואָס מיינט „יידישקייט"? גאָלאָמב האַלט, אַז דאָס לאָזט זיך נישט דעפינירן. „בנוגע צו יידישקייט איז אַן איינגעלעבטער עם־הארץ מער באַגלויבט איידער אַן אָנגעלערנטער תלמיד חכם" (זייט 839). „עס איז יידיש נישט ווייל אַזוי האָט געשריבן אַן אָדם גדול, נאָר עס איז יידיש ווייל אַזוי איז עס אין פאָלק" (דאָרט). הייסט עס, אַז פאַקטיש, לויט גאָלאָמבן, איז יידישקייט אַ פועל־יוצא פון פאָלקישקייט. דאָס פאָלק באַשטימט וואָס איז יידישע פירונג און וואָס נישט. איז אויב עס איז אַזוי, קומט אויס, אַז גאָלאָמבס יידישע וועלט ווערט רעדוצירט צו נאָר צוויי באַגריפן. לאָמיר איצט זען, וואָס עס מיינט "געטלעכקייט". זאָגט גאָלאָמב:

„נישט גאָט, נאָר געטלעכקייט איז אמונת ישראל. נישט גאָט ווי אַ באַזונדערער סובסטאַנטיווער עפּעס, נאָר דאָס געטלעכע, וואָס איז אייביק און אומעטום און די געזעצן פון דעם הערשן פון אייביק ביז אייביק, פון אַ מילימעטער ביז די מרחקים פון די גאַלאַקסן." (זייט 752).

„אַלע פילאָסאָפיעס און טעאָלאָגיעס וועגן אַ גאָט־סוביעקט זיינען פרעמד דעם יידישן געדאַנק, דעם יידישן געפיל... זייער ציל איז צו הערשן איבער דעם מענטשן און נישט צו דער הערשאַפט פון געטלעכקייט אין מענטשן." (דאָרט).

דערפון איז געדרונגען, אַז גאָלאָמב גלייבט, אַז די אמונה אין אַ פערזענלעכן יידישן גאָט איז גאָרנישט יידיש, אַז דער גאָט־באַגריף ווי ער איז פיקסירט אין תנ"ך איז נישט אַקטועל היינט, ווייל די באַדינגונגען פון פאָלק זיינען אַנדערע היינט ווי דאַן. דאָס פאָלק שאַפט זיין גאָט לויט די אומשטענדן:

„דער חומש דערקלערט דעם זינען פון די מיצוות מיט דעם גליק פון דעם פאָלק אין זיין לאַנד. דאָס נישט אויספירן די מיצוות וועט ברענגען צו דער תוכחה פאַרן גאַנצן פאָלק, ווי אַזאַ. שפּעטער איז דער קיום פון יידישן פאָלק, פון יידישקייט געוואָרן אומאָפּהענגיק פון דעם גורל פון דער שוואַכער מדינה, איז די אַחריות פאַרן קיום פון יידישער פאָלקישקייט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף יעדן יחיד, איז אויפגעקומען דער גלויבן אין השגחה פרטית" (זייט 854).

היוצא לנו מדברינו, אַז דער עיקר איז פאָלקישקייט. יידישקייט איז פאָלקישקייט; גאָט, געטלעכקייט איז פאָלקישקייט... און פון גאָלאָמבס דרייפיסיק יידיש וועלט פאַרבלייבט נישט מער ווי איין פיסל.

* * * * *

איז דאָס אויבן געזאָגטע נישט געמיינט חס־ושלום צו פאַרמינערן אברהם גאָלאָמבס צושטייער צום יידישן געדאַנק. פאַרקערט, עס באַווייזט ווי ווייט קאָמפּליצירט זיין דענקען איז און ווי ווייט קאָמפּליצירט יידישקייט איז. איצט ווידער צו דער זעלבער קשיא: וואָס שלאָגט גאָלאָמב פאָר? זיין אַקסיאָמע, אַז פאָלקישקייט איז דער הויפּט־ציל פון יידישער עקזיסטענץ ברענגט אים צו דער מסקנא, אַז דער ענטפער צו אַלע אונדזערע פּראָבלעמען ליגט אין דעם וואָרט „אחד", גייסטיקע גאַנצקייט. „דער יידישער אחד, ווי אַן אידעאַל, מוז איצט אַרומנעמען אויך דעם אחד פון אַלע יידישע ישובים. עס איז נישט קיין פראַגע פון קיבוץ גלויות. עס איז ביי היינטיקן טאָג אַקטועלער די פּראָבלעם פון איחוד גלויות, פון איחוד כל העם, פון אחדות ישראל" (זייט 857).

גאָלאָמב פאַרשרייבט דעם רעצעפּט פון אחד־אחדות ספּעציעל פאַר יידישער דערציונג, ווייל „כל זמן דאָס יידישע פאָלק איז געווען איינס, גאַנץ, איין „גוי אחד בארץ", איז אויך די דערציונג געווען איינע—אין אַלע ישובים, פאַר אַלע קלאַסן און שיכטן, פאַרן רב און בעדער, פאַרן נגיד און קבצן — איין פּראָגראַם און איין סיסטעם... כ'בין שטאַרק מסופּק, צי פון דעם שלל 'דערציונגען' קען אויסוואַקסן איין איינהייטלעך פאָלק..." (דאָרט).

מען וואָלט נאָך געקענט ציטירן און ציטירן גאָלאָמבן; ער איז דאָך כמעיין המתגבר. מיר גלייבן אָבער, אַז דאָס ביסל אויבן־געבראַכטע איז גענוג צו פאַרשטיין דעם צוגאַנג זיינעם צו אַלע יידישע פּראָבלעמען. מען וואָלט אויך געקענט זיך אָפּשטעלן און נעמען דינגען מיט אים אויף דעם אָדער יענעם פּרט, סיי בנוגע זיין צוגאַנג צו רעליגיע, סיי בנוגע זיין אינטערפּרעטאַציע פון יידישקייט. דאָ איז אָבער נישט דער פּלאַץ דערפאַר. עס ווילט זיך נאָר אויפמערקזאַם מאַכן אויף עטלעכע אַנטוויקלונגען אין אַמעריקאַניש־יידישן לעבן פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, וועלכע געפינען נישט קיין אָפּקלאַנג ביי גאָלאָמבן בכלל.

מיר מיינען דאָ די אימיגראַציע קיין אַמעריקע פון שארית הפליטה יידן; די מערסטע פון זיי פון אונגאַרן און רומעניע. די אָ יידן האָבן זיך באַזעצט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין און אַרום ניו־יאָרק, געשאַפן זייערע אייגענע קהילות און שולן־סיסטעם און האָבן שוין באַוויזן אויפצושטעלן אַ דור אַמעריקאַניש־געבאָרענע קינדער, וואָס גייט אין די וועגן פון זייערע עלטערן. דאָס זעלבע איז אויך אמת ביי אַנדערע פרומע יידישע פאַמיליעס אין און אַרום ניו־יאָרק.

און נאָך עפּעס. דער צושטראָם פון צענדליקער טויזנטער פרומע עמיגראַנטן האָט אויך גורם געווען צו אַן אויפוווקס פון ישיבות גדולות, ווו די רביים זיינען יידיש־רעדנדיקע און די תלמידים — ענגליש־רעדנדיקע. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז די תלמידים הייבן אָן ריידן אַ מין „זשאַרגאָן", אַן ענגליש מיט אַ גאָר גרויסן פּראָצענט צומיש פון יידישע און העברעיִשע טערמינאָלאָגיע. דער „זשאַרגאָן" קומט צום אויסדרוק נישט נאָר אין זייער ריידן נאָר אויך אין זייער שרייבן.

האָבן מיר דאָ דערשיינונגען פון אָרגאַניזירטע קהילות לויטן מזרח־אייראָפּעישן שטייגער און דערשיינונגען פון די ערשטע פאַזן פון דער אַנטוויקלונג פון אַן אַמעריקאַנער „יידיש". אינטערעסאַנט ווי די דערשיינונגען פּאַסן זיך אַריין אין גאָלאָמבס סכעמע פון יידישקייט־פאָלקישקייט־געטלעכקייט. אָבער מיט אַן אַנדער פּירוש.

דער איבערזיכט האָט זיך שוין אויסגעצויגן אַ ביסל צו לאַנג. וועט מען מוזן איבערלאָזן די עסייען און שטודיעס פון ספר־היובל אויף אַן אַנדער געלעגנהייט. עס בלייבט נאָר איבער צו ווינטשן דעם בעל־היובל נאָך לאַנגע יאָרן פון אַקטיווקייט און שעפערישקייט, עד מאה ועשרים.



ז. בונין

# פּינטשע בערמאַנס ניי בוך לידער *)

עס זענען אונדז באַקאַנט יחידי סגולה אין דער ליטעראַטור וואָס קאָנען געגליכן ווערן צו אַלטן וויין, אַז וואָס עלטער עס ווערט אַלץ קלאָרער און שטאַרקער ווערט עס. צו דערמאָנען בלויז טאָמאַס האַרדי און וואָלט וויטמאַן אין דער ענגלישער ליטעראַטור און אונדזער אייגענער ה. רויזנבלאַט ז"ל, וואָס ערשט צו דער עלטער זיינען זיי געוואָרן אַלץ מער באַרימט און אָנערקענט. און צו זיי קאָן בלי שום ספק צוגערעכנט ווערן אויך אונדזער אייגענער פּינטשע בערמאַן.

פּינטשע בערמאַן איז געבענטשט מיט אַן אמת דיכטערישן טאַלאַנט און אַן אויסערגעוויינלעכן גוטן זכרון. און ער באַציט זיך צו זיין באַרוף מיט אַזוי פיל ערנסטקייט ווי, לאָמיר זאָגן, דער כהן גדול צו דער עבודה.

ווי אָפט פלעג איך אים זען אַ מאָל, ווען מיר זענען געווען שכנים, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, גיין מיט אַ פּאַק ביכער פון ביבליאָטעק. דאָס האָט ער זיך געגרייט האַלטן אַ לעקציע איבער אַ היסטאָרישן העלד פון דער יידישער אָדער וועלט־געשיכטע, און געהאַלטן האָט ער זיין פאָרטראָג לויטן זכרון און ניט פון קיין געשריבענעם טעקסט.

פּינטשע בערמאַן, אַ חוץ דעם וואָס ער איז אַ באַגאַבטער לעקטאָר, באַזיצט אַ פילפאַכן פּאָעטישן טאַלאַנט ווי אַ ליריקער, באַלאַדיסט, קינדער־לידער און פאָלקס־מאָטיוון.

איך האָב זיך באַקאַנט מיט פּינטשע בערמאַן און זיין ליבער פרוי פּעני, אין יאָר 1925, ווען מיר, אַ צאָל יידישע

*) „אין גערויש פון ווינט", פון פּינטשע בערמאַן, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 245 זייטן, 163 לידער, באַלאַדן, קינדער־און פאָלקס־מאָטיוון.

שרייבערס אין לאָס אַנגעלעס, האָבן זיך געגרייט אַרויסצוגעבן דעם ערשטן נומער „מערב“, און דער רעדאַקטאָר יצחק האַראָוויץ האָט מיך דעלעגירט צו זען זיך מיט פינטשען און איינלאַדן אים זיך באַטייליקן מיט אַן אַרבעט אין דעם זשורנאַל. איז מיר גאָר קיין וווּנדער ניט וואָס דער רעצענזענט, אַברהם באַראַבאַן, אין דער „יידישע צייטונג“ פון ישראל, הייבט אָן זיין רעצענזיע איבער פינטשע בערמאַנס „אָפענע פענצטער,“ דערשינען אין יאָר 1960, מיט: „דאָס ליד אין זיין האַרציקער פשוטקייט“, ווייל ביי אונדזער באַגעגניש האָב איך אים געטראָפן אַ ליב־האַרציקן מענטש, און אַ האַרציקער מענטש וואָס איז געבענטשט מיט אַ פאָעטישן טאַלאַנט מוז דאָך שרייבן פשוטע און האַרציקע לידער!

ווען איך האָב זיך מיט אים באַקאַנט האָט ער פון צייט צו צייט זיך באַטייליקט אין די דענסטמאָל פאַרשיידענע זשורנאַלן און צווישן זיי „די צוקונפט“ און „פרייע אַרבעטער שטימע“, וועלכע עקזיסטירן נאָך עד היום.

פינטשע בערמאַן פרווט ניט צו אימיטירן די אַזוי גערופענע „מאָדערנע דיכטער“, וועלכע עס איז אַ סך מאָל שווער צו פאַרשטיין.

אַ גאָר גרויסע השפעה האָט געהאַט אויף זיין שאַפן משה לייב האַלפערן, מיט וועמען בערמאַן איז זייער נאָענט באַפריינדעט געוואָרן דורך דער צייט וואָס משה לייב האָט פאַרבראַכט אין לאָס אַנגעלעס. ער האָט געזען אין פינטשען אַ פאָעטישן טאַלאַנט און ער האָט אים געוועקט און דערמוטיקט צו שרייבן. און אין פינטשע בערמאַנס שאַפן פילט זיך משה לייבס השפעה. און עס איז זיכער ניט לגנאי. מיר וויסן פון אונדזער געשיכטע פון די גרויסע תנאים, אמוראים און גאונים, וואָס האָבן געהאַט תלמידים, וועלכע האָבן שפעטער אַריבערגעשטייגט זייערע רביים.

פינטשע בערמאַן שרייבט קלאָר און דייטלעך, טאַקע פאַרן פאָלק. ער שרייבט פשוט ווי פשוט דאָס „בוך פון ביכער“ איז געשריבן. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין ריטם, מיט זיין מוזיקאַלישן קלאַנג, מיט אַזאַ שפע פון מעטאַפאָרן, וואָס גיבן צו אַזוי פיל חן און בילדלעכקייט צו זיינע לידער. ווי אַ ביישפיל:

איך וועל שפרייטן מיינע פליגל
ווי דער פויגל אויפן בוים.

איך וועל איינזאַפן דעם וווּנדער
און די רחבות פון אַרום,
ווי די בין אין שטילן פלאַטער,
אין דעם צויבער פון דער בלום.
(זייט 61)

עס איז פשוט שווער אויסצוקלייבן אַ ליד פון זיין בוך צו ציטירן, ווייל איטלעך ליד אָטעמט מיט אַזוי פיל ליבע און געפיל צו זיינע מיטמענטשן:

מיינע טירן זיינען אָפן,
יעדער וואָגלער איז ווילקאָמען,
די וואָס בלאָנדזשען אָן אַ האָפן,
און דער יאוש פליסט ווי שטראָמען.

קומט, מיין טיש איז אַ געגרייטער,
און עס רופן מיינע שוועלן.
ווי אַ גאָרטן אַ פאַרזייטער,
ווי אין וואַלד דעם פויגלס טרעלן.

זיכער האָבן אַזעלכע פאָעטן — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע — ווי מאַני לייב, משה לייב האַלפערן, ל. פיינבערג, איציק מאַנגער, ע״ה, און, זיי צו לאַנגע יאָר: חיים גראַדע, יוסף רובינשטיין א.א.וו., ניט פאַרשעמט אונדזער פאָעזיע מיטן געשלאָסענעם פערז, פאָרם און סטיל, מיטן פשוטן וואָרט, וואָס האָט אַריינגעברענגט אַזוי פיל שיינקייט און יום־טובדיקייט אין אונדזער פאָעזיע.

די חז״ל האָבן געזאָגט: דברה תורה בלשון בני אדם.“ האָבן טאַקע דערפאַר די גרעסטע פאָעטן פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי פושקין, לערמאַנטאָוו, וואָלט וויטמאַן, לאָרד בייראָן און אַזוי פיל אַנדערע, וואָס זענען באַווירקט געוואָרן פון תנ״ך סטיל, מיט זיין פשטות און מעטאַפאָר און איבערהויפט באַווירקט געוואָרן פון די נביאים, וואָס האָבן אין קלאָרע רייד געפריידיקט יושר און גערעכטיקייט פאַרן אונטערדריקטן. אַ פאָעט קען ניט זיין דער וואָס האָט אין זיך ניט דעם ניצוץ פון אַ נביא.

פינטשע בערמאַן איז פאַרליבט אין לעבן און אַלץ וואָס אַרום אים. זיין פאָעטיש אויג און האַרץ זעט און פילט מיט מיטן איינזאַמען וואָגלער, מיטן מענטשן הינטער גראַטעס, מיטן וויינענדיקן קינד,



מיט דער מאַמע ביי אַ ליידיק וויג... אפילו מיטן בוים וואָס ווערט אַרונטערגעהאַקט. זע זייט 161: „באַלאַדע פון אַן אַלטן בוים.“ אָבער מיטן יידישן בטחון אין דעם באחרית הימים זעט ער דעם טאָג וואָס וועט ברענגען טרייסט און גליק צו דער מענטשהייט:

מאָרגן וועט קומען אַ טוי און אַ רעגן
און אָפפרישן וואַנדערער מידע אויף
וועגן.
מאָרגן וועט מענטש זיין געלייטערט,
דערהויבן —
ווי גוט איז צו האָפן, ווי גוט איז
צו גלויבן!... (זייט 70)

זיין בטחון און גלויבן אין מענטש און אין וועלט איז אים ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ער איז שטאָלץ אויף זיין רייכער ירושה:

כ׳האָב גע‍ירשנט פון מיין טאַטן,
כ׳האָב גע‍ירשנט פון מיין זיידן,
אַ בטחון וואָס געהערשט האָט
אין די אויגן פון זיי ביידן.

און נאָך פון פריערדיקע דורות
פון די טאַטעס, פון די זיידעס,
וואָס די ערד איז זייער פינקס
און די צייט איז זייער עדות.

זייער כדאי איז זיך אָפצושטעלן אויף דער פאָעמע „האדעסקע פון ראזשינוי“, אַ ציקל פון ניין באַזונדערע לידער. ווי מיר זעען איז ניט געווען ביי אונדז נאָר איין שרה בת טובים... (זייט 192). איך וואָלט אויך געראָטן דעם לייענער ניט צו פאַרזען די באַלאַדע „ביי דעם ברעג פון דיוואַ־דוימען“ ווי אַ לייטמאָטיוו פון אַ סימפאָניע וואָס האַלט זיך אין איין איבערחזרן. קומט ער צוריק אַזוי פיל מאָל מיט די שורות: „די פרינצעסין, וואָס דער פרינץ האָט פאַרגעסן.“ און עס דערמאָנט איך אָן העבריך היינעס די „לאָרעליי“.

ווי איך האָב פריער געזאָגט: ס׳איז ניט מעגלעך צו ציטירן אַזוי פיל לידער און פאָעמען וואָס געפעלן אַזוי דעם רעצענזענט. ראָטן מיר דעריבער דעם לייענער זיך איינשאַפן דעם בוך, וואָס וועט זיכער באַשיינען זיין ביבליאָטעק!

פינטשע בערמאַן איז אָן עין־הרע אַ זייער פרוכטבאַרער דיכטער און איז זייער פאַרטאָן מיט זיינע לידער. אפילו ווען ער איז לעצטנס געווען זייער קראַנק, האָט ער ניט אויפגעהערט צו שרייבן און קוים, ווען אונטער אַזעלכע אומשטענדן, האָט זיך אין זיינע שאַפונגען אַריינגעכאַפּט אַ פעסימיסטישער טאָן —

ווו זענען פון האַרץ די געזאַנגען
די ברוזינדע בלויע פאַרטאָגן,
ווו זענען די שטילע פאַרלאַנגען
פון לידער אויף פליגלען געטראָגן?

עס רעוועט דער ווינט איבער זאַנגען,
דער הימל דעקט גראָזן מיט טרערן;
ווו זענען פון האַרץ די געזאַנגען,
די לידער פון זון און פון שטערן.

אָבער דער בעל־בטחון אין אים איז גובר דעם פעסימיזם און ער ענטפערט זיך אַליין:

טעג געזאַנג אין האַרץ פאַרשטעלט זיין,
און פאַרשאָטנט מיין געצעלט,
איך וועל וואַרטן ביז צעהעלט זיין
וועט די גאַנצע וועלט.

פינשטע בערמאַן, ווען ער האַלט אַ לעקציע אָדער אַ רעדע, האָט שטענדיק ליב עס צו פאַרענדיקן מיט אַ פערז פון אַ ליד פון אַ צווייטן דיכטער אָדער אַ פערז פון זיינס אַ ליד. איך וועל דעריבער פאַרענדיקן מיינע פאָר באַמערקונגען מיט פינטשעס אַ ליד:

פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַזאַ וווּנדער־מדינה,
ווו עס ווערן פון טרערן דאָרט לידער;
עס טראָגט דאָרטן קיינער אויף קיינעם
קיין שנאה,
עס לעבן דאָרט מענטשן ווי ברידער.

פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַזוי צויבער־מדינה,
ווו עס ווערן פון זיפצן געזאַנגען;
דער טאָג איז דאָרט אייביק אַ ליכטיקע
בינע,
די נעכט—פול מיט פריילעכע קלאַנגען.

ווי הייסט יענע לאַנד? אָ, מיין גאָט,
ס׳איז אַ חלום,
עס ווערן פון טרערן קיין לידער,
און עס מאַכט ניט קיין זיפץ מיט
געזאַנגען קיין שלום,
און עס לעבן ניט מענטשן ווי ברידער!

אָבער פון אַזאַ שיין לאַנד חלומט ער, איז לאָמיר חלומען מיט אים צוזאַמען.

**פינטשע בערמאַן**

# לידער

## מיין געמיט

צעשפּילט זיך אויף מיין ברעם אַ מאָל אַ שטראַל,
און אַ גאָלדן זון צעוואַרעמט מיין געמיט —
ווערט די גאַנצע וועלט פון פרייד אַ קוואַל,
ווערט אַלץ אַרום דאַן איין צעשפּרודלט ליד.

הייב איך אויף מיין קאָפּ אין אַ סאַלוט
צום ליבן, וואָס פון גוטסקייט ווערט די פּאָן;
צעוואַרעמט זיך אין מיר אַזוי דאָס בלוט
און כ'וויל קושן יעדן, וועמען כ'טרעף נאָר אָן.

נאָר קומט אַ מאָל אַ טאָג אָן, גרוי און שווער,
און וואָלקנס דיקע פאַרבן מיין געמיט —
ווערט די גאַנצע וועלט איין זיפץ דאַן און איין טרער;
ווערט אַלץ אַרום, פון ווייַ און פּיין, אַ ליד...

## גיב מיר די קראַפט...

גיב מיר די קראַפט, ווען איך באַגעגן דעם פיינט,
צו קוקן אים גלייך אין די אויגן,
און זאָגן מיט שטאָלץ: איך קום פון אַ פאָלק,
וואָס האַלט ניט זיין קאָפּ מער געבויגן...

גיב מיר די קראַפט, ווען עס דערהערט דער קלאַנג
פון וועלפישע טריט אויף די וועגן,
צו פאַרלאָזן אָן שרעק מיין זיכערע היים
און גיין די וועלף זיי אַנטקעגן...

און צעברענט זיך אַ האַס אויך אין מיין בלוט,
און פאַרבט מיין געמיט אויף שוואַרצן —
גיב מיר די קראַפט צו לעשן דעם פלאַם,
און פאַרטרייבן דעם סם פון מיין האַרצן...



## ווי גוט וואָלט זיין

ווי גוט וואָלט זיין ווען די לידער,
וואָס עס זינגט אַרויס מיין האַרץ,
וואָלטן ניט געטריפט מיט טרויער,
וואָלטן ניט געפאַרבט זיין שוואַרץ.

ווי גוט וואָלט זיין ווען די סטראָפן,
וואָס עס וואַ־עמט אויס מיין בלוט,
וואָלטן ניט געברויזט מיט ווייטאָג,
וואָלטן ניט געפיינט מיט גלות.

ווי גוט וואָלט זיין, ווען די ווערטער,
וואָס עס חלומט אויס מיין זעל,
וואָלטן ניט געברענט מיט צאָרן,
ניט געפלאַמט פאַר קייט און צעל...

אָ ווו נעמט מען, גאָט דו ליבער,
יענע אויסגעבענקטע שעה,
וואָס פאַרמאָגט ניט קיין געוויינען,
ווען קיין לייד איז גאָר ניטאָ

ווען, ווי זונען, לייכטן הערצער,
און ווי שטערן — דער געמיט,
און די ערד טרינקט פרייד און פרידן,
און ס'איז די גאַנצע וועלט איין ליד...

**ישעיהו שפיגל** / תל־אביב

# חיים לייב פוקס און זיין ליד

דער ליטעראַטור־פאָרשער, און בעיקר דער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס וועט אַ מאָל וועלן געבן אַ גרונטלעכן קווערשניט פון דער יידיש־ליטעראַטור, פון איר פּאָעזיע און פּראָזע, וועט נישט קענען אויסמיידן איינעם פון די גאָר כאַראַקטעריסטישע און אפשר אויך עמאָציאָנעלסטע קאַפּיטלעך אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער יידיש־יצירה: דאָס קאַפּיטל *לאָדזש* אויף אַלע שטאַפּלען פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג. שוין היינט איז באַקאַנט, אַז גראָד ווי אַנדערע יידישע שטעט, וואָס זיינען שפּעטער אַריין אין דער ליטעראַטור־געשיכטע ווי צענטערס פון יידישער שאַפונג (נישט בלויז אויפן שטח פון ליטעראַטור) — איז אויך לאָדזש, אַמאָליקע גרויסע יידיש־לאָדזש, מיט זיינע אור־קוואַליקע כוחות פון יידישער טראַדיציע, מיטן פייער פון וויברירנדיקער פאָלקסטימלעכקייט, מיטן ניגון פון זינגענדיקער אַלטער און יונגער שורשדיקייט, מיטן כוח פון מעשים און תפילה — אַז דאָס אָ לאָדזש (וואָס איז איצט אַזוי יידיש־פאַריתומט און יידיש־אויסגעוואָרצלט), איז געווען אַמאָל אַ זייער פולסירנדיקער יצירה־כרך — און געהערט שוין איצט צו די יצירה־רינגען, וואָס האָט אויפגעהאַלטן די קייט פון יידישער שעפערישקייט אַ גאַנצן יאָרהונדערט.

שוין *בעת און נאָך* דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך לאָדזש באַקאַנט געמאַכט מיט יידיש־שאַפערס, וואָס האָבן אונטער דער השפעה פון קריג און רעוואָלוציע און מיט אַ גרויסער לאָדונג פון יידישער עמאָציע און אויפוואַכנדיקע נייע גייסטיקע כוחות, אָנגעהויבן אַריינצוטראָגן אין דער ליטעראַטור זייער אייגנאַרטיקן, ספּעציפיש־גרויסשטאָטישן אָטעם, באַגלייט מיט ירושה־אידעען פון 19טן יאָרהונדערט. אפשר דערפאַר נעמט זיך, אַז די יצירה אין כרך לאָדזש איז קיין מאָל נישט געווען קיין ריין־האָמאָגענע. אין איר האָבן זיך געטראָגן שטורמיקע אָפּ־

„די טעג בייגן די קעפּ" — לידער, פּאָעמעס און באַלאַדעס — אַרויסגעגעבן ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1969.

הילכן פון מלחמה־יאוש און פון נאַציאָנאַלן יידן־טרויער, פון סאָציאַלן עלנט און פון מענטשלעכער מרידה קעגן בייז, שנאה און הונגער.

זינגט טאַקע ה. ל. פוקס:

אויף גאַסן פון מיין לאָדזש, אין בלי פון
פינפטן יאָר,
מיין בלוט האָט שוין געפלייצט אין מיט
פון פרייען גאַנג,
ווען ס'האָט געחתמעט זיך דאָס פנים
פון מיין דור—
האָב איך אין יידיש ליד געזונגען זיין
געזאַנג . . .                (זייט 50)

אָט דאָס פנים פון אַ שטורמיקן דור באַגלייט דעם זינגער־פייטן פון זייבע ערשטע גייסטיקע דערקענטענישן און איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר זיין ליד, נייערט אויך פאַר זיין ריין־מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן חלום.

פון מיינע קינדער־יאָרן זינגען מיינע
בלוטן
לידער פון מרידה און באַנייען.
מיט מיין מאַמעס מילך האָב איך שוין
איינגעזויגן
אַ בענקעניש צו זיין אַ מענטש אַ פרייער.
(זייט 82)

דווקא אין דעם דאָזיקן כרך פון נויט, אַרבעטער־עלנט און גראָער האָפענונגלאָזיקייט איז אויך אויפגעשטאַנען אַ פלעיאַדע זינגער פון לירישן, קוים הערבאַרן ליד, פון אַ דממה־דקה'דיקער פליסטעריי מיט ציטערנדיקע טענער פון תהילים, אַזעלכע שוין איצט האַלב־פאַרגעסענע פּאָעטישע נעמען ווי: דוד זיטמאַן, חיים קרול און פון אַנדערע ליריקער, האָבן דאָס יידישע ליד צעטראָגן ווייט איבער די גרענעצן פון כרך לאָדזש. צו די ערשטע זינגער פון דער גרופּע געהערט אויך ה. ל. פוקס, איינער פון די, וועלכע זיינען שפּעריש געוואקסן אין לאָדזש און יאָרן שפּעטער זיין יידיש־וואָרט אויסגעטראָגן און דורכגעטראָגן מיט אַנגסטן און מיט ערלעכער, פשוטער האָרעוואַניע.

פון זיין ערשט לידער־בוך „דורשטיקע לעמער" (1926) ביזן לעצט־דערשינענעם באַנד „די טעג נייגן די קעפּ", ליגט אַ תקופה פון טראַגישע יידישע גורלות, וואָס האָבן אויך דעם דיכטער געשלאָגן רייך־מענטשלעך און אפילו געצוווּנגען די שאַ־פערישע פען אַוועקצושליידערן פון זיך. און אויב עס זיינען געווען שטומע, פאַרפלאָגטע יאָרן אין ה. ל. פוקס פּאָעטיש שווייגן — איז דאָך דאָס ליד אין אים פאַרבליבן דאָס הייליקסטע, די אינטימסטע תפילה, די שטענדיקע בענקעניש. פאַרן דאָזיקן ליד האָט זיין אומרו תמיד געזוכט אַ באַפרייונג. ער איז געווען תמיד דורשטיק, תמיד אויסגעהונגערט נאָכן ליד, ווי איינער, וועמענס צונג ווערט געשטראָפט מיט שווייגן. מען דאַרף נישט אָנשרייבן אַ טוץ לידער־ביכער כדי צו ווייזן זיך אַלס דיכטער. עס גענוגט טייל מאָל איין איינציק ליד. און אינעם לעצטן בוך פון ה. ל. פוקס זיינען פאַראַן אַזעלכע לידער, וואָס זאָגן עדות, אַז דער פּאָעט האָט אין זיי באַקומען אַ תיקון — אַן ערלעכן, פשוטן, תפילהדיקן תיקון פאַר זיין לאַנגן פּאָעטישן שווייגן.

אלוקי,
גיב מיר צוריק די ווערטער, וואָס זיינען
אַוועק
דורך די טעג
פון מיין מויל—
כ'זאָל נאָך קענען דאַווענען אַ ליד.
(זייט 7)

דער פּראָצעס פון אָנשרייבן אַ ליד איז ביי ה. ל. פוקס אַ ריינער אַקט פון תפילה. ער דאַוונט אויס זיינע לידער מיט היץ און יראת הכבוד פאַר יעדער זילב און הגם זיינע שורות זיינען נישט תמיד תפילה־זכה'דיק ווערן זיי אָבער אויסגעדאַוונט ווי פון אַ בעל־תפילה. דאָס שטערט לחלוטין נישט צו דערפילן די אוממיטלבאַרע, פּאָעטיש מענטשלעכע ווענדונג פון זיין ליד, ווי, למשל, אינעם ליד „תפילה" (זייט 72):

לאָז מיך אויסגיין אין מיין ליד,
דיין שענסטע מתנה צו מיר,
מיין גאָט!
ווי אַ פאַרנאַכטיקע תפילה, וואָס זוכט
זיך אַליין,
זאָל אויסגיין מיין לעבן.
ווייל, וואָס בין איך אָן דיר,
אָן דיין חסד און חן,
איך געווין,
וואָס האָט נישט צו וועמען צו וויינען
איר געווין,
מיין גאָט!



די ווערטער „אַ טרער, וואָס האָט נישט צו וועמען צו וויינען איר געוויין" איז עפּעס מער ווי אַ שיינער פּאָעטישער פערז. אין זיי איז פאַרקלעמט אַ גרויסער יידישער טרויער, אַ תהומיקער צער, אַ דיכטערישע איינזאַמקייט — און גלייכצייטיק די ווידוי נישט בלויז פון אַ יידישן דיכטער אין זיין ליד־בענקעניש, נייערט אויך די גרויליקע ווידוי פונעם אָשוויענטשים־דור, וואָס האָט נישט צו וועמען צו וויינען זיין געוויין. אינעם בוך „די טעג נייגן די קעפּ" געפינען זיך אַ סך לידער וואָס זיינען פול מיט געוויין, טרערן און זיפצן. נאָר אין תפילות ביחידות איז מען מסוגל זיי אַרויסצופליסטערן — און נישט טראַכטן וועגן שירה. בלויז עטלעכע ציטאַטן:

דאָס געוויין פון לידיקע שטובן —
פאַרלאָזטע
איז אַריין אין מיר.              (ז' 39)
ווען דו ווערסט טרויעריק, מיין קינד,
און ס'שווייגן די ליפּן דיינע פאַרשטיינט
ווער איך ווי אַ טאָן פון אַ פידל
וואָס באַוויינט זיך אַליין.          (ז' 38)

אין דער „באַלאַדע פון מיין אַלטן פּאַלטן" לייענען מיר צוו. אַנ.:

...און כ'ווין מיט אים אין אים אַריין
זיין נישט געשטילטן ווי,
מיין נישט געווינט געוויין...      (ז' 84)

אַמטיפסטן פילט דער דיכטער דעם תהומיקן צער פון „פאַרברענטע גראַמען און סטראָפן", פון אַלע אַוועקגעגאַנגענע יידישע פּאָעטן און פון די פאַרגעסענע — „די פרי־פאַרשטומטע יידישע פּאָעטן." אפשר דערפאַר וואָס ה. ל. פוקס האָט אַליין טועם געווען דעם ביטערן טעם פון פאַרשטומט־זיין אַלס פּאָעט דורך אַ סך יאָרן — איז אים אַזוי פריש די ווונד נאָך אַלע פאַרגעסענע, פאַרשוויגענע און פאַרשטומטע.

די פרויען פון אַוועקגעגאַנגענע יידישע
פּאָעטן
טראָגן דעם טרויער פון זייערע מענערס
לידער
אין די אויגן.
און פון זייערע דינע ליפּן
ווינט־אַראָפּ נישט געשטילטער צער
פון נישט געשריבענע לידער.

ערלעך־אויפריכטיק און טראַגיש־שיין איז דאָס ליד „מיינע לידער זיינען נעמען", וואָס איז אָנגעשריבן אויפן פאָן פון זיין לאַנג־יאָריקער אַרבעט ביים לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אומצאָליקע נעמען פון יידיש־שאַפערס, פאַרלענדטע און פאַרגעסענע, ברענגען דורך ה. ל. פוקס צו אונדז אַ הויך פון אַן אַמאָליק יצירהדיק לעבן אין דער ווייטער און אויך לעצטער תקופה. אַנשטאָט שרייבן זיין אייגן ליד — איז ער זיך מודה, אַז

מיינע היינטיקע לידער זיינען נעמען
פון יידישע שרייבער
פאַרגעסן
דורך צייטן און יאָרן.              (ז' 20)

פאַרשיידענע מאָטיוון זיינען פאַראַן אינעם בוך: „ארץ־ישראל, שטילע ליריק, אָפּהילכן פון לעצטן חורבן." אומעטום איז פאַראַן די דינע סטרונע, פון כליפּען איבערן אייגענעם גורל און איבערן פאָלקס־חורבן.

דאָס בוך „די טעג נייגן די קעפּ" איז אַ טרויעריק בוך, וואָרעם אַזאַ איז די תפילה און דאָס ליד פון אַ דיכטער וואָס זינגט:

שלאָף איין, מיין האַרץ, שלאָף איין
און וואַך נישט אויף.
ווער אַ שטיין, אַ ווילדער פעלדז, וואָס
וואַקסט
צו הימלען אַרויף.              (ז' 19)

ש ט ו י נ ע ן   א ו ן   ג אַ פּ ן — איז געווען די פּאָעטישע עמפינדונג און שפּירעוודיקייט ביי יעדן דיכטער. די וועלט, וואָס דאַרף אַריין אין דער פּאָעזיע, האָט אירע סודותדיקע געזעצן. דער וועג צו איר איז נישט מיטן דרך המלך, נייערט דורך אָפּגרונטן און לאַבירינטן, וואָס זיינען איבערפול מיט שטרויכלונגען, ווי דער ים. אויך ה. ל. פוקס איז אַדורך אַ סך לאַבירינטן, כדי ער זאָל קענען זינגען צום ים דיכטעריש־פאַרחידושט:

וואָס קאָן איך זאָגן צום ים,
איך פאַרשטיי נישט זיין לשון.
איך ווייס נאָר, מיין טאָג גייט אַוועק
ווערט אויף אייביק פאַרלאָשן.

אָבער דו, דו ים, בלייבסט ווידער
מיט גאָט,
ווי אין שעה פון ערשטן באַשאַפן —
איך וואָס־זשע קען איך שוין זאָגן
צו דיר—
סיידן בלויז שטוינען און גאַפן.

שמואל סיגל

# תפילהדיקע געזאַנגען

(נאָטיצן ביים לייענען דאָס בוך לידער „דורות שרייען מיר אַריבער" פון מ. חסיד, פאַרלאַג: „פחד קראני ורעדה", מאָנטרעאַל, תשכ"ט

איך ווייס ניט פון וואַנעט עס איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, בעת איך האָב געלייענט די לידער פון מ. חסיד, אָנצורופן די שורות וועגן דעם בוך „תפילהדיקע געזאַנגען." עס קען גראָד זיין וואָס דער נאָמען פון דעם פיינעם פאָעט איז ח ס י ד, און כשמו כן הוא: פון חסיד ביז תפילה איז אַ קורצער מהלך. און משמעות אויך איבער דעם, וואָס מען פילט אין זיין יעדן ליד ווי דאָס וואָלט געווען אַ פיוט פון מחזור אָדער פון סליחות. ווארום נישטאָ כמעט קיין איין ליד אין דאָזיקן בוך גאָטס נאָמען זאָל ניט דערמאָנט ווערן און טאַקע מיט גרויס יראת הכבוד און טיפן גלויבן.

מ. חסיד איז אַנדערש פון די היינטצייטיקע פאָעטן, וואָס שרייבן וועגן אונדזער גרויסן חורבן דורך די דייטשן ימח שמם און וואָס מאָנען ביים בורא עולם: סטייטש, ווי אַזוי האָסטו איבערגעענטפערט אונדזערע נאָענטע, די קדושים און טהורים אין די הענט פון די אבי אבות הטומאה און די תליונים. חסידס טענות צו גאָט זיינען פון אַ גאָר אַנדערן דרך. ער רעדט אַזוי צאַרט, אַזוי האַרציק, אַזוי נשמהדיק: —

דאָס האַרץ דערוועגט זיך קוים אַ טענה
טאָן אַ רגע
צו דעם בורא, היתכן, סטייטש...

**אָדער דאָס פראַקטיקע ליד:**

איך גיי נאָך דעם טאָג,
עקידה האָלץ איז גרייט אין וואָגן,
דו וועסט מיך איצטער פון זיך, גאָט,
מיט אַלע ווינטן ניט פאַריאָגן.
ב'פאַרלאָז מיך אויף מיין מאָנענדיקן קול
און גרייט מיך ווערן זייער שליח ציבור
וואָס שייך זיין אַ פורק עול
אַז דורות שרייען מיך אַריבער.

אָט די שורות קלינגען ווי „ממעמקים קראתיך"— פון די טיפענישן טו איך דיך רופן, באַשעפער פון דער וועלט, אָבער איך קען ניט דערגרייכן די הויכקייטן פון די פריערדיקע דורות, וואָס מיט זייער געבעט, מיט זייערע תפילות שרייען זיי מיך אַריבער. זייערע תפילות זיינען אָנגעפילט מיט גרויס ליבשאַפט צום האַר פון דער וועלט, זייער געשריי הערט זיך נאָך ביז היינט, און מיר לעבן נאָך אין דעם זכות פון די גרויסע בעלי פיוט.

און פאַראַן אַ סך לשון קודשדיקע ווערטער אין די לידער פון מ. חסיד. ווי „פורק עול", „ואהבת לרעך כמוך," „מאוד עמקו מחשבותיך," „בעקבתא דמשיחא," „באחרית הימים," וואָס דאָס באַווייזט אַז דער דיכטער האָט אַ גרויסע בענקשאַפט צו די וואָס האָבן געלעכצט נאָך געטלעכקייט, וואָס זיי האָבן דאָ אויסגעדריקט אין זייערע לויבלידער וואָס זיינען שפעטער־צו געוואָרן תפילות.

און מיט אַ קול דממה דקה דאַוונט ער אויס אַזעלכע קרעפטיקע עלית־נשמהדיקע שורות:

טרייסלט אָפ פונעם הימל אַ דונער,
דער אָפדונער פאַלט אין תהום,
שניידט זיך אַ בליץ איין אין שויבער
פון וועלדער,
ר'האָט ליב אַ שנייד טאָן דאָרט סתם.
ניין, ניט אין שטורעם איז גאָט...

**ווו דען איז גאָט? זוכט דער טיף־פילנדיקער פאָעט אין האַרציקע נשמהדיקע ווערטער, „גאָט, ווו ביסטו?"**

**דאָס ביכל לידער פון מ. חסיד דאַרף מען לייענען אין גאַנצן, , ווארום שרייבנדיק וועגן די לידער ווילט זיך ברענגען עטלעכע שורות און דאָ וואָלט מען באמת געדאַרפט ניט בלויז ציטירן שורות פון**



דאָ און דאָרט, נאָר מען וואָלט געקענט אַרויסברענגען אַלע לידער וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט התרוממות הנפש. ממש פילט איר אַ דערהייבונג ווען איר לייענט אַזאַ ליד ווי „גאָט הערט אַ מענטשלעך געשריי", אָדער דאָס ליד „צו וואָס שטאַרבן", וואָס ענדיקט זיך מיט אַזעלכע התלהבותדיקע שורות ווי:

מיט דביקות טוליעט זיך צום זינגען
מיט אומרו ווי ביים תיקון פון חצות.
ניט שוין־ישע ליכטיקט דער פרימאָרגן
אין נייעם קוים געאַנטן אות.

אַ סך פון די לידער וואָלט מען געדאַרפט אַריינגענעמען אין כרעסטאָמאַטיעס, אין לערנביכער, כדי אונדזער אויפוואַקסנדיקער דור זאָל זיך באַקענען מיט די פראַכטיקע לידער פון דעם גאָט־געבענטשן פאָעט מ. חסיד, און בכלל באַקענען זיך מיט די גרויסע שפראַך־מעגלעכקייטן פון אונדזער יידיש לשון, וואָס ביי אַזאַ שעפערישן פאָעט ווי ער איז, וואָס שאַפט ווערטער וועלכע פאַסן זיך אַזוי שטאַרק אַריין אין זיין אופן שרייבן. מען פילט ווי מ. חסיד וואָלט זיך געהאַט אַן אייגענעם וועד הלשון פאַר יידישע ווערטער, וואָס זיינען ניי און דאָך אַזוי איצטיק, לויט אַלע אויסטייטשונגען פון די עלטערע שוין לאַנג איינגעזעסענע יידישע ווערטער.

ווינטש איך דאָ דעם האַרציקן פאָעט מ. חסיד, כוח און קראַפט פאַר שעפערישקייט, עס זאָל ביי אים געשטאַרקט ווערן דער גוטער ווילן צו באַרייכערן אונדזער פאָעזיע מיט זיינע טאַלאַנטירטע שורות, און זאָלן זיך מערן ביי אונדז יידן אַזעלכע וואָס זאָלן גאַרן נאָך אַ דערהויבן יידיש וואָרט, כדי צו דערמוטיקן אַזאַ פיינעם יידישן פאָעט ווי מ. חסיד ממשיך צו זיין דעם דרך פון גיין אין די פוסטריט פון די גרויסע פאָעטן פון די פריערדיקע „דורות וואָס שרייען אים אַריבער."

# באַגריסונגען

## צום געזונט און לעבן

איך באַדאַנק אַלע מיינע גוטע פריינד אַן גוט־ווינטשערס, וועלכע האָבן מיך באַזוכט אין שפיטאָל ווען איך בין קראַנק געווען.

שרה יאַפע

## אונדזערע האַרציקע באַגריסונגען

צו חברה **שרה יאַפע** צו איר געזונט ווערן און מיר ווינטשן איך לאַנגע יאָרן פון קוטלור טעטיקייט.

יעטאַ און ז. בונין

## דער ה. רויזענבלאַט לייען־קרייז

באַגריסט דעם „**חשבון**" זשורנאַל צו זיין 25 יאָריקן דערשיינען און אונדזער ספעציעלע באַגריסונג צו זיין רעדאַקטאָר **אריה פאָזי**, אונטער וועמענס רעדאַקציע דער „חשבון" איז פול פאַרשענערט און פאַרטיפט געוואָרן.

מיר באַגריסן אויך דעם סעקרעטאַר **ז. בונין** צו זיין 80־טן געבוירניאָר. מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע, פריידיקע, שעפערישע יאָרן מיט זיין ליבער חברה **יעטאַ**.

גאָסי סאַרטאָ

רבקה קאַפּע / פּאַריז

## צוויי לידער

### כ׳וואַרט...

נישט געקומען צו דער צייט איז היינט מיין ליבער,
קרייצן מיך משונה געדאַנקען אַריבער.

טויש איך אויס געוווינהייטן געטריי מיין פאַרשטאַנד —
און גיב אַ פּרוּוו מיין פעדער מיט דער לינקער האַנט...

קריכן אויפן העפט לבנות לאַמע, קרומע.
רוף איך קריק געוווינהייטן, די בעסטע שווימער!

דער שכנס שלאָף באַפאַלט מיט זעגן מיינע ווענט,
פאַרשפּאַר איך די לאָדנס, פאַרפעסטיק מיטן פּרענט.

דער אַבאַזשור פון שרייבטיש לעשט די גאַרדינען —
פאַרלייגט די נאַכט איר שפּינדל און נעמט שפּינען.

ס׳געמעל פון מיין שאָטן פאַרשפּרייט זיך מיט העזה —
ווערן פינגער איבער ווענט שלאַנגען מעדוזע...

מיין שאָטן וואַקסט אַלץ ברייטער — ימיק צעכראַסטעט,
שפּיל איך אויס מיט מיין האַנט — אַ בוים קאָרעניאַסטן.

געפעלט מיר שוין די שפּיל, כ׳ווער אין איר אַנטרינען
און צי פון די שאָטנס, פייגל אַלע מינים.

דער דרויסן איז שטיל, די שאָטנס אונטער ריגל,
האַסטיקן געראַנגל, טון מיך אַ צעוויגל...

ברענען אויס די שעהען אין שאָטנס געפאַנגען,
כ׳וואַרט — און דער זייגער האָגלט אויף מיר מיט קלאַנגען.

### רייד פון שווייגן

איך פּוץ אויס די לופּע
און קוק דורכן גלאָז
אויף די רייד, וואָס איך שווייג פון מיר אַרויס.
אָ, די רייפן פון שווייגן,
די פענטעס פון געשפּאַנטקייט,
וואָס בריען,

ווי שרויט־מעטאַל אונטער פייל!
ווי וואָלט איך וועלן די רייד
אַרויסאַקערן!

פון קאַלטן פייערשווייס
זיך אָנצינדן
און מיטפלאַקערן.



• אין און אַרום
די יידישע קולטור־סביבות
אין לאָס אַנגעלעס

זלמן שלאָסער

## דער פּאַרנעם פון יידישקייט סביבה אין לאָס אַנגעלעס

מיר זוכן דעם גאָלדענעם פּאָדעם פון יידישן גייסט, פון דער באַזונדערער יידישער אייגנאַרטיקייט, וואָס ציט זיך דורך דורות און לענדער; דער אייגנאַרטיקער גייסט, וואָס ענדערט זיך, וואָס מוז זיך ענדערן, לויט צייט און אָרט און בלייבט דאָך אומפאַרענדערט.

געוויס, אַ סך יידישע פאָרשערס, גרויסע קענערס, טיפע דענקערס, האָבן אָט דעם גאָלדענעם פּאָדעם שוין לאַנג, לאַנג געפונען, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דאָ און דאָרטן איז דאָך דער פּאָדעם איבערגעריסן, עס פעלן היסטאָרישע פאַקטן. ס׳איז אפשר אַ ספק צי די פאַראַנענע מאַטעריאַלן באַרעכטיקן אין גאַנצן זייערע אַבסאָלוטע אויספירן. נאָר עס ווענדט זיך בלויז וווּ און פאַר וועמען דער פּאָדעם איז איבערגעריסן. אויב דער פּאָדעם איז „די בענקשאַפט נאָך ציון“ קען מען דאָס מסתמא מער־ווייניקער געפינען אין יעדן לאַנד. און אויב עס איז „די בענקשאַפט צו גאָט“, דאָס זוכן און קעמפן פאַרן אמת, פאַרן דין, פאַר יושר, קען מען דאָס אויך געפינען אָבער ניט אין יעדן דור און ניט אין יעדן לאַנד — דער פּאָדעם רייסט זיך דאָ איבער.

פאַר אַ סך מאַטעריאַליסטישע דענקערס איז אָט דער פּאָדעם אַ פּוסטע אילוזיע; פאַר אַנדערע, אפשר אַ נויטיקע איינרעדעניש. פאַר די ערשטע איז דאָס זוכן און קעמפן פאַר יושר ניט דווקא קיין יידישע דערפינדונג; עס איז חל פאַר אַנדערע פעלקער אויך. פאַר די אַנדערע איז דאָס אַליין ניט גענוג פאַר דער אייביקייט.

אין דער לאַנגער, איבער טויזנט יאָריקער טראַדיציע אַשכנז קען מען געוויס דערקענען אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקייט. נאָר אַזוי שנעל ווי אָט די טראַדיציע האָט זיך, צו אונדזער טיפן צער, אויפגעלייזט, אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַשכנזישע יידן, איז אָט די אייגנאַרטיקייט אויך אומגעבראַכט געוואָרן. לערנען תורה, פירן אַן אייגענעם שטייגער לעבן, ריידן אַן אייגענע שפּראַך, שאַפן אַן אייגענע קולטור — דאָס איז דאָך געווען דער תוך פון נוסח אַשכנז!

האָבן זיך יענע יידן, נאָך מיט יאָרן פריער, גענומען צעשפּרייטן איבער אַלע לענדער און דער גאָלדענער פּאָדעם האָט זיך איבערגעריסן. און מיר, די איבערגעבליבענע אבלים זוכן די המשכדיקע אייגנאַרטיקייט, דאָס אייביק יידישע. מיר זוכן אַ יידישע סביבה. מיר גייען אויס פון בענקשאַפט צו הערן פון קינדערשע מיילער אונדזער יידיש לשון. מיר קוקן זיך צו מיט ווייטיק און טרויער אויף אונדזער טראַגישער שפּראַך־אַסימילאַציע. אַוודאי איז יידיש לשון ניט דער אלף און דער תוו פון יידישקייט. אָט די טענה הערן מיר שוין פון לאַנג און מיר האָבן זי שטענדיק באַקעמפט, ווייסנדיק, אַז אין זכות פון יידיש איז אפילו לשון קודש געבליבן לעבן. איצט איז אָבער געוואָרן אַנדערש. דאָס גאַנצע יידישע לעבן האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט, כמעט ניט צו דערקענען.

און אויך דער ישוב אין לאָס אַנגעלעס האָט זיך פאַרענדערט. שוין פון אַ קורצן בליק אויף דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון היגן יידישן ישוב איז שווער צו געפינען אַ באַשטימטע קאָנטינואיטעט פון

אַנטוויקלונג. סיידן מען נעמט אָן, אַז דער גאָלדענער פאָדעם פון יידישקייט איז די געשיכטע פון אַ שול, פון אַ טעמפּל, פון אַ בית־עולם, אָדער פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס חזרט זיך איבער פון צייט צו צייט. יידישקייט איז ניט נאָר דאָס אַליין נאָר אַ סך, אַ סך מער ווי דאָס.

שוין אין מיטן פון לעצטן יאָרהונדערט זיינען דאָ געווען אַ צאָל יידן און האָבן, ווי באַקאַנט, אָנגעהאַלטן אַ באַזונדער יידיש לעבן. נאָר אָט קומט אָן דער נייער יאָרהונדערט און עס הייבט זיך דאָ אָן אַן איינוואַנדערונג פון נייע יידן, „אונדזערע" יידן, ראַדיקאַלע יידן. די אָרעמקייט איז גרויס, נאָר דאָך ביסלעכווייז בויט מען אויף אינסטיטוציעס, פּאַרטייען, קולטור־קלובן, אַ סאַניטאַריום, אַ שפּיטאָל, אַ מושב זקנים, שולן; מען גיט אַרויס זשורנאַלן, ביכער, מען אַראַנזשירט לעקציעס, דיסקוסיעס, מען שפּילט טעאַטער — עס בליט אויף אַ יידיש קולטור־לעבן, וואָס פריער איז עס דאָ ניט געווען. די נייע איינוואַנדערונג האָט דאָס נאַטירלעך מיטגעבראַכט מיט זיך. עס איז, הייסט עס, ניט געווען קיין המשך פון פריערדיקן עטאַבלירטן לעבן. צווישן די נייע און אַלטע תושבים איז געבליבן ווייניק געמיינשאַפטלעכעס.

און אָט קומט אויף אַ נייע עפּאָכע אין היגן יידישן לעבן, די צווייטע העלפט פון איצטיקן יאָרהונדערט, די צייט פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס קומט אָן אַ נייער שטראָם פון יידישער איינוואַנדערונג, וואָס אָט־אָט און עס פאַרפלייצט און ווישט כמעט אָפּ אַלע דערגרייכונגען פון דעם יידישן סעקטאָר, דעם ביזן איצט שעפערישסטן, לעבעדיקסטן יידישן עלעמענט.

ס'איז כדאי אָט דעם פּעריאָד צו באַטראַכטן אין ליכט פון דער אַלגעמיינער לאָקאַלער אויסשפּרייטונג און אַנטוויקלונג.

ביז ניט לאַנג צוריק, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז לאָס אַנגעלעס אין אַלגעמיין, כידוע, געווען אַ שטאָט אָן אַ באַזונדער אייגנאַרטיק פּנים. חוץ קלימאַט איז דאָ געווען ווייניק מיט וואָס זיך איבערצונעמען. אָנגעוואָרפענע לאַנגע גאַסן, וואָס אָט זיינען זיי פול מיט הייזער און מענטשן און אָט פוסטע פעלדער און בערג; אָנגעוואָרפענע הייזער, וואָס מען פלעגט אָפט קענען אַריבערשלעפּן פון איין געגנט אין אַ צווייטן, ספּעציעל ווען מען האָט אָנגעהויבן צו בויען די „פריוועיס"; אָנגעלאָפענע טוריסטן, אַרבעטערס, איינוווינערס, וואָס אָט זיינען זיי דאָ און אָט ניטאָ, אַוועקגעפאָרן; אַ סך אָפּגעלאָזנקייט, אָרעמקייט, ווייניק אינדוסטריע, האַנדל, ווייניק שוונג, פאַרנעם — אַלץ פלאַך און צייטווייליק.

היינט איז דאָס אַ פעסט איינגעפונדעוועטע שטאָט מיט ריזיק הויכע, אימפּאָזאַנטע אָפיס געביידעס, אויסגעפּוצטע מאָדערנע אַפּאַרטמענט הייזער, אַ גראַנדיעזער שטאָטישער צענטער („סיוויק סענטער") מיט מאַסיווע רעגירונגס געביידעס און טעאַטער פּאַלאַצן, וואָס זיינען גרויס, שיין און נוצלעך; אַ רייכער, פרייער בילדונגס סיסטעם מיט גוטע אוניווערסיטעטן און פאַך־שולן; אַ פאַרצווייגטער „פריוועי סיסטעם" פון ברייטע, לאַנגע, געדרייטע אויטאָמאָביל־וועגן, וואָס ווייזן אָן אויף דער כסדרדיקער אויסשפּרייטונג און אַנטוויקלונג פון אונדזער מעטראָפּאָליע.

דער יידישער אַנטייל אין אָט דער אויפלעבונג און אַנטוויקלונג לאָזט זיך לייכט דערקענען: די געוואַגטע בוי אונטערנעמונגען, די נייע גרויסע דעפּאַרטמענט סטאָרס און שפּייז מאַרקעטס, די גרויסע פאַרמעסטן אין די נייע אינדוסטריעס, ווי טעלעוויזיע, עלעקטראָניקס, פּלאַסטיקס, חוץ די אַלטע עקזיסטירנדיקע אינדוסטריעס און פּראָפעסיעס. אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצע צייט פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג דאָ אין שטאָט פאַרגרעסערט פון הונדערט און פופציק טויזנט ביז איבער אַ האַלבן מיליאָן. מען איז געקומען פון אַנדערע שטעט און אויך פון דעם היטלער־גיהנום.

אַזאַ שטייגנדיקע פאַרמערונג האָט ניט געקענט בלייבן אומבאַמערקט. דער פאַרנעם פון דער יידישקייט סביבה האָט זיך ביסלעכווייז צעשפּרייט איבער אַ שטח פון איבער 400 סקווער מייל, צעטיילט אויף עטלעכע קאָמפּאַקטע געגנטן, ווי ווילשייר־פיירפעקס, פּיקאָ־ראָבערטסאָן, בעווערלי הילס, שעוויאָט הילס און נאָך עטלעכע.



נאָך ניו־יאָרק איז לאָס אַנגעלעס געוואָרן דער צווייטער גרעסטער יידישער ישוב דאָ אין אַמעריקע און אפשר אויך אין דער וועלט.

דער עקאָנאָמישער באַזיס פון דעם ישוב איז פעסט פאַרוואָרצלט אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיע פון לאַנד מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות. יידן אַרבעטן און האַנדלען, בויען און שאַפן אויף אַלע געביטן פון דער לאָקאַלער און נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע. פאַרשטייט זיך, אַז אָט דער יידישער אַנטייל איז ניט ווי אַן עטנישע איינהייט נאָר ווי יחידים — יעדער איינער מיט זיין אייגענער איניציאַטיוו, אונטערנעמונגס גייסט און טרייבקראַפט מיט זיינע אייגענע דערפאָלגן אָדער דורכפאַלן. דער אַלגעמיינער וווילזיין אָבער לאָזט זיך שטאַרק דערקענען אין דער אָרגאַניזירטער יידישער כלל אַרבעט. דער אונטערשייד איז אָבער, וואָס אין דעם פריערדיקן פּעריאָד איז דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אימפּעט געטראָגן געוואָרן פון גרעסערע גרופּן, אינספּירירט פון אַ סך אידעאַליסטישע יחידים; היינט ווערט די הויפּט־אַרבעט געטאָן פון גוט־באַצאָלטע פּראָפעסיאָנאַלן. מען דערקענט טאַקע אַ טאָלק און אַ פּלאַן אין אָט דער כלל־אַרבעט. עס איז דער טאָלק פון אַ גרויסער ביוראָקראַטיע און דער פּלאַן פון „ביג ביזנעס" מיט צען מיליאָן דאָלערדיקע בודזשעטן, פאַרקערפּערט אין דער אַלגעמיינער פאַרייניקטער אָרגאַניזאַציע „יידישער פעדעראַציע קאָונסיל." זיי שאַפן אַלע פאָנדן און פירן אָן מיטן אָרגאַניזירטן יידישן לעבן, הגם עס איז ניט קיין דעמאָקראַטיש געוויילטע קערפּערשאַפט.

דאָס איז אַזוי צו זאָגן דער דאַך. די באַזע איז, פאַרשטייט זיך, דאָס יידישן לעבן גופא, וואָס שוויבלט און גריבלט מיט אַלערליי גרופּן און קלובן, טעמפּלען און שולן, גרויסע יידישע צענטערס און קלענערע חסידים־שטיבלעך, אַרבעטער רינג, נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און בני ברית, לייען־קרייזן און הילף־קרייזן, זונטיק־שולן און ישיבות, „יוניווערסיטי אָוו דזשודאַיזם" און „היברו יוניאָן קאַלעדזש." לויט דער אָפיציעלער דירעקטאָרי פון 1956 האָב איך אָנגעציילט אַן ערך טויזנט באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס און לויט די סאַמע לעצטע ציפערן באַשטייט דער קאָמיוניטי קאָונסיל אַליין פון פינף הונדערט אָרגאַניזאַציעס. שולן און טעמפּלען ציילן זיך איצט איבער אַכציק אין צאָל. פון דעם איז געוויס ניט געדרונגען, אַז יידן זיינען געוואָרן פרום. ווייט דערפון. אַ דריטל זיינען בכלל ניט פאַרבונדן מיט וועלכער ס'איז רעליגיעזער אינסטיטוציע. אַן ערך צוויי דריטל האַלטן ניט פון כשרות. ווייניקער ווי איין פערטל געהערט צו רעפאָרם־טעמפּלען און בלויז זעקס פּראָצענט זיינען אָרטאָדאָקסישע יידן.

דאָס איז לכל הדעות אַ גאַנץ ברייטער פאַרנעם פון יידישקייט. ביי אַזאַ דינאַמישקייט און עשירות פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט וואָלט אַ טעאָרעטישע חקירה וועגן יידישקייט בכלל געשמעקט מיט גרויס בטלנות. מען מעג זיך באַגנוגענען מיט בלויז אָנווייזן אויף די צוויי עקסטרעמע היסטאָרישע איינשטעלונגען צווישן וועלכע עס לעבט די טראַדיציאָנעלע יידישקייט. דאָס זיינען פון איין זייט די גוט־באַקאַנטע איינשטעלונג פון הילל הזקן: „טו ניט יענעם וואָס דו וואָלסט זיך אַליין ניט געטאָן — דאָס איבעריקע זיינען פּירושים, גיי און לערן זיי." און פון דער צווייטער זייט, די איינשטעלונג פון די אחרונים, אַז יידישקייט באַשטייט אין מקיים זיין די תרי"ג מצוות.

וועלן מיר די מצוות יידישקייט לאָזן צו רו און אויף דער ערשטער בלויז אָנווינקען.

היללס קלאַסישע פאָרמולירונג באַשטייט פון צוויי טיילן: איינער אַן אַלגעמיין עטישער און דער צווייטער, אַ פרייע פאַרפליכטונג צו לערנען. לויט אונדזער מזרח־אייראָפּעישער טראַדיציע איז היללס צווייטער טייל געוואָרן דער עיקר: מען האָט געלערנט טאָג און נאַכט! מען איז חלילה ניט עובר געווען אויפן עטישן פּרינציפּ מער ווי אין אַנדערע צייטן און אין אַנדערע ישובים. מען האָט געלעבט לויט די שווערע מעגלעכקייטן פון יענע צייטן און מען האָט געלערנט תורה.

פאַרקערט ווידער, אין די נייע איינוואַנדערונגס ערטער און בכלל אין דער נייער צייט איז דער ערשטער טייל, דער עטישער, געוואָרן דער עיקר — צדקה און הומאַניטאַרישקייט, יושר און גערעכטי־

קייט. די אַלטע יידישע מיסיע און זייער ווייניק תורה לערנען — אַלץ שיינע ווערטער, וואָס פריידיקן זיך לייכט, וואָס פאַרפליכטן ניט צו אַנדערשקייט און בעיקר, עס איז ככל הגוים. מען גייט מיטן שטראָם, מען פריידיקט הומאַניזם, „סיוויל רייטס" און מען זעט ניט ווי די אייגענע קינדער ווערן אָפּגעריסן פון די אייגענע וואָרצלען, פון דער יידישער קולטור, פון דער אייגענער שפּראַך, פון דעם אייביקן יידישן גייסט, וואָס מוז זיך ענדערן און דאָך בלייבן אומפאַרענדערט.

מען נעמט אינסטיטוציעס וואָס מען האָט אַליין מיט מאַטערניש געבויט און מען מאַכט זיי פאַר „נאָן סעקטאַריאַן", ווי למשל „די שטאָט פון האָפענונג", אָדער מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די באַוועגונג פאַר ציווילע רעכט האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן, האָט עס שיער ניט געהאַלטן דערביי אַז אויך די היגע יידישע צענטערס זאָלן זיך דערקלערן פאַר „נאָן־סעקטאַריאַן". גליקלעכערווייז האָט אָט דער צד פאַרלאָרן און די צענטערס זיינען געוואָרן נאָך מער יידיש.

דאָס איז דער וועג פון אונדזערע הומאַניטאַריער, ביי וועמען ס'איז רעכט צו קרוינען דעם הויפּט־זייל פון דער קאַטוילישער קירך, דעם סיינט פּאָול, פאַר „ראַבאַי פּאָול אָוו טאַרסיס," ווי עס האָט געטאָן סעם גאָלטער, דער פּיליאָריקער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער „סיטי אָוו האָופּ" און אונטער וועמעס פּירערשאַפט אַן אינסטיטוציע, וועלכע דער היגער אַרבעטער רינג האָט דער ערשטער געהאָלפן בויען, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „נאָן־סעקטאַריאַן" — באשר בכן די מערהייט פּאַציענטן זיינען ניט קיין יידן.

ווער ווייסט, מעגלעך אַז אַזאַ הומאַניטאַרישער פּרינציפּ פו „נאָן־סעקטאַריאַניזם" קען ביי אונדז אויפסנייַ אַרויפשווימען, מען זאָל, למשל, עפענען די טירן פון אונדזערע „היימען פאַר אַלטע לייט", די טעמפּלען און אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָרום דאָס פּאַרט זיך לייכט מיט געמישטע חתונות. און ביי די געלט־געבערס פון דער האָליווּד קאָלאָניע, וואָס האָבן נאָך אַלץ אַ שטאַרקע דעה, וואָלט מען דאָס לייכט געפּועלט.

דורות גייען און דורות קומען. מיט אונדזער וויטאַלער שעפערישקייט האָבן מיר פאַרפעסטיקט די עקאָנאָמישע באַזע פון אונדזער עקזיסטענץ און ערשט לעצטנס הייבן מיר אָן צו דערזען ווי דער צווייטער טייל פון היללס פאָרמולע קומט אויף און ווערט מקוים: מען הייבט אָן ביי אונדז צו לערנען! נאַטירלעך, עס איז שווער, נאָר מען לערנט מער ווי פריער. מיט רעכט פלעגן מיר אַמאָל קוקן קרום אויף די זונטיק־שולן, אויף די טעאָלאָגישע סעמינאַרן, אויפן גאַנצן אַזוי גערופענעם „דזשודאַיזם", וואָרום זייער אַרבעט האָט זיך ניט געשטיצט אויפן יידישן לעבן און שעפערישן גייסט. זייער „דזשודאַיזם" איז געווען אַ פאַרפרוירענע יידישקייט, אַ וועג זיך אויסצוגלייכן מיט די ניט־יידן. האָבן מיר דאָס קריטיקירט און באַקעמפט. איצט ווערט זייער יידישקייט ברייטער, טיפער, פונדאַמענטאַלער; מען לערנט מער וועגן היינטיקן יידישן לעבן און הגם מען איז שפּראַכלעך אַסימילירט, זוכט מען דאָך ניט צו דערשטיקן דאָס יידיש לשון. פאַרקערט, מען עפנט אויף שפּאַרעס פאַר יידיש, פאַר דער יידישער ליטעראַטור. מען איז געוואָרן טאָלעראַנט און מען רעכנט זיך מיט דער יידישער טראַדיציע. די פאַרפרוירנקייט לאָזט אָפּ, דאָס אייז צעגייט און עס קומט אויף אַ נייע יידישקייט פון אייביקן המשך, פון קאָנטינואיטעט.

פון דעסטוועגן, ווען עס קומט צו רייד, בלייבן מיר נאָך אַלץ ביי דער פאַרעלטערטער איינרעדעניש, אַז די טעמפּלען זיינען ליידיק, פּוסט און אָן יידישן אינהאַלט. מעגלעך אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע אויך. די סיטואַציע האָט זיך אָבער געביטן. די שולן און טעמפּלען זיינען היינט אין אַ גרויסער מאָס די טרעגערס פון יידישער טראַדיציע, אויף וויפל עס איז נאָך פון דעם געבליבן, די צענטערס פאַר קולטור און דערציונג, די באַזע פאַר כלערליי וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, פאַר ישראל און אפילו פאַר דער פאַרלייכטערונג פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווען מען באַגעגנט זיך מיט אָט דעם עולם אויף פאָלקס־פאַרזאַמלונגען פאַר ישראל, אויף די פּראָטעסט־מאַרשן פאַר די סאָוועטישע יידן און ענלעכע פאַרזאַמלונגען, דערפילט מען דעם ריטם פון אונדזער געשיכטע, די וואַרעמקייט פון דער יידישער סביבה און די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס עפענען זיך אויף פאַר אַ ציל־באַוווסטער יידישקייט, פאַר אַ קאָלירפולער יידישער קולטור־שעפערישקייט געבויט אויף דעם באַזיס פון אַ פריי יידיש לעבן, וואָס איז איינציק אין אונדזער לאַנגער פיינפולער געשיכטע.



די וואָס געדענקען דעם ריזיקן קבלת פנים, וואָס דער קאָמיוניטי קאָונסיל האָט בעת דער מלחמה געמאַכט פאַר איציק פעפער און שלמה מיכאָעלס אין דעם גרויסן שריין אָדיטאָריום, דעם קאָלאָסאַלן איינדרוקספולן מיטינג פאַר ישראל אין האָליוווד באָול בעת דער זעקס טאָגיקער מלחמה, אָדער לעצטנס, סוף סעפּטעמבער, די צוויי מיטינגען וואָס זיינען גלייכצייטיק פאָרגעקומען אין סענטשורי פּלאַזאַ און אין דער וואַלי בלויז צו הערן אויף דער ספּעציעלער טעלעוויזיע פּראָגראַם, וואָס גאָלדע מאיר האָט אַדרעסירט פון ניו־יאָרק — די פאַרשטייען וואָס עס הייסט אַן אָנגעגליטע יידישע שטימונג, דער ריטם און דער מאַגישער גאָלדענער פאָדעם פון דער יידישער געשיכטע. יידן וואַרטן און זיינען גרייט צו ענטפערן אויפן געהעריקן רוף.

ווי די צווייטע גרעסטע יידישע שטאָט אין דער וועלט פאַרדינט לאָס אַנגעלעס ברייטערע ספּעציעלע שטודיעס, מער אויפמערקזאַמקייט און כסדרדיקע וואַכזאַמקייט צוליב דער סכנה פון אַ זעלבסטגעקרוינטער, קאָמפּליצירטער ביוראָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרוואַלטעט מיטן אַלגעמיינעם יידישן לעבן אין שטאָט.

וואָרום ווי וויכטיק און אומבאַדינגט נייטיק עס זיינען די פונקציאָנערן, זיינען נאָך וויכטיקער יענע יחידים, וואָס אינספּירירן צו שעפערישע מעשים, ווייטער צו שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אַ גייסטרייך און ציל־באַוווסט יידיש לעבן — אָט אַזעלכע אידעאַליסטישע יחידים ווי יענע פון פריערדיקן דור, וואָס האָבן אַזוי פיל בייגעטראָגן און געהאָלפן פאַרמירן אונדזער יידיש לעבן. אין לעצטן סך־הכל האַלט זיך דאָס יידישע לעבן אויף ניסים פון אַזעלכע למד־וואָוניקעס.

# אַ ניי בוך עסייען פון אַברהם גאָלאָמב

ס'אי אַריין אין דרוק און וועט בקרוב דערשיינען אַ ניי בוך עסייען פון א. גאָלאָמב אונטערן נאָמען: „צו די הייכן פון יידישן גייסט."

## עסייען אין בוך:

הקדמה;
יידישע געדאַנקען;
עבודה זרה;
קיום־פילאָסאָפיע פון די חז"ל;
אויספירן פון אַ לעקציע געשיכטע;
היסטאָרישער אַריינבליק אין דער צוקונפט;
דער קאָסמאָס מיט יידישע אויגן;
פון וועלטלעכער ביז אינטעגראַלער יידישקייט;
דער יידישער גאָט איז מקבל זיין תורה פון יידישן פאָלק;
שיבת ציון און שיבת ישראל;
ארץ ישראל און עם ישראל;
**לייוויק דער דיכטער פון יידישן געוויסן;**
**סיום סך־הכול.**

שמואל ווייס

# דריי קאָנפערענצן
## פון דעם יידיש-וועלטלעכן סעקטאָר אין לאָס אַנדזשעלעס

אין משך פון די חדשים סעפטעמבער און אָקטאָבער, 1970, זיינען אין לאָס אַנדזשעלעס אָפּגעהאַלטן געוואָרן דריי קאָנפערענצן, וועלכע האָבן אַרומגענומען אַ זייער ברייטן קרייז פון קולטור־עסקנים ביי אונדז אין שטאָט. דאָס זיינען געווען, לויט דער ריי פון דער צייט אין וועלכע די צוזאַמענקונפטן זיינען פאָרגעקומען: די 24סטע יערלעכע קאָנפערענץ פון ייוו״א, דעם 23טן און 24טן סעפטעמבער; די 51סטע סטייט־ און ראַיאָן־קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג, פון 25טן ביז 27טן סעפטעמבער און די יערלעכע קאָנפערענץ פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, דעם דריטן און פערטן סעפטעמבער.

די צוויי גרויסע פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציעס — דער אַרבעטער רינג און נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד — האָבן אין תוך ענלעכע צילן, הגם יעדער פון זיי נעמט אַרום אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טוערס, מיט אַן אַנדערן קוק אויפן יידישן לעבן אין אַמעריקע און מעבר לים. אָבער ביידע ראַנגלען זיך מיט די זעלביקע פּראָבלעמען. ביידע האָבן כמעט די זעלביקע צאָל מיטגלידער — איבער 16 טויזנט אין ל. אַ. ; אויפן סדר היום פון ביידע אַסיפות האָט די פראַגע, ווי אַזוי אַריינצוציען אַמעריקאַנער געבוירענע יידן פון זייער פּערי־פעריע אין דער אַרבעט און אָנפירונג פון די אָרגאַניזאַציעס, פאַרנומען דעם סאַמע וויכטיקסטן אָרט. אויף ביידע קאָנפערענצן איז געקומען צום אויסדרוק די טיפע זאָרג פאַרן ישוב אין ישראל און פאַרן גורל פון דעם איינגעקלאַמערטן, יידישן ישוב אין סאָוועט־רוסלאַנד. און אויף ביידע קאָנפערענצן זיינען באַהאַנדלט געוואָרן עטלעכע אויסצוגן פון די באַריכטן און פאַרהאַנדלונגען, ווי זיי זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פרעסע אין משך פון די אסיפות.

* * * * *

### די אַרבעטער רינג קאָנפערענץ

דער אַרבעטער רינג אין לאָס אַנדזשעלעס האָט געפייערט דעם 70־יאָריקן יובליי פון דעם אָרדן ביי דער יערלעכער קאָנפערענץ און היגן ראַיאָן, וועלכער נעמט אַרום די אַרבעטער רינג צווייגן אין דרום און צפון קאַליפאָרניע, אין סיאַטל און טאַקאָמאַ, וואַשינגטאָן און אין טוסאָן און פיניקס, אַריזאָנאַ. דער אַרבעטער רינג אין לאָס אַנדזשעלעס איז געווען פאַרטראָטן מיט 13 צווייגן מיט איבער 16 הונדערט מיטגלידער. צו דער קאָנפערענץ און דער פייערונג איז געקומען ספּעציעל פון ניו־יאָרק דער ניי־דערוויילטער פרעזידענט פון אַרבעטער רינג, בערנאַרד בעקער.

די קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן פרייטאג אָוונט, דעם 25טן סעפטעמבער, פון סעם פאָול, טשערמאַן פון דיסטריקט קאָמיטעט ווי אויך פון ראַיאָן קאָמיטעט, מיט אַ קורצער רעדע באַגריסנדיק דעם הויפּט גאַסט, בערנאַרד בעקער, פרעזידענט פון אַרבעטער רינג, וואָס איז געקומען ספּעציעל פון ניו־יאָרק.

די הויפּט־רעדע האָט געהאַלטן דוד גאָלדמאַן, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון דרום קאַליפאָרניער דיסטריקט קאָמיטעט, אַרומנעמענדיק די אַלגעמיינע יידישע פּראָבלעמען מיט וועלכע עס פאַרנעמט זיך דער אָרדן אין טאָג־טעגלעכער אַרבעט. ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דער צוזאַמענאַרבעט פון אַרב. רינג מיט דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין שותפותדיקע קולטור־אונטערנעמונגען אין דער שטאָט. ער דריקט אויס די האָפענונג, אַז די דערנענטערונג וועט ווייטער פאַרגעזעצט ווערן לטובת דעם יידיש־וועלטלעכן סעקטאָר דאָ אין לאָס אַנגעלעס.

פון דעם קולטור־צענטער פון אַרבעטער רינג, אַן אייגענער בנין פון דער אָרגאַניזאַציע אויף 1619 ס. ראָבערטסאָן בולוו. האָט דוד גאָלדמאַן באַריכטעט, אַז דער



צענטער האָט צוגעבויט היי־יאָר אַ נייעם פליגל פאַר וועלכן דער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט געגעבן אַ הלוואה אויף 75 טויזנט דאָלער. דער פאַרגרעסערטער זאַל וועט קענען אַריינעמען איבער 600 באַזוכער ביי לעקציעס און קאָנצערטן. עס זיינען אויך צוגעבויט געוואָרן צוויי נייע צימערן פאַר קלענערע אונטערנעמונגען.

די קאָנפערענץ האָט דערוויילט צו דער פאַרוואַלטונג די מיטגלידער: הענרי אַלטשולער, סידני בלייפעלד, בעס, אַלעקס ראָבין, כאַצקל סיגל און תנחום ברייס, אין הסכם מיט דער תקנה צו דערוויילן אַ דריטל פון דער פאַרוואַלטונג יעדן יאָר.

אַרבעטער רינג מיטגלידער האָבן לעצטן יאָר בייגעטראָגן צו דעם וועלפער פאָנד פון דער יידישער קהילה, פאַר ישראל־באָנדס, הסתדרות קאַמפּיין און צו היימישע הילף אינסטיטוציעס די סומע פון איבער 150 טויזנט דאָלער.

דער דיסטריקט קאָמיטעט האָט פאָרמולירט אַ פּלאַן פון האָספּיטאַל און מעדיקאַל אינשורענס, וואָס נעמט אויך אַריין עלטערע מיטגלידער. זעכציק מיטגלידער האָבן זיך שוין אָנגעשלאָסן.

די אַרבעטער רינג אָפּטיילונג אין דער היים פאַר עלטערע מיטגלידער פאַרנעמט אַ באַזונדערס אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם באַריכט. דוד גאָלדמאַן האָט באַטאָנט ווי וויכטיק אָט די אָפּטיילונג איז פאַרן אַרב. רינג, ווו עס וווינען איצט איבער זיבעציק מיטגלידער. דער אַרב. רינג פּלאַנט דורכצופירן אַן אונטערנעמונג לטובת דער היים אין נאָוועמבער און אַרויסגעבן אַ זשורנאַל צו דער געלעגנהייט. דער אָרדן וועט זיך באַמיען צו שאַפן 25 טויזנט דאָלער פאַר דער היים

דער אַרבעטער רינג דיסטריקט קאָמיטעט פירט דורך צוזאַמען מיט קרובהשע אָרגאַניזאַציעס די יערלעכע אָנדענק־אַקאַדעמיע פון דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ און פון ערשטן מאַי. די מיינסטע קולטור־אַרבעט ווערט אָבער דורכגעפירט פון די באַזונדערע ברענטשעס. פיר בענטשעס פירן דורך שותפות פייערונגען לכבוד יידישע ימים־טובים.

אין פאַרלויף פון די זיצונגען האָבן באַגריסט אפרים שטיין, אין נאָמען פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; שייע שיכאַטאָוו, אין נאָמען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע; שמואל ווייס, אין נאָמען פון „פאָרווערטס“; איידאַ געלאַר, אין נאָמען פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, און אַלעקס געיל, אין נאָמען פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט.

ביי דער לעצטער זיצונג פון דער קאָנפערענץ אונטערן פאָרזיץ פון מאיר וויינטרויב איז אויפגענומען געוואָרן אַ צאָל רעזאָלוציעס, וועלכע זיינען מיינסטנס אַ באַשטעטיקונג פון די באַשלוסן וואָס דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענפאָר פון אַרב. רינג האָט אָנגענומען לעצטן יאָר. תנחום ברייס איז געווען פאָרזיצער פון דער רעזאָלוציע־קאָמיטע.

די קאָנפערענץ איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ פייערלעכן באַנקעט ביי וועלכן סערגעי נוטקעוויטש האָט רעפערירט וועגן דער געשיכטע פון אַרבעטער רינג אין שייכות מיט דער 70 יאָריקער יובליי פייערונג. די הויפּט רעדע האָט געהאַלטן בערנאַרד בעקער, פרעזידענט פון אַרב. רינג ער האָט גערעדט מיט באַזונדערער וואַרימקייט וועגן די פּיאָנערן פון דעם אָרדן אונטער אַפּלאָדיסמענטן פון עולם צוגעזאָגט ווייטער צו שפּינען דעם פאָדים פון אַרבעטער רינג צו העכערע גייסטיקע און אָרגאַניזאַציאָנעלע הויכן. אַ פּראָגראַם דורכגעפירט פון באַרימטן חזן נתן קאַצמאַן האָט פאַרענדיקט די פייערלעכקייט פון דעם אָוונט און פונעם צוזאַמענקום.

### קאָנפערענץ פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

אַרום 300 דעלעגאַטן און געסט האָבן אָנגעפילט דעם אודיטאָריום פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג, שבת אָוונט דעם 3טן אָקטאָבער, צו דער יערלעכער קאָנפערענץ פון דעם יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין לאָס אַנגעלעס.

די פייערלעכע קאָנפערענץ איז דערעפנט געוואָרן פון משה כהן, נאַציאָנאַלער געהילפס־סעקרעטאַר, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דעם פרעזידענט, אפרים שטיין, דעם פאָרזיצער פון אָוונט.

מיר פאַרזאַמלען זיך אין אַ שטורמישער עפּאָכע אין יידישן לעבן אין אַמעריקע און ספּעציעל אין מדינת ישראל״, האָט

דערקלערט חבר שטיין, „און דער יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד ווערט גערופן צו גרויסע מעשים. די איצטיקע לאַגע אין און אַרום ישראל לייגט אַרויף אויף אונדז גרויסע אַחריותן און דער פאַרבאַנד מוז מאָביליזירן אַלע חברים און געבן די העכסטע פּריאָריטעט אין קאַמף פאַר אַ געזיכערטער ישראל און שטאַרקן די מדינה אין איר איצטיקער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע.“

קורצע באַגריסונגען זיינען געהאַלטן געוואָרן פון סידני פיינער, פּרעזידענט פון פּועלי ציון, פון שרה נאַקעלסקי, פּרעזידענטין פון ל. א. קאַונסיל פון די פּיאָנערן פרויען. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט די באַגריסונג פון דוד טשענקין, פאָרשטייער פון דער יוגנט באַוועגונג „הבונים“ וואָס האָט איבערגעגעבן די שילדערונגען פון זיין פאַרברענגען אין אַ קיבוץ אין ישראל אַ יאָר צייט. ער האָט אויך באַליכטן וועגן דעם וווקס פון דער יוגנט־באַוועגונג אין לאָס אַנגעלעס און וועגן דעם הבונים־קעמפּ, וווּ עטלעכע הונדערט יוגנטלעכע האָבן פאַרבראַכט דעם לעצטן זומער.

דער הויכפּונקט פון אָוונט איז געווען די רעדע פון יעקב קאַצמאַן, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון ניו־יאָרק צו אַדרעסירן די קאָנפערענץ. חבר קאַצמאַן האָט געגעבן אַן אומפאַסנדן אַנאַליז פון דער לאַגע אין ישראל, ספּעציעל אַרום דעם „פּייער־אָפּשטעל.“ ער האָט באַריכטעט וועגן דער ראָלע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, די פּאָליטיק פון סאָוועט־רוסלאַנד און די ראַנגלענישן פון די פאַרשיידענע אַראַבישע כוחות. מיט אַ רוף צו דער קאָנפערענץ צו שטיין אויף דער וואַך און געבן די העכסטע פּריאָריטעט צו אַלץ וואָס וועט זיך פאָדערן אין איצטיקן פּאָליטישן געראַנגל ווי אויך צו מאַקסימאַלסטער עקאָנאָמישער מאָביליזאַציע פאַר ישראל, האָט חבר קאַצמאַן געשלאָסן די דערעפענונג פון דער ערשטער סעסיע פון דער קאָנפערענץ.

זונטאָג פרי, אָקטאָבער 4טן, איז די זיצונג געפירט געוואָרן פון מאָריס דייטש, וויצע־פּרעזידענט פון פאַרבאַנד. אַ באַריכט פון טעטיקייטן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז אָפּגעגעבן געוואָרן פון אפרים שטיין, פּרעזידענט און משה כהן, דירעקטאָר. דער באַריכט האָט זיך גענוי אָפּגעשטעלט אויף די פאָלגנדע פּראָבלעמען: דער מצב פון דער אָרגאַניזאַציע אין די פאַרשידענע צווייגן, די טעטיקייטן פון בלו־קראָס דעפּאַרטמענט און סעמעטערי דעפּאַרטמענט, די פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, די געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען מיט דעם אַרבעטער רינג, דער זייער געלונגענער זומער־סעמינאַר אין סאַנטאַ באַרבאַראַ בשותפות מיט די פּועלי־ציון, אונדזערע פאַרבינדונגען און אַקטיוויטעטן מיטן אַמעריקאַנעם ציוניסטישן קאָונסיל און דעם יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, און די געמיינשאַפטלעכע טעטיקייטן מיט די אַנדערע טיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.

אַ פּאָר באַזונדערע איינדרוקן האָט געמאַכט דער באַריכט פאַר די געשאַפענע פאָנדן דורכן יאָר: פאַר ישראל באָנדס — $105,000; הסתדרות — $55,000; קרן קימת — $35,500; יו.דזשי.איי. צוזאַמען מיט דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג — $177,202; און טויזנטער דאָלער פאַר אַנדערע, ווי: הבונים, אינסטיטוט „אידישער קעמפער“, „פּראָנטיער“, ייוו“א, אא“וו.

די נאָכמיטאָג זיצונג איז געפירט געוואָרן פון חבר צבי הירש, וויצע־פּרעזידענט פון פאַרבאַנד.

אין נאָמען פון קרעדענשאַל קאָמיטעט האָט חבר לעאָן גאָלדבערג באַריכטעט אַז עס זיינען פאַרטראָטן 68 דעלעגאַטן פון 8 צווייגן און 12 דעלעגאַטן פון שטאָט קאָמיטעט, אַ סך־הכל פון 80 שטים־באַרעכטיקטע דעלעגאַטן.

די רעזאָלוציעס זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרן פון חבר שמואל כץ, פאָרזיצער און לואיס שילינג און פיליפּ בראָדי, מיטפאָרזיצער. די רעזאָלוציעס האָבן אַרומגענומען אַלע פאַזן פון פאַרבאַנד־טעטיקייטן, אָרגאַניזאַציע און מיטגלידער קאַמפּיין, שטאַרקן די אַמעריקאַנער ציוניסטי־פעדעראַציע, פאַראייניקונג פון פאַרבאַנד און פּועלי־ציון, הבונים, אַ פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט, יידישער אַרבעטער קאָמיטעט. עס זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס באַגריסנדיק יעקב קאַהאַן צו זיין באַשטימונג פון דער נאַציאָנאַלער לייטונג אַלס ערשטער פאָרזיצער פאַר דעם מערב ראַיאָן; אַ דאַנק צו דער אויסגייענדער אַדמיניסטראַציע, אַ דאַנק צו אונדזער דירעקטאָר חבר משה כהן און צו אונדזער אָפיס־סעקרעטאַרין ביע מעי, און אַ דאַנק־אויסדרוק צו דער יידישער און ענגליש־יידישער פּרעסע.



אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע, וואָס דריקט אויס סאָלידאַריטעט מיט אונדזערע ברידער אין סאָוועט־רוסלאַנד אין זייער העראָישן קאַמף, איז פייערלעך גוטגעהייסן געוואָרן פון דער קאָנפערענץ.

אַן אומפאַסנדע דעקלאַראַציע, וואָס אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַספּעקטן איינשליסנדיק די מאָביליזאַציע פון אַ ביליאָן דאָלער פון יו.דזשיי.איי. און באָנדס פאַר ישראל, ווי אויך מאָביליזאַציע פאַר ישראל הסתדרות און נאַציאָנאַל־פאָנד, איז פייערלעך גוטגעהייסן געוואָרן.

אין נאָמען פון נאָמינאַציאָנס קאָמיטעט האָט באַריכטעט חבר לואיס לעווין און פאָלגנדע נייע באַאַמטע זיינען דערוויילט געוואָרן:

אפרים שטיין, פּרעזידענט; מאָריס דייטש, וויצע־פּרעזידענט פאַר אָרגאַניזאַציאָנס אַרבעט; יצחק ווייַנראַט, וויצע־פּרעז. פאַר קולטור־אַרבעט; אברהם שניידער, סעקרעטאַר; דוד שרגא, פינאַנץ סעק.; יעקב בעקער, געהילפס פינאַנץ סעקר. און טעאָדאָר כץ, טרעזשורער.

דער שלוס־באַנקעט פון דער קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען זונטאָג אָוונט, אין פּאַלם טערעס, אונטערן פאָרזיץ פון חבר יעקב קאַהאַן.

עס זיינען אויפגעטראָטן מיט באַגריסונגען: פּרעד קאַהאַן, עקזעק. דירעקטאָר פון קרן קימת; בערנאַרד דזשייקאָבסאָן, עקז. דירעקטאָר פון הסתדרות קאַמפּיין. גאָר וואַרעם איז אויפגענומען געוואָרן די אינהאַלטסרייכע באַגריסונג און רוף פאַר געמיינשאַפטלעכער אַרבעט פון דוד גאָלדמאַן, עקז. סעקרעטאַר פון קאַליפאָרניע דיסטריקט פון אַרבעטער רינג.

זייער אימפּאָזאַנט איז געווען דער קאָנצערט פּראָגראַם פון אַלמאַ פּיאַצאַ, סאָפּראַנאָ, אַקאָמפּאַנירט פון מימאַ גרין.

די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן מיט אַ באַגריסונג צו די נייע באַאַמטע מיט אפרים שטיין בראש און מיט אַ סטימולירנדיקן פאָרטראָג וועגן די אויפגאַבן פון פאַרבאַנד הייַנט צו טאָג, סיי אין אַמעריקאַנעם יידישן לעבן און סיי אין ישראל, וואָס חבר קאַצמאַן האָט אַזוי גלענצנדיק אַרויסגעבראַכט.

## די ייוו״א קאָנפערענץ

צום ערשטן מאָל פאַר די 24 יאָר איז די יערלעכע ראַיאָנע ייוו״א קאָנפערענץ אין לאָס אַנדזשעלעס געהאַלטן געוואָרן אין מיטן וואָך אַנשטאָט שבת און זונטאָג. צוליב אַ רייע סיבות איז די קאָנפערענץ אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ נייעם פּלאַץ און אין אַ דינסטאָג אָוונט.

די הויפּט־אַטראַקציע ביי דער קאָנפערענץ איז הייַ־יאָר געווען דער רעפעראַט פון דעם גרויסן יידישן געלערנטן, פּראָפ׳ אברהם יהושע העשעל, אויף דער טעמע: „חסידיזם, דער קאָצקער רבי און זיין שיטה.“ איבער 350 מענטשן זיינען געקומען צו דער דערעפענונג, אַ פּאָר אַזוי ווייט פון 130 מייל פון לאָס אַנדזשעלעס.

זלמן זילבערצוויַג, פאָרזיצער פון ל. א. ייוו״א קאָמיטעט, האָט געעפנט דעם אָוונט מיט אַ קורצער איינלייטונג וועגן מהות פון ייוו״א. י. טיללעס, סעקרעטאַר, האָט איבערגעגעבן אַ טעטיקייט באַריכט פון אַ יאָר ייוו״א אַרבעט אין לאָס אַנדזשעלעס. רבי יוסף חיים וואַגנער, דער גייסטיקער פירער פון טעמפּל בית־אל, האָט באַגריסט דעם גאַסט־רעדנער. דער פיינער דיכטער שמואל יעקב טויבעס, האָט פאָרגעשטעלט דעם גאַסט, פּראָפעסאָר העשעל, וועלכער האָט געהאַלטן געשפּאַנט דעם עולם פאַר איבער אַ שטונדע צייט.

אויף מאָרגן, מיטוואָך נאָך מיטאָג, איז געהאַלטן געוואָרן די געשעפט־זיצונג אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב. דאָ איז אויסגעהערט געוואָרן דער פינאַנץ־באַריכט פון שמואל ברייַנין, אַ זייער אויספירלעכער באַריכט פון י. טילעס. אויך זיינען דיסקוטירט געוואָרן פּלענער פון טעטיקייטן פאַרן קומענדן יאָר. צולעצט זיינען פאָרגעקומען וואַלן און די זעלבע באַאַמטע זיינען ווידער דערוויילט געוואָרן פאַרן קומענדיקן יאָר.

העניך בערמאַן

# צוויי שטודיר־קרייזן אין ל. א.

אין לאָס אַנדזשעלעס פאַרמאָגן מיר צוויי יידישע חברותא׳ס: „מורשה עקרים“ און „המשך.“ זייער ווייניק ווייסן אין וואָס אָט די חברותא׳ס באַשטייען. זיי זיינען אייגנאַרטיק. דאָס זיינען חברותא׳ס פאַר יידישע לימודים. זיי באַשטייען פון אַן ערך זעכציק מענטשן. זייער אויפגאַבע איז — תורה לשמה. פרעגט זיך: מיט וואָס זיינען זיי אַזוי אייגנאַרטיק? — דערמיט וואָס די שיעורים זיינען „שתיים שהן ארבע“ — לעקציעס און שיעורים צוזאַמען. די „מורשה עקרים“ שטודירן די עקרים אין עברית, און „המשך“ שטודירן דעם כוזרי אין יידיש. איןביידע חברותא׳ס באַטייליקן זיך אויך פרויען. (אגב, דער גרעסטער טייל פון די חברותא׳ס לערנט אויך תלמוד צוויי מאָל אַ וואָך). דער רבי פון די ביידע חברותא׳ס איז ר׳ זאב סאַלעס נ״י, אַ תושב אין לאָס אַנדזשעלעס.

ר׳ זאב סאַלעס פאַרדינט ער זאָל ברייט באַקאַנט ווערן אין די יידישע קולטור־קרייזן. ער שטאַמט פון דעם קליין שטעטל פשעמיש אין גאַליציע. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי. געווען אַ קאָמענדאַנט פון אַן אָפּטיילונג פון אַ רעגימענט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מוט, אָבער ניט חלילה ווי אַ איש מלחמה. זיין מוט איז באַשטאַנען אין אָננעמען זיך פאַרן יידישן כבוד. אין זיין אָפּטיילונג האָט אַ קאַפּראַל זיך באַנוצט מיט אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן. ווען סאַלעסעס קול יעקב האָט נישט געהאָלפן, האָט ער זיך באַנוצט מיט זיינע ידיים. דאָס האָט געמאַכט אַ רושם אין רעגימענט און מער קיין אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן זיינען דאָרט נישט באַנוצט געוואָרן.

אין 1919 גרינדעט סאַלעס צוויי העברעישע שולן אין זיין שטעטל. דאָס איז געווען דאָס ערשטע פון דעם מין. די פרומע מיטן רב בראש האָבן דאָס שטאַרק באַקעמפט. מנצח געווען האָט סאַלעס מיט זיין גרופּע. (אגב אַ סך תלמידים פון יענע שולן ווינען איצט אין ישראל און פאַרנעמען דאָרט פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלעס, ספּעציעל אין חינוך).

אין 1920 באַזעצט זיך סאַלעס אין בערלין. אין יענער צייט איז בערלין געווען דער גרעסטער יידישער צענטער כמעט אויף אַלע געביטן. סאַלעס עפנט דאָרט אַ בוך־געשעפט און ווערט אַ פאַרלעגער פון דייטשישע ביכער פון יידישן אינהאַלט. סאַלעס ברייטערט אויס זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, ספּעציעל אויפן געביט פון חינוך.

אין די דרייסיקער יאָרן ווערט סאַלעס אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער צו באַשטעטיקן די קוואַליפיקאַציעס אויפן געביט פון חינוך פאַר די חלוצים, וואָס דאַרפן באַקומען סערטיפיקאַטן. סאַלעסעס היים ווערט דער אַדרעס פאַר ציוניסטישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. אין דער צייט פון נאַצישן רעזשים ווערן אַ סך קאָנספּיראַטיווע מיטינגען אָפּגעהאַלטן אין דער היים פון די סאַלעסעס. אין זיין רייסטער פון פריינד און באַקאַנטע געפינען זיך: ז. שניאור; זלמן שזר, ישראל פּרעזידענט; ד״ר מנחם שטיין, ד״ר יוסף בורג; ד״ר ראָזענטאַל; ד״ר ערנקראַנץ א״אַ. די משפּחה סאַלעס ראַטעוועט זיך קיין ניו־יאָרק אין יאָר 1939.

סאַלעס׳ נאָמען איז געווען באַוווּסט אין די יידישע קרייזן נאָך איידער ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק — אַ דאַנק זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. סאַלעס איז אַ קענער פון עטלעכע אַנדערע שפּראַכן, אַחוץ העברעיש און יידיש. ער ווערט איינגעלאַדן אין דער עקזעקוטיווע פון „אחיעבר“. ער האַלט אָפּט לעקציעס, ספּעציעל אין העברעיש, באַטייליקט זיך אין שריפט אין די פּעריאָדישע העברעישע אויסגאַבעס, אין „בצרון“ א״אַ.

אין 1957 באַזעצן זיך די סאַלעסעס אין לאָס אַנדזשעלעס. זיין נאָמען גייט אים פאָרויס. סאַלעס נעמט אַן אנטייל אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, ספּעציעל אויפן געביט פון חינוך. ער ווערט אויסגעקליבן אַלס פאָרזיצער אין דער אָפּטיילונג פון ועד החינוך ביי דער יידישער פעדעראַציע אין לאָס אַנדזשעלעס צו באַשטעטיקן די קוואַליפיקאַציעס פון לערער.

אגב סאַלעס איז זייער אַקטיוו אין דער הסתדרות עברית — פאַרנומען דעם אַמט פון פאָרזיצער און האַלט אָפּט מאָל לעקציעס אין עברית.

אין גיכן קומט פאָר דער סיום פון כוזרי. מען האָט מיר צוגעטיילט דעם כבוד צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון אונדזער רבין, ר׳ זאב סאַלעס שליט״א. סאלעס איז פון די וואָס האָבן, לויטן קאָצקער רבינס מאָראַלישן איינשטעל, אין זינען יענעמס עולם הזה און בלויז זיין אייגענע עולם הבא. איך האַלט, אַז צווישן ר׳ מענדעלע קאָצקערס הגיונות איז דער דאָזיקער געבאָט — צו היטן דעם אייגענעם עולם הבא און דעם חברס עולם הזה — איינער פון מאָראַלישסטע און טיפסטע.

סאַלעס איז אַ טראַדיציאָנאַלער ייד, אָבער איז טאָלעראַנט צו יעדן און איז ווייט פון זאָגן מוסר צו אַנדערע. מיר פערזענלעך דאַכט זיך, אַז ביי די מוסר־זאָגערס הינקט ערגעץ־ווו זייער אייגענע אמונה. אין דעם מוסר, וואָס זיי באַנוצן, שטעקט אַ מין קוליע אונטערצוהאַלטן דעם גלויבן ביי זיך אַליין. אַזאַ ייד ווי סאַלעס ווייסט נישט פון קיין קנאות, און איז אויך אַ וועלטישער ייד (נישט וועלטלעכער, נאָר וועלטישער). ער קוקט אַריבער דעם גדר פון זיין סביבה און זעט אַז עס זיינען גאָר נישט פאַראַן קיין יידן אָן מצוות. אויך די נישט פרומע און אפילו די נישט יידיש־רעדנדיקע טוען „עפּעס“ פאַר דעם עם ישראל און ממילא פאַר אמונת ישראל. אַזעלכע יידן ווי סאַלעס האָבן אַ טיפע באַציאונג צו יידישער שעפערישקייט און צו יידישע שעפערס, אפילו אין פרעמדע שפּראַכן. זייערע ווערק געהערט ניט בלויז צו די וועלטלעכע נאָר צום גאַנצן יידישן פאָלק.

אגב, האָבן אונדזערע חכמים איינגעזען: צוליב קיום האומה מוז מען אין די גלותן שאַפן אויף יידישע טעמעס אין דער לאַנדשפּראַך. ניט קוקנדיק, צום באַדויערן, וואָס דער אָפּזאַץ פון יידישע און אפילו העברעישע ביכער איז אַ קליינער, איז אָבער דער פאַרקויף פון ענגלישע ביכער אויף יידישע טעמעס זייער אַ סך געשטיגן. דאָס איז כמעט אומעטום. פאַר סאַלעסן זיינען אַלע שרייבערס וואָס שרייבן אויף יידישע טעמעס ווערט דעם „ריש“ (ר׳). זיי פאַרדינען מען זאָל זיי רופן מיטן „ריש“, ווייל זיי זיינען ווי רבנים, זאָרגן פאַרן קיום האומה און זיינען וועגווייזערס פאַרן צערודערטן יידישן מענטש פון זייער צייט. זיי זיינען די מורי נבוכי הזמן.

סאַלעס׳ הנהגה, איידער ער הייבט אָן זיינע שיעורים, איז צו געבן אַן איבערבליק פון דעם וואָס מען האָט פריער שטודירט. זייענדיק אַ גרויסער תלמיד־חכם, איז אים געוויס באַקאַנט דער מאמר חז״ל: „דברי תורה קשין לקנות ככלי זהב ונוחן לאבדן ככלי זכוכית.“ לערנען איז שווער — גרינג איז צו פאַרגעסן, ספּעציעל ווען דאָס איצטיקע שטודירן איז ווייט פון „גירסא דינקותא.“ דער רוב פון די תלמידים זיינען אַריבער די זיקנה — ווו דער כוח השכחה איז אַ תושב. סאַלעס שטעלט דעם טראָפּ נישט וויפל מען לערנט, נאָר אויף וויפל עס וועט בלייבן אין זכרון. דאָס לעצטע קען מען נאָר דערגרייכן אין איבערחזרן. דאָס איבערחזרן דינט נאָך אַ כוונה: עס קומען אָפּט מאָל צו נייע תלמידים, איניקע פאַרפעלן אַ מאָל אַ שיעור. אַזוי אַרום גיט דאָס אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטיין דעם המשך.

סאַלעס איז אָרטאָדאָקסיש; דער ברית בין הבתרים, דער מעמד הר סיני און ענלעכע געשעענישן זיינען נישט אָפּצופרעגן. דאָס זיינען ביי סאַלעסן תורה של חיים. אגב, די תלמידים, ספּעציעל די וועלכע שטודירן דעם כוזרי, שטרעבן דווקא דערגרונטעווען זיך צו פאַרשטיין דעם כוזרי לויטן שכל און פילאָזאָפיע. דאָך איז דער כוח פון סאַלעסעס הסברה אַזוי אינטערעסאַנט, אַז עס נאָגלט צו יעדן אויער. סאַלעס איז אַ גרויסער מומחה פון תנ״ך מיט אַלע זיינע מפרשים, ער איז אויך אַ בקי אין דער רבנישער ליטעראַטור, ספּעציעל פון מיטלאַלטער. ער איז אויך באַהאַוונט אין די הויפּט־רעליגיעס מיט זייער עטיק און פילאָזאָפיע. ער פאַרמאָגט אַ שלל מיט וויסן און באַגרינ־

דעט זיינע ציטאַטן מיט היסטאָרישע פאַקטן. ער איז אַ בר־סמכא — מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. אַ סך רופן סאַלעסן „צנא מלא ספרא“ — מען באַנוצט דעם אויסדרוק אויף אַ בקי, בין איך מסכים. איך וויל אָבער מוסיף זיין — סאַלעס איז נאָך העכער! ער פאַרדינט אויך די טיטול „מעין המתגבר“ — דער פירוש פון ברטנורא: „לבו רחב ומוסיף פלפול וסברות מדעתו“. — סאַלעס ברענגט אַריין אַ סך אייגנס, דאָך וועט איר קיין מאָל נישט הערן — דאָס איז מיין אייגנס. ער באַנוצט זיך שטענדיק מיטן אויסדרוק — מסתם האָב איך דעם רעיון ערגעץ־ווו געזען.

סאַלעסעס אינטערפּרעטאַציע, משלים צו באַלייכטן אַ זאַך, איז ממש צו באַוווּנדערן. זיין כוח הזיכרון גיט אים אַ מעגלעכקייט צו באַהעפטן דאָס קערפּערלעכע און דאָס נשמהדיקע אין איינס. אַ סך פון די תלמידים האָבן געלייענט דעם כוזרי — ריכטיקער — שטודירט. דאָך זיינען אַלע מסכים, אַז סאַלעס האָט אויפגעשלאָסן אַ סך אומפאַרשטענדלעכעס. דער אָריגינעל פון כוזרי איז געשריבן אין אַראַביש. די העברעישע איבערזעצונג פון אבן תבון איז כמעט אַ בוכשטעבלעכע. מען דאַרף זיין אַ מומחה און אַ גרויסער קענער פון דיקדוק — וואָס סאַלעס איז — צו פאַרשטיין אַ סך זאַצן פון דעם כוזרי. די העברעישע שפּראַך, ספּעציעל אין יענער צייט, האָט באַנוצט איין וואָרט פאַר אַ סך אויסטייטשונגען, במילא נעמען זיי אָן פאַרשיידענע כאַראַקטערן. סאַלעס איז געבענטשט מיט אַ סך וויסן. לאו כל אָדם זוכה לכך! אגב, וויל איך אונטערשטרייכן — אַלע שיעורים, רעפעראַטן, לעקציעס אא״וו זיינען שלא לקבל פרס. סאַלעסעס הנאה — מרביץ תורה זיין.

אין נאָמען פון דער חברותא ווינטשן מיר ר׳ זאב סאַלעס שליט״א געזונט, אַ סך יאָרן פון פּרוכטבאַרער שעפערישקייט לטובת הכלל. יישר כוחך, חזק ואמץ, שלום וכל טוב.

## דער רינגעלבלום לייען-קרייז

די טעטיקייטן פון רינגעלבלום לייען־קרייז זיינען גאַנץ ברייטע. אַחוץ וואָס מיר לייענען די בעסטע יידישע ליטעראַרישע ווערק דורכן יאָר, (צווישן זיי די ווערק פון שלום אַש, ש. ניגער, מענדעלע, מאַן און אַנדערע) האָבן מיר אויך געלייענט ביכער אויף דער טעמע פון ישראל לעבן: אויף שמאָלע טראָטואַרן פון צבי אייזענמאַן און אויפן בערגל אין נגב פון רבקה גערווירצמאַן.

מיר שאַפן אויך סקאָלערשיפּס דורכן יאָר און מאַכן צוליב דעם צוועק אַ גרעסערע אונטערנעמונג ביי די שאַפּיראָס אין הויז.

מיר פלאַנצן ביימער אין ישראל דורך ביישטייערונגען צום נאַציאָנאַל־פאָנד, און צום שלוס פון יאָר האָבן מיר אַן אונטערנעמונג געווידמעט דעם נאַציאָנאַל־פאָנד. די אונטערנעמונג קומט פאָר ביי די פרידס אין הויז.

אַזוי איז אויך געווידמעט די דערפּענונג פון יאָר צום ייוו״א, און דאָס קומט פאָר געוויינלעך ביי די אדערבערגס אין הויז.

מיר פאַרפעלן אויך נישט צו מאַכן אַ אַ מיטזומער אונטערנעמונג פאַרן געטאָ־מוזיי אין ישראל און פאַר דער אַראָנסאָן קינדער־היים אין פראַנקרייך. דאָס ווערט געוויינלעך געמאַכט אויף אַ ברייטערן אופן אין גאָרטן פון די מילשטיינס. די געלטער וואָס ווערן דאָרטן געזאַמלט ווערן צעטיילט צווישן די צוויי אָרגאַניזאַציעס.

דאָס לעצטע יאָר האָבן מיר געשיקט $200 צו דער אַראָנסאָן קינדערהיים און $300 צום געטאָ־מוזיי. מיר האָבן אויך צוגעקראָגן רעקאָרדס וואָס זיי האָבן געמאַכט פון די געטאָ־לידער, וואָס מיר זוכן צו פאַרקויפן. די מערסטע האָבן מיר שוין פאַרקויפט און זיי אָפּגעשיקט דאָס געלט.

פאַרשטייט זיך אַז מיר זיינען אויך אַבאָנירט אויף די גאָלדענע קייט און אויפן חשבון. מיר דערמוטיקן אונדזערע מיטגלידער אַליין צו אַבאָנירן זיך און צו לייענען יידישע זשורנאַלן.

ביי אונדזערע חברות דאַרפן מיר נישט בעטן קיין ביישטייערונגען פאַר אַלערליי



## פאַרשפּעטיקטע באַגריסונגען צו ז. בונינס 80-סטן געבוירניאָר

צו מיין ליבן פריינד ז. בונין, צו זיינע שמונים — מיינע האַרציקע ברכות און ווינטשן פאַר אַ סך געזונט און שעפערישקייט עד מאה ועשרים.

**ישראל עמיאָט**

---

מיין ליבער פריינד ז. בונין:

נעמט אָן מיין פריינדלעכע באַגריסונג צו אייער דערגרייכן די בכבודיקע יוגנט פון גבורה, ער מאה ועשרים. זאָל שוין קומען די גאולה — דער לאַנג דערוואַרטעטער שלום!

**פריזענט פאַמיליע**

פיטסבורג, פּא.

---

איך באַגריס מיין פריינד ז. בונין צו זיין ווערן אַ בן שמונים און ווינטש אים געזונטע שעפערישע יאָרן.

**שרה האַמער דזשאַקלין**

---

נאַציאָנאַלע צוועקן. זיי גיבן אַליין ביי יעדער געלעגנהייט. אויב ס׳איז פאַראַן אַ שמחה און מ׳וויל זיך טיילן מיט דער פרייד; אָדער, חלילה, אין טרויער צו דערמאָנען אונדזערע אַוועקגעגאַנגענע און טרייסטן זייערע משפחות.

אַזוי אַז מיר גיבן אַ סך הילף צו נייטיקע צוועקן, אַ גוטע ליטעראַרישע אַנטוויקלונג און גייסטיקע באַפרידיקונג צו אונדזערע מיטגלידער. מיר לייענען ביי יעדער צוזאַמענקונפט וועגן אַ צייט־פראַגע און דער ענין ווערט דיסקוטירט, און צום סוף פון דער דיסקוסיע לייענען מיר אַ בוך אָדער ס׳ווערט געגעבן אַן איבערבליק איבערן בוך, געוויינלעך פון אַ פּראָמינענטן שרייבער, אָדער פון חברה קעי.

אונדזערע מיטגלידער זיינען שטאָלץ וואָס אונדזער לייענער־קרייז גיט זיך אָפּ מיט פאַרשידנאַרטיקע טעטיקייטן. מיר גייען אַוועק גייסטיק מער באַרייכערט פון אונדזערע זיצונגען.

**סאָניע קעי, סעקרעטאַר**

טייערער ז. בונין:

פון דעם זשורנאַל „חשבון“ האָב איך זיך דערוווּסט אַז איר זייט געוואָרן 80 יאָר. ווינטש איך אייך, איר זאָלט לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק, אָמן! און איצט ווען מען דערגרייכט צו דער לבנה, וועלן מענטשן לעבן לענגער. אַ דיכטער שטאַרבט קיין מאָל ניט. אַ דיכטער לעבט אייביק.

אַ גרוס אייער פרוי.

מיט פריינדשאַפט,

**מלכה לי**

---

ליבער פריינד ז. בונין:

צו אייערע שמונים לגבורה ווינטשן מיר אייך געזונט מיט פילע שעפערישע כוחות.

**יהושע און מיני גרינהאָף**

מיאַמי ביטש, פלאָרידע

---

אונדזערע בעסטע ווונטשן צו אונדזער פריינד דעם דיכטער ז. בונין, צו זיין ווערן אַ בן שמונים, און מיר ווינטשן אים ענערגיע און שעפערישקייט פאַר נאָך פיל לאַנגע יאָרן צוזאַמען מיט זיין ליבער יעטאַ.

**חבר און חברה משה אדערבערג**

---

דעם ליבן פריינד ז. בונין צו זיין 80 יאָריקן געבוירנטאָג.

לויט מפרשים האָט איר געמוזט האָבן אַ סך נאַטירלעכע איינגעבוירענע גבורה צו קאָנען דערגרייכן דעם עלטער. לייענט תהלים קאַפּיטל 90 און איר וועט ווערן נאָך שטאַרקער.

אייערע,

**קלאַראַ און יצחק טרייסטער**

---

ליבער און חשובער פריינד ז. בונין:

מיט די פּאָר שורות ווילן מיר זיך אַ יינשטעלן אין כאָר פון די אַלע באַגריסערס און וויל־ווינטשערס צו אייערן אַ בן שמונים. זאָל אייך מיט אייער ליבער יעטאַן מקויים ווערן די אַלע ברכות וואָס פריינד און נאָענטע טראָגן אייך אונטער ביי דער פריידיקער געלעגנהייט אויך מיט מיינע און צביהס ברכות, וואָס איר, אַ גוטהאַרציקער מענטש און פיינער דיכטער כאַרדינט.

אייערע,

**בנימין און צביה דעמבלין**

# אונדזערע אבידות

## הערי לאַנג ז״ל

ווידער אַ מאָל האָט דער טויט אַוועקגעריסן פון אונדז איינעם פון די שעפערישסטע מענטשן אין דער יידישער שרייבער־פראָפעסיע אין אַמעריקע. הערי (הערץ לייב) לאַנג, וואָס איז נאָענט צו צוויי צענדליק יאָר געווען אַ תושב אין לאָס אַנדזשעלעס איז געשטאָרבן נאָך אַ קורצער קראַנקייט דעם 22טן יוני, 1970, אין דעם מאַונט סיני שפיטאָל.

ה. לאַנג איז געווען אַ מענטש מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גייסטיקער ענערגיע. זיין הויפט־אינטערעס איז געווען די יידישע און אַלגעמיינע אַרבעטער באַוועגונג אין וועלכער ער איז געווען אַריינגעטאָן אַלס זשורנאַליסט זיין גאַנצן לעבן. אָבער זיין וואַרעמער אינטערעס אין יידישער קולטור און אין יידישן פאָלקס־לעבן האָט אים אָפט אַרויסגענומען פון די שמאָלע גרענעצן פון דער דער אַרבעטער באַוועגונג און אים אַרויסגעפירט אויפן ברייטן פעלד פון נאַציאָנאַלע פראָבלעמען און פון יידישן קיום איבער דער גאָרער וועלט.

זיין אייגנאַרטיקן דרך אין דער געזעלשאַפטלעכן לעבן — און הערי לאַנג איז געווען אייגנאַרטיק אפילו אין זיין שרייבערישן סטיל — איז געווען דאָס וואָס ער האָט באַוויזן צו שאַפן אַ סינטעז צווישן דער עטישער מאָראַל פון דער מוסר־לערע, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אַלס יונגער בחור אין דער באַרימטער ישיבה אין סלוצק, און די מאָראַלישע אַספיראַציעס פון דער אַרבעטער באַוועגונג. אין זיין אידעען־וועלט איז דער יידישער אַרבעטער אימיגראַנט, וואָס האָט גענומען בויען אַ יוניאָן כדי צו דערגרייכן קאָלעקטיוו אַ גרעסערע מאָס פון סאָציאַלער גערעכטיקייט אין דער נייער וועלט, געווען דער פאָרקעמפער פאַר סאָציאַלן יושר פאַר אַלע מענטשן.

דורך זיין אידעישער איינשטעלונג איז אים געלונגען צו קריגן אַ ווירקונג אויף יידישע אַרבעטער וואָס אַ סך פון זיי זיינען געווען ישיבה בחורים אין דער אַלטער היים; ער האָט מיט דער אויטאָריטעט פון אַ רעדאַקטאָר פון דער אַרבעטער אָפטיילונג אין „פאָרווערטס" באַקעמפט די מאָראַליש אומזויבערע עלעמענטן אין יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַ טייל פון זיי האָט באַוויזן אַרויפצוקלעטערן צו די סאַמע שפיצן אין דער אָנפירונג, און מיט זיין וואַרעמער באַציונג צו מענטשן בכלל האָט ער אין וואָרט און שריפט געקנעלט מיט יידישע אַרבעטער צו זיין חברים איינער צום אַנדערן.

הערי לאַנג האָט זיין גאַנצן לעבן זיך באַמיט צו שאַפן אַ גייסטיקע און אָרגאַניזאַציאָנעלע קרובהשאַפט צווישן די יידישע אימיגראַנטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס מיט דער פירערשאַפט פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג. דאָס איז אין די יאָרן פון דער יידישער מאַסן־אימיגראַציע און אין דער בראשית תקופה פון די יידישע יוניאָנס געווען ד יסאַמע נייטיקסטע זאַך אויף צו פאַרבעסערן זייערע אַרבעטס און לעבנס באַדינגונגען אין זייער נייער היים — אַמעריקע.

מען דאַרף געדענקען, אַז די מערסטע יידישע אימיגראַנטן פון מזרח־אייראָפע, וועלכע האָבן דאָ געגרינדעט די ערשטע יוניאָנס, זיינען געווען היימישע, קליינשטעטלדיקע בעלי־מלאכות. זיי האָבן זייער ווייניק געוווסט פון מאָדערנעם טרייד־יוניאָניזם. אַ טייל אימיגראַנטן, צווישן זיי יידישע אינטעלעקטואַלן, זיינען ערשט דאָ געוואָרן פיזישע אַרבעטער, נאָך דעם וו' זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אַ פאַך אין איינעם פון די נאָדל־אינדוסטריע שעפער. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידישער אימיגראַציע וואָס די מענטשן פון גייסט האָבן זיך ניט אָפגעטיילט פון דער אַלגעמיינער פאָלקסמאַסע נאָר צוזאַמען מיט איר מיטגעגאַנגען אויף



דעם שווערן וועג פון פיזישער פראַצע, צוזאַמען מיט איר געבויט די יוניאָנס, די ערשטע פראַטוירנאַלע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, די יידישע פרעסע, און צוזאַמען מיט איר אויסגעטראָטן אַן אייגענעם דרך אין דער נייער וועלט.

איינער פון זיי איז געווען הערי לאַנג. עס איז ממש צו באַוואונדערן מיט וועלכן אייפער אָט דער היימישער ישיבה בחור פון ליטע האָט גענומען לערנען די געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג און זיך באַקענען מיט אירע אידעאישע שטרעבונגען, באַלד ווי ער איז אין 1904, אין עלטער פון 16 יאָר, געקומען קיין אַמעריקע. אַ צופאַל האָט געוואָלט אַז ער זאָל ווערן אַ טאַפעטן־הענגער, וואָס איז איינע פון די בוי־פאַכן אין וועלכע עס זיינען גראַד ניט געווען קאָנצענטרירט אַ סך יידישע אימיגראַנטן. עס איז באַקאַנט למשל, אַז ה. לייוויק און אַנדערע יידישע שרייבער האָבן פאַרדינט זייער חיונה אין אָט דעם פאַך, אין זייערע ערשטע אימיגראַנטן־יאָרן.

אָבער הערי לאַנג איז באַלד אַריבער אין אַ יוניאָן פון דער נאָדל־אינדוסטריע, שוין ניט ווי אַן אַרבעטער נאָר ווי דער סעקרעטאַר פון לאָקאַל 62 פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן. ער האָט אגב שפעטער אָנגעשריבן די געשיכטע פון אָט דעם לאָקאַל וואָס די יוניאָן האָט פאַרעפנטלעכט אין אַ בוך. אויף איינע פון די פאַרזאַמלונגען פון דער יוניאָן האָט אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", מיט זיין שאַרפן חוש פאַר מענטשן, געמערקט לאַנגס פעיקייטן צו שילדערן סיטואַציעס און קאָנפליקטן אין דעם טרייד־יוניאָן לעבן. ווי הערי לאַנג האָט שפעטער דערציילט האָט אים אב. קאַהאַן פאָרגעלייגט צו ווערן אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס". אויף אַזאַ אופן איז דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן געוואָרן, אין 1917, דער לייבאָר־רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" און שפעטער איינער פון זיינע שעפערישסטע מיטאַרבעטערס.

אב. קאַהאַן, דערציילן די מענטשן וואָס האָבן אים נאָענט געקענט, פלעגט ביטער פאַרפאָלגן שרייבערס אויף וועלכע ער האָט געוואָרפן אַן אומחן. אָבער פונקט אַזוי און מיט דעם זעלביקן ברען האָט ער פאַרטיידיקט די מענטשן וואָס ער האָט ליב געהאַט. איינער פון אָט די מענטשן איז געווען הערי לאַנג. אַ סך פון אונדז געדענקען, אַז ווען לאַנג האָט פאַרעפנטלעכט זיינע באַריכטן פון אַ רייזע אין סאָוועט־רוסלאַנד איז דער רעאַקציאָנערער הוירסט פרעסע, אין די פריע דרייסיקער יאָרן, און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם אין דער „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאַן, אין אַרבעטער רינג און אַנדערע קרובהשע אָרגאַניזאַציעס, הלמאי אַ „פאָרווערטס" מיטאַרבעטער שרייבט אין די הוירסט־צייטונגען, האָט אב. קאַהאַן זיך איינגעשטעלט פאַר זיין מיטאַרבעטער און געהאָלפן איינשטילן דעם טומל.

דורכן „פאָרווערטס" איז ה. לאַנג באַקאַנט געוואָרן מיט די מערסטע פירנדיקע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט פראָמינענטע פירערס אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע און מעבר לים. ער האָט אויסגענוצט זיין השפעה אין דער אַרבעטער באַוועגונג, צו דערנענטערן ניט־יידישע אַרבעטער־פירערס צו יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס.

ה. לאַנג האָט אַ סך בייגעטראָגן צו שאַפן דעם מאָראַלישן קלימאַט אין וועלכן עס איז געווען מעגלעך, אַז די אָנפירונג פון צענטראַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע זאָלן אין די קריטישע מאָמענטן פון דער 2טער וועלט־מלחמה העלפן ראַטעווען אַ טייל פירער פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין פוילן, וועמען עס האָט געדראָט מיט טויט דורך די נאַצישע הענקערס און זיי ברענגען קיין אַמעריקע. שפעטער האָט זיך אָט די פאַרבינדונג אויסגעווירקט אין דער סימפאַטישער באַציונג פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג צו דעם אויפבוי פון דער יידישער מדינה.

* * *

אין 1962 האָט הערי לאַנג פאַרלוירן זיין נאָענטסטן קאַמף־שותף, זיין פרוי, די דינאַמישע לוסי, מיט וועלכער ער האָט צוזאַמען געפירט די קאַמפאַניעס פאַר דער באַפרייונג פון יודזשין וויקטאָר דעבס, טאָם מוני און וואָרען בילינגס און אַ צאָל אַנאַרכיסטן וואָס זיינען געווען פאַרמשפט

פאַר זייערע אַנטי־מלחמה אַקציעס אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

לוסיס פריצייטיקער טויט (זי האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך זכרונות: דער מאָרגן איז שיין, וואָס איז אַ ווערטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג), האָט איבערגעלאָזט אין הערצ האַרץ אַ ווייטאָגדיקן ווונד וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרהיילט. ער איז געבליבן אַליין. די לעצטע יאָרן האָט ער געוווינט מיט זיין טאָכטער נעמי, וואָס האָט אים אָפּגעהיטן און געצערטלט אויף זיין קראַנקן־בעט אין שפּיטאָל ביזן סוף פון זיין לעבן.

עס איז אַ ווייטאָג צו טראַכטן, אַז הערץ לייב לאַנג האָט ניט באַוויזן אַרויסצוגעבן זיינע צוויי בענד זכרונות: פיר דורות, וועלכע נעמען אַרום יידיש לעבן פון די לעצטע אַכציק יאָר. ער האָט אויף דעם ווערק געאַרבעט איבער פינף יאָר און אָנגעזאַמלט אַ שלל מיט מאַטעריאַל וועגן באַגעגענישן מיט פּערזענלעכקייטן און סיטואַציעס אין דער אַמעריקאַנער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג, אין דעם היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער יידישער מדינה.

לעצטן ווינטער איז ער געפלויגן קיין ניו־יאָרק צו פאַרענדיקן לייענען די לעצטע זייטלעך פון די צוויי זעקס הונדערט זייטיקע ביכער און עס איבערגעבן צום איינבינדער. אָבער עפּעס האָט ווידער פּאַסירט אַ מיכשול און זיין לעבנס־ווערק איז געבליבן ניט פאַרענדיקט.

ביי אַ מסיבה לכבוד דעם פּרעזידענט פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, ש. באָנטשעק, בעת ער איז געווען לעצטנס אויף אַ באַזוך אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט הערי לאַנג, משמעות פילנדיק זיין פיזישן צושטאַנד, געזאָגט: „איך האָב געטראַכט נאָך אַ מאָל צוזאַמענעמען מיינע נאָענטע פריינד און צוזאַמען אויסטרינקען אַ לחיים ... אפשר איז עס דאָס לעצטע מאָל.״

יאָ, דאָס איז טאַקע געווען די לעצטע מסיבה מיט אונדזער חבר און פריינד.
כבוד זיין אָנדענק.

**שמואל ווייס**

# שלמה האָכבערג ז״ל

י. ל. פרץ האָט קורץ פאַר זיין טויט, אין איינעם פון זיינע מאָמענטן וועלכע זיינען געגעבן צו גאָט־געבענטשטע גרויסע דיכטערס, ווען זיי קענען דערשפּירן דעם אייגענעם גורל און דערזען אויף יענער זייט פאַרהאַנג — געשריבן:

„זייט געזונט! טרוימען רופט מען ניט צוריק.
און פאַרהילכט, אַ קלאַנג ווערט ער מער ניט איבערקלינגען;
צוויי מאָל פליט דער זעלבער שאָטן ניט אַדורך.״

און אַז ס׳פאַרגייט אַ מענטשלעך לעבן ווערט ער מער ניט איבערגעלעבט. ווי ס׳שטייט אין אונדזערע ספרים: ווי אַ וואָלקן וואָס לאָזט זיך אויס, ווי אַ חלום וואָס פאַרפליט.

צוויי מאָל גייט דער זעלבער לעבן ניט אַדורך.

און גאָר טיף פילן מיר דעם פאַרגיין פון שלמה האָכבערגס לעבן, סיי פּערזענלעכן און סיי געזעלשאַפטלעכן. ער איז געווען אַ זייל פון יידישן קולטור־לעבן אין לאָס אַנגעלעס, ממש אַן אינסטאָלאַציע און זיין פּטירה האָט איבערגעלאָזט אַ בלויז און אַ פּוסטקייט, וואָס לאָזט זיך ניט אויספילן.

שלמה האָכבערג האָט געהערט צום יינגערן דור פּועלי־ציון אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג און איז מיט זיין אינטעליגענץ, אומרו און דראַנג צו מעשים גיך געשטיגן אין דער אָנפירערשאַפט פון די לינקע פּוע״צ, מיט וועלכע ער האָט זיך אידענטיפיצירט.

ער איז געקומען פון דער פאָלקס־אינטעליגענץ און פריער פון דער ישיבה און האָט אויך שפּעטער איינגעהאַלטן אין זיך יענעם נוסח מיט אַ סך פּיעטעט פאַר לומדות און טראַדיציע. ער האָט אויך איינגעהאַלטן אין זיך דורך אַלע יאָרן דעם גלויבן אפילו נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן דער פּראַקטישער טוער און געמוזט מאַכן פּשרות. ער איז פאַרבליבן אַ פּראַקטישער אידעאַליסט און אין דער פּראַקטישער אַרבעט האָט ער אַלע מאָל אַריינגעבראַכט גייסט און דערהייבונג. ער האָט אָנגעשטעקט מיט אמונה אין דער אַרבעט און איז געווען פריי פון ציניזם.



אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט ער אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַ גרויסן פאַרנעם. ער האָט ניט געהאַט קיין אויג פאַר קליינע השגהלעך און קליינע דערגרייכונגען. ער האָט אַלע מאָל געטראַכט און געפּלאַנט אין ברייטע לאַנד־ און אַ מאָל וועלט־פּראָבלעמען. זיינע געדאַנקען און פּלענער האָבן אַלע מאָל אַרומגענומען גרויסע שטחים פון יידישן קולטור־לעבן אומעטום.

שלמה האָכבערג איז צוליב זיין געזונט וואָס ער האָט פאַרלאָרן אַנטלויפנדיק פון די רוצחים, פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער לאָס אַנגעלעסער פּראָווינץ. ער האָט אָבער געהאַט אַלע פּאָטענצן צו זיין אַ פירער פון דער גאַנצער באַוועגונג, און וואָלט ער געלעבט אין ניו־יאָרק, וואָלט ער מיט זיין איניציאַטיוו און אידעאַליזם זיכער געווען צווישן די אָנפירנדיקע פּוע״צ חברים אין די שטאַטן, אַזוי ווי ער איז דאָס געווען אין בעלגיע פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

שלמה האָכבערג איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער רעדנער. אַ מאָל, איידער ער האָט צוליב זיין קראַנקייט פאַרלאָרן זיין שטימע, פלעגט ער מיט זיינע אויפטריטן ממש באַצויבערן זיינע צוהערערס. ער פלעגטריידן פריי, מיט אַ סאַמעטענער ווייכער שטימע, אפילו אָן נאָטיצן, און שטייענדיק אויף דער טריבונע איז ער געווען אַ מעיין המתגבר. זיינע רייד פלעגן וואַרעמען דאָס האַרץ און צערטלען, גלעטן די אויערן. זיי זיינען געווען דורכגעזאַפּט מיט ציטאַטן פון דיכטערס און מיט געדאַנקען און אינהאַלט פלעגט ער שפּרודלען.

ער איז געווען אַ פלייסיקער לייענער; האָט גוט באַנומען און פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געלייענט, ספּעציעל פּאָעזיע, און האָט דאָס געלייענטע איינגעהאַלטן מיט זיין פענאָמענאַלן זכרון. און פלעגט ער איבערלייענען עפּעס וואָס איז אים אַריין אין האַרצן, האָט ער דאָס געדענקט, און אין אַ געהעריקן מאָמענט דאָס אַרויסנעמען צום באַנוץ.

אָבער זיינע קולטור־־אינטערעסן האָבן זיך ניט באַגרענעצט מיט ליטעראַטור און יידיש קולטור. ער האָט געהאַט אַ געפיל און אַ פאַרשטענדעניש פאַר יעדער פאָרמע פון קונסט, און דאָס האָט באַרייכערט זיין לעבן.

אפשר דערפאַר איז ער געבליבן אַזוי יונג אין גייסט. אפילו אין די יאָרן ווען ער איז שוין געווען אַזוי קראַנק. ער האָט אָנגעהאַלטן זיין אינטערעס אין יונגע מענטשן און אויך קאָנטאַקט. אין אַ סך פאַלן האָט ער איבער זיי משפּיע געווען. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געפילט די אחריות אַז ער איז באַרופן צו זיין אַ מדריך.

ביי יידן זיינען דאָ די באַגריפן פון ניסתר און ניגלה. ניגלה איז וואָס מ׳קען מעסטן און דעפינירן; ניסתר קען מען ניט שאַצן און מעסטן, אָבער דווקא אין דעם דאַרף מען זוכן דעם מהות פון שלמה האָכבערגן.

זאָלן די פאָר ווערטער אויך זיין אַ טרייסט צו ביילקען, וועלכע האָט זיך ממש מוסר נפש געווען אים צו דערהאַלטן ביים לעבן די לעצטע עטלעכע יאָר.

**א. ר.**

---

מיר דריקן אויס אונדזער צער אויפן טויט פון אונדזער טייערן פריינד, מיטאַרבעטער פון „חשבון", טיפן דענקער, עסייאיסט, תנ״ך־פאָרשער און בעלעטריסט

## ד״ר שלמה סיימאָן ז״ל

**אונדזער טיפן מיטגעפיל צו פרוי לאה און אירע קינדער.**

**רעדאַקציע „חשבון"**

# ר׳ משה לייבמאַן און ר׳ חיים ראָטבלאַט ז״ל

צוויי גרויסע יידן, זעלטענע תלמידי־חכמים, זיינען אין יאָר תש״ל פון אונדז אַוועק אין דער אייביקייט. דאָס יידישע לאָס אַנדזשעלעס איז גייסטיק אָרעמער געוואָרן. ביידע האָבן מרביץ תורה געווען אין די היגע לערן־אנשטאַלטן. ביידע זיינען געווען מאַכטיקע זיילן אינעם געזעלשאַפטלעכן בנין פון דער יידישער קהילה. זיי האָבן געטריי געדינט דעם יידישן פאָלק און זיינע אידעאַלן.

דער ערשטער איז אַוועק „פּראָפעסאָר ליבמאַן". מיט דעם נאָמען איז ער אַלגעמיין געווען באַקאַנט. זיין אמתער נאָמען איז געווען: משה בן ר׳ יעקב לייבמאַן. זיין מוטערס נאָמען איז געווען: חנה איטע. ר׳ משה לייבמאַן איז געבוירן געוואָרן אין דער אוקריינע אין יאָר 1897. פון דער מוטערס צד האָט ר׳ משה געצויגן זיין יחוס ביז צו רש״י ז״ל. קיין אַמעריקע איז ער געקומען אין יאָר 1923. אין לאָס אַנדזשעלעס איז ער אָנגעקומען אין יאָר 1948.

דער צווייטער גרויסער נפטר איז געווען ר׳ חיים ראָטבלאַט. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1887 אין אַ קליין פּויליש שטעטל ביי אַ חסידישער משפּחה. געקומען קיין אַמעריקע אין 1921. אין לאָס אַנדזשעלעס זינט 1955.

גרויס איז די אבידה פאַר זייערע פאַמיליעס, נישט קלענער איז זי אָבער פאַר זייערע צאָלרייכע פריינד און פאַר דער יידישער קהילה אין לאָס אַנדזשעלעס. ר׳ משה און ר׳ חיים ז״ל זיינען געווען באַרימטע מחנכים און פון די אָנגעזעענסטע יידן אין שטאָט. ביידע האָבן גענומען אנטייל אין יידיש־קולטורעלן לעבן פון לאָס אַנדזשעלעס, ווו זיי האָבן געהאַלטן רעפעראַטן אין העברעיש און יידיש.

זייער השפּעה האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף ווייטע קרייזן און נישט געווען באַגרענעצט בלויז אויף זייערע תלמידים. ביידע זיינען געווען אויסגעצייכנטע אָראַטאָרן. מען האָט זיך געקוויקט מיט זייערע רייד, וואָס זיינען אַרויסגעפלאָסן פון די רייכע יידישע מקורות. זייער אינטעגראַלע יידישקייט האָבן זיי געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם אָפּט־אויסגעלאַכטן חינוך־סיסטעם פון חדר און ישיבה. אָט דער דאָזיקער חינוך האָט דאָס זיי געגעבן — ווי אויך די מייסטע יידישע קולטור־טוער — דעם פעסטן יסוד פאַר די יידיש־מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס זיי האָבן איינגעפלאַנצט אין זייערע אַמעריקאַנער תלמידים. אַ סך פון זייערע תלמידים זיינען אַקטיוו אין יידישע קהילות אין אַמעריקע ווי מנהיגים אין יידיש־קולטור־רעלע אונטערנעמונגען און אַ גרויסע צאָל פון זיי געפינט זיך אין מדינת ישראל, ווו זיי נעמען אנטייל אין בנין הארץ.

ביידע זיינען געווען טראַדיציאָנעלע יידן. ביידע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס אָפּהיטן פון די דינים ומנהגים איז דער יסוד פאַרן המשך פון אונדזער קיום ווי אַ באַזונדערע פאָלקס־גרופּע אין דעם אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ — און אָן זיי איז אונדזער קיום ווי אַ יידיש פאָלק אין דער גרעסטער סכנה. דערפאַר האָבן זיי זייער גאַנץ לעבן געווידמעט צו פאַרשטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין ביי זייערע תלמידים און צוהערערס לערנענדיק זיי צו שעצן אונדזערע נאַציאָנאַלע גייסטיקע אוצרות און אונדזערע צוויי יידישע שפּראַכן. דער פּראָצעס פון ביידנס גייסטיקער אַנטוויקלונג איז געווען דער זעלבער: צוערשט די יידישע אַטמאָספערע אין דער היים, תורה און יידישקייט אין חדר און ישיבה, און ערשט שפּעטער, אַלגעמיינע בילדונג און וועלטלעכע קולטור. די מעטאָדן אָבער, וואָס זיי האָבן באַנוצט ביים לערנען און דערציען תלמידים זיינען געווען פאַרשיידן — אַ רעזולטאַט פון דער פאַרשיידנקייט פון זייערע כאַראַקטערס: משה לייבמאַן, אַ זון פון אַ טאַטן אַ משכיל און אַ זיידן אַ תלמיד־חכם, פון וועמען ער האָט געלערנט תורה — און אַ מאָדערנער געלערנטער מוטער — איז געווען אַ נוח לבריות. ער האָט נישט מדקדק געווען מיט זיינע תלמידים און אויך נישט מיט זיינע פריינד, כחוט השערה. ער האָט ביי קיינעם נישט בודק געווען די ציצית.



אָט די שטריכן האָבן גורם געווען זיין באַליבטקייט ביי די מאַסן. דער מאמר אין פּרקי־אָבות, פּ״ג, פּאַסט גאָר גוט אויף ר׳ משהן ז״ל: „כל שרוח הבריות נוחה הימנו, רוח המקום נוחה הימנו." דער וואָס לייט זיינען צופרידן מיט אים, איז גאָט אויך צופרידן מיט אים (יהואָש). זיין השפּעה אויף פריינד און סתם יידן איז געווען גאָר גרויס און מען האָט אים אומעטום צוגעטיילט פיל כבוד.

ר׳ חיים ראָטבלאַטס פאָטער איז געווען אַ שאַרפער חסיד און אַ קנאַפּער גביר. גאַנץ יונג איז חיים אַוועק פון דער היים אין די ישיבות, ווו ער האָט זיך דערנערט „טעג". אָפּט האָט אויסגעפעלט אַ „טאָג" אין דער וואָך און אַ מאָל אפילו צוויי „טעג". ס׳קען גרייליך מעגלעך זיין, אַז פון דעם נישט נאָרמאַלן לעבנס־שטייגער האָבן זיך ביי ר׳ חיימען אַנטוויקלט אַ טייל קראַנקייטן, פון וועלכע ער האָט געליטן זיין גאַנץ לעבן.

אין די ישיבות האָט ער זיך דערוואָרבן אַ טיפע קענטעניש פון אונדזערע אַלטע קולטור־אוצרות. אין קעגנזאַץ צו משה לייבמאַנען, וואָס האָט זיין אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין אַ נאָרמאַלער רוסישער גימנאַזיע, האָט חיים ראָטבלאַט זיך דערוואָרבן זיינע אַלגעמיינע קולטור קענטעניט ווי אַן אויטאָדידאַקט. מעגלעך, אַז אָט די סיבות האָבן גורם געווען וואָס ר׳ חיים איז באַטראַכט געוואָרן פון זיינע תלמידים ווי אַ שטרענגער לערער. ער האָט פון זיי פאַרלאַנגט די זעלבע אָנשטרענגונג צו דערלאַנגען שלימות, וואָס ער האָט געפאָדערט פון זיך אַליין. דאָס האָט אָבער נישט געמינערט פון דער פאַרערונג פון זייער גרויסן לערער.

ר׳ חיים ראָטבלאַט האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ ליטעראַרישע ירושה פון צוויי ספרים, איינס — „פּכים קטנים", אין העברעיש, דערשינען אין 1966, און אַ צווייטס אין יידיש, „פון אונדזער קוואַל", אין 1967. ביידע ספרים זיינען אַ וויכטיקער צושטייער צו אונדזער נאַציאָנאַלן ליטעראַטור־אוצר.

אַחוץ דעם האָט ער נאָך מיט אַ היפּשער צאָל יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן אַ כרעסטאָמאַטיע אין צוויי בענד, „הספרות והחיים", וואָס ווערט נאָך עד היום פיל גענוצט אין העברעישע מיטלשולן.

די פּטירה פון די צוויי טייערע גרויסע יידן, תלמידי חכמים און פּעדאַגאָגן, וואָס לעבן אין אַ דור פון גרויסער אַנטשיידיקונג פאַרן גורל פון דער יידישער אומה — איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק און באַזונדערס פאַר זייערע פאַמיליעס. מיר זיינען זיכער אַז זייערע נעמען וועלן געדענקט ווערן מיט יראת הכבוד פון זיירע תלמידים און פריינד לאַנגע, לאַנגע יאָרן. — זאָלן די ווערטער זיין אַ קליינע נחמה פאַר ליבמאַנס טאָכטער אַניטאַ, איר מאַן אַברהם וואַסערמאַן און זייערע קינדער. צו דער ליבער און קלוגער פרוי דבורה ראָטבלאַט, וואָס שטאַמט פון גרויסן יידישן יחוס, און אירע קינדער, זאָגן מיר דעם טראַדיציאָנעלן: המקום ינחם אתכם תוך שארי אבלי ציון וירושלים.

מיר, די פריינד פון די צוויי גרויסע נפטרים, וועלן תמיד מיט ליבע און גרויס אָפּשיי געדענקען די אנשי השם: ר׳ משה לייבמאַן און ר׳ חיים ראָטבלאַט ז״ל.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

זאב סאַלעס

יצחק רייזמאַן / צפת, ישראל

# פראָפ׳ ב. מאַרק

## (אַ דערמאָנונג צו זיין 4טן יאָרצייט)

היינט צו טאָג, ווען דער חורבן פון יידישן לעבן אין פוילן איז כמעט ווי קאָמפלעט, איז כדאי אומצוקערן זיך צו די חלומות פון די געציילטע ערלעכע יידישע קולטור־מענטשן, וועלכע האָבן געהאָפט צוריק אויפצובויען כאָטש אַ טייל פון דער גרויסער קולטור־ירושה פון פוילישן יידנטום; פאַרפיקסירן, אויף ווי ווייט מעגלעך, אין שריפט די גלאָריע פון טויזנט יאָר יידישע קולטור אויף פוילישער ערד. דער עמוד האש צווישן די דאָזיקע איז אָן ספק געווען פראָפ׳ מאַרק.

מיר געדענקען אַלע זייער גוט ווי עס האָט זיך גערודערט צווישן די יידישע קאָמוניסטישע נאָכלויפערס, וועגן צוריק אויפבויען די יידישע קולטור־ווערטן אין „נייעם פוילן.“ עס איז בכלל ניט נייטיק צוצוגעבן אַ וואָסערן עס איז פירוש צום פינאַל פון דאָזיקן „חלום“. אָבער דערמאָנענדיק זיך וועגן יענער צייט, באַקומט דער אָנדענק פון פראָפ׳ מאַרק און זיינע אויפטוען אויף פאַרשיידענע געביטן, גאָר אַן אַנדער מיין און באַדייטונג.

דער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע, די פאַרשיידענע אַרבעטן פון פראָפ׳ מאַרק אויף געשיכטלעכע טעמעס, ליגן איצט ווי פאַרוואָרלאָזטע יתומים אין אַש פון אָפגענאַרטע חלומות פון פוילישן יידנטום און ווער ווייסט אויב זיי וועלן נאָך ווען עס איז זיין פון וואָסער באַדייטונג פאַר דער יידישער קולטור און דער געשיכטע פון יידישן פאָלק בכלל.

* * *

זאָל אונדז דאָ דערלויבט זיין צו דערציילן אייניקע פערזענלעכע זכרונות פון דעם בריוו־אויסטויש, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן מיט פראָפ׳ מאַרק.

עס איז נאָכן סוף פון דער וועלט־שחיטה. יידן האָבן זיך ווי עס איז אָנגעהויבן איינפונדעווען אין נייעם פוילן. אַלע שופרות פון פראָפאַגאַנדע האָבן געליאַרעמט וועגן יידישן קולטור־פאַרבאַנד, יידיש טעאַטער, יידישע צייטונגען, ביכער פאַרלאַג און, אַלס קרוין פון אָט־די אַלע קולטור־טעטיקייטן, איז אָנגעוויזן געוואָרן מיט שטאָלץ אויפן היסטאָרישן אינסטיטוט מיט זיינע צענדליקער מיטאַרבעטערס אויף פאַרשיידענע געביטן, אונטער דער אָנפירונג פון פראָפ׳ ב. מאַרק. מען מוז מודה זיין, אַז עס איז פאַקטיש געווען מיט וואָס צו שטאָלצירן.

אַ געוויסן טאָג האָט דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין זיך צעזונגען אין „אידישן קעמפער“ דעם הלל הגדול וועגן אַ ניי בוך לידער, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון אַ יידישן פאָעט אין פוילן. היות ווי דער פאַמיליען־נאָמען פון דאָזיקן פאָעט איז ווי אונדזערער — אליהו רייזמאַן — האָבן מיר געזוכט אַ וועג זיך צו פאַרבינדן מיט אים און עס איז אונדז איינגעפאַלן זיך ווענדן צו פראָפ׳ מאַרק. אויף אונדזער לאַקאָניש און פאָרמעל בריוול האָבן מיר באַקומען פון פראָפ׳ מאַרק אַ זייער פריינדלעכן בריוו, אין וועלכן ער שרייבט אונדז וועגן אליהו רייזמאַן, וועלכער איז אויך זיינס אַ נאָענטער פריינד.

נאָך אונדזער פאַרבינדן זיך מיט אונדזער קרוב, אליהו, האָבן מיר כמעט תמיד אויך זיך דורכגעשריבן מיט פראָפ׳ מאַרק, עפעס ווי אַ דריי־איינִיקייט האָט זיך געשאַפן צווישן אונדז און ווען מיר האָבן איין מאָל געשיקט אונדזער קרוב אויסשניטן פון צייטונגען, ווו מיר האָבן געהאַט פאַרעפנטלעכט היסטאָרישע עסייען וועגן דער געשיכטע פון יידן אין פאָרטוגאַל און בראַזיל, האָט פראָפ׳ מאַרק אונדז פאַרבעטן צו שיקן אַזעלכע עסייען צום פאַרעפנטלעכן אין די שריפטן פון היסטאָרישן אינסטיטוט, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט.

עס איז אונדז אפילו אין אָנהייב אפילו געווען ניט אין גאַנצן קלאָר צי דער היסטאָרישער אינסטיטוט האָט אינטערעס



פאַר געשיכטלעכע טעמעס אויסער פוילן, אָדער אייראָפע. אָבער פראָפ׳ מאַרק האָט מיר אויף מיין וווּנדערן זיך אָנגעוויזן, אַז נאָך ביים אָנהייב פון היסטאָרישן אינסטיטוט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט וועגן שמואל אושקי׳ס פאָרטוגעזישן ספר „קאָנסאָלאַסאָן אַס טריבולאַסאָנעס דע איזראַעל“ (טרייסט צו די ליידן פון ישראל) וואָס ער האָט אָפגעזוכט אין איינעם פון די ביבליאָטעקן אין סאָוועטן פאַרבאַנד.

די אַרגומענטאַציע פון פראָפ׳ מאַרק איז געווען, אַז יידיש פאָלק, יידישע געשיכטע און זיין רייכע קולטור פון דורות איז ניט צעטיילבאַר און מיר מוזן אויך אין אונדזער פאַל ממשיך זיין צו שפינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונדזער גלאָררייכן עבר.

קעגן אַזאַ אַרגומענטירן איז אונדז ניט געבליבן וואָס אויסצוזעצן און מיר האָבן אים געשיקט אַן עסיי וועגן „יידישע קהילות אין בראַזיל אין 16טן י״ה“. די דאָזיקע עסיי איז דערשינען פראָמינענט אין דער שריפט פון היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע און צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע עסייען וועגן יידישן עבר אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן איז דער מאַטעריאַל געווען אַ בולטער באַווייז אויף דער גייסטיקער ריכטליניע וואָס פראָפ׳ מאַרק האָט געגעבן די געשיכטלעכע פאָרשאַרבעטן אין ז י י ן אינסטיטוט.

* * *

מיט אייניקע יאָר צוריק, ניט לאַנג פאַר זיין טויט, ווען ער איז שוין געווען כמעט אומפעיק צו אַרבעטן צוליב זיין שלעכטער ראיה, האָט אים באַזוכט אין וואַרשע איינער פון די פירערס פון פועלי ציון אין אַמעריקע, חבר ז. באַומגאָלד, וועלכער האָט נאָך דעם אין „אידישן קעמפער“ זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן וועגן יידישן לעבן אין פוילן בכלל, וועגן היסטאָרישן אינסטיטוט, וועלכן ער האָט באַזוכט, און ספעציעל וועגן פראָפ׳ מאַרק, מיט וועמען ער האָט געשמועסט גאַנץ אָפנהאַרציק און אויספירלעך וועגן די אויסזיכטן פאַר יידן אין „נייעם פוילן.“ דער סך־הכל זיינער איז געווען זייער אַ טרויעריקער, אָבער אונדז אינטערעסירט אין דעם פאַל זיין זייער טרעפלעכע אָפשאַצונג וועגן פראָפ׳ מאַרק — תינוק שנשבה בין העכו״ם . . .

דאָס גרויסע, איידעלע האַרץ פון יידישן היסטאָריקער פראָפ׳ מאַרק האָט פאָרויסגעפילט דעם חורבן, און דערמיט דעם סוף פון טויזנט יאָריקער יידישער שעפערישקייט אויף דער פוילישער ערד, און איז געפלאַצט פאַר ווייטיק.

* * *

עס וואָלט געווען אַ גרויסער יושר די פרייע וועלט זאָל אָפזוכן זיינע פיינע געשיכטלעכע אַרבעטן, זיי אַרויסגעבן אין אַ ספעציעלן באַנד און אַזויערנאָך פאַראייביקן זיין אָנדענק און ראַטעווען זיינע שאַפונגען פון שיכחה.

# „חשבון" ביים פינף און צוואַנציקסטן יאָרגאַנג

„חשבון", באַזונדערס אין די לעצטע עטלעכע יאָר, פירט מיט זיך אַליין אַ חשבון — דעם חשבון פון ווערטיקן יידישן וואָרט. דערפאַר טאַקע שטרענגט זיך אָן די רע־דאַקציע אויסצומיידן צו באַנוצן זיך מיט סתם אין־דער־וועלט־אַריין־מאַטעריאַל, וואָס ווערט אונדז אַריינגעשיקט. מיר באַ־מיען זיך אויסצוקלייבן, לויט אונדזערע באַדינגונגען, דאָס ליטעראַריש ווערטיקע, דאָס גוטע, ריינע און בעסטע, בכדי דאָס צוצוטראָגן צום לייענער. און דאָס איז ניט אַזוי גרינג.

אין די די היגע זייער שווערע באַדינ־גונגען קלאַמערן מיר זיך מיט אַלע כוחות אָן דעם ווערט פון יידיש. „חשבון" שטרענגט זיך אָן מיט אַלע מיטלען ניט נאָר איינצוזאַמלען דאָס ביסל שעפעריש־קייט וואָס איז שוין דאָ אויסגעשפּראָצט, נייערט אויך צו געבן דעם שטויס פאַר נייע שאַפונגען.

מיטן קומענדיקן נומער וועט ווערן 25 יאָר ווי "חשבון" האַלט אָן די דאָזיקע פּאָזיציע אויף דעם קליינעם שטח וואָס ער האָט פאַרנומען אויף דער יידישער גאַס. און מיר, אין דער איצטיקער רע־דאַקציע, גלוסטן אויסצוברייטערן און פאַרטיפן דעם אינהאַלט פון דעם זשורנאַל. אָבער, צום באַדויערן, באַגעגענען מיר שוועריקייטן, שטערונגען און שטרויכלונ־גען אויף אונדזער וועג — באַזונדערס אויפן פינאַנציעלן געביט — וואָס מאַכט אונדז אָפט מאָל אָפּהענגיק און פּעסימיסטיש.

די ממשותדיקע פינאַנציעלע תמיכה, וואָס „חשבון" האָט ביז איצט געקראָגן פון אַ באַשטימטן קוואַל, האָט זיך, צום באַדויערן, פיל פאַרקלענערט, און די זיי־טיקע הילף, וואָס אונדזערע פריינד שטרענגען זיך אָן אַריינצוקריגן, איז לעת־עתה אַזאַ מיזערנע, אַז די לאַגע ווערט קריטיש ביז גאָר. שווער צו קומען מיט יידיש אין לאָס אַנדזשעלעסער יידישע הייזער — זייערע טירן עפענען זיך ניט ברייט, אָדער אין גאַנצן ניט. אפילו די וואָס האָבן אָנגעהאַנגען אויף זייערע ביי־שטידלען כשרע מזוזות, בלאָזט אויך פון זיי אַ קאַלטער ווינט. צו „גיין איבער די הייזער" איז פאַר יידיש בכלל אַ דעגראַ־דאַציע. עס פאַרשוועכט דעם כבוד פון שעפערישן וואָרט, וואָס וויל, און האָט ניט די מיטלען, צו קומען צום אויסדרוק. און צו דאַרפן אָנקלאַפּן אין טירן, וואָס ווילן זיך ניט עפענען, איז נאָך מער פחיתות הכבוד. דאָס עצם וואָרט ווערט דורך דעם פאַרשוועכט און דערנידעריקט.

מיר ווענדן זיך צו די ברייטע שיכטן פון די היגע קולטור־מענטשן צו פירן מיט „חשבון" אַ חשבון: דערלאָזט ניט איינצוקאַסירן פאַר די 25 יאָרגענג פון „חשבון" אַ חלק עולם הבא אין גן־עדן פון יידיש־אייביקייט! באַשטייט אויף דעם אַז שעפערישע אָפּשפּאָרענישן זאָלן דער־מעגלעכט ווערן אויך אויף להבא!

מיט אייער הילף, ליבע פריינד פון יידיש, וועט „חשבון" קענען ווייטער לעבן, שאַפן און געדייען, און ברענגען דאָס ווערטיקע וואָרט צו די יידישע היימען אין קאַליפאָרניע און ווייטער נאָך.

* * * * *

דער קומענדיקער נומער „חשבון", וואָס ווערט געגרייט ווי אַ 25־יאָריקער יובילײ־נומער, וועט רעדאַקציאָנעל זיין זייער רייך אין אינהאַלט.

אָבער וואָס שייך פינאַנציעל איז עס אָפּהענגיק פון אייך, פריינד פון יידישן וואָרט. לעת עתה איז אונדזער קאַסע ליי־דיק, און בכדי „חשבון" זאָל ווייטער קע־נען דערשיינען, אַפּעלירן מיר צו אייך:

שיקט אונדז אַריין אייער באַגריסונג פאַר אָט־דעם יובל־נומער. און דערביי בעטן מיר אייך: זאָל אייער געהעריקע ביי־שטייערונג זיין די מאַקסימאַלסטע!

און אויך בעטן מיר אייך: זאָל אייער איצטיקעביישטייערונג ניט זיין קיין איינ־מאָליקע — זאָל זי זיין אַ יערלעכע קאָנ־טריבוציע בכדי „חשבון" זאָל קענען עק־זיסטירן אויך אויף להבא.

מיר האָבן ביז איצט קיין מאָל עפנטלעך ניט געווענדט זיך פאַר תמיכה צום „חשבון". מיר ווילן האָפן, אַז אונדזער איצטיקע ווענדונג פאַר תמיכה וועט ניט זיין קיין קול קורא במדבר און איר, פריינד פון יידיש, וועט מיט אייערע יערלעכע ביישטייערונגען פאַרזיכערן דעם קיום פונעם זשורנאַל אויף להבא.

# 44־טער יאָר טעטיקייט

פון

# לאָס אַנגעלעסטער
# יידישער קולטור קלוב

„אַ קולטור־צענטער פאַרן יידישן מענטשן אין אַ יידישער סביבה"

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

**4213 מאָנראָו גאַס**

**לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע**

תשרי, תשל״א • אָקטאָבער, 1970



**LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB**

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angeles, Calif. 90029

NOrmandy 4-9325

**זלמן זילבערצווייג**

# אַ פּרוכפּעריקער זמן מיט אַ גרויסן פּראָבלעם

דער היגער יידישער קולטור־קלוב, וואָס איז אַ יחיד במינו איבערן גאַנצן לאַנד, קאָן דעם פאַרגאַנגענעם זמן באַטראַכטן מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט, וואָרעם ער איז גייסטיק בשום אופן ניט אָפּגעשטאַנען פון די פריערדיקע. גייסטיק מיינט זיינע אַקטיוויטעטן, סיי פון די שבת־נאַכטיקע עפנטלעכע אונטערנעמונגען און סיי מיט זיין ביבליאָטעק, וואָס ווערט כסדר פאַרשטאַרקט מיט די נייעסטע ביכער פון דער יידישער ליטעראַטור. אמת, אַז סיי די צאָל באַזוכערס פון די אונטערנעמונגען, אַזוי ווי די צאָל לייענערס ווערט ניט פאַרגרעסערט, הגם דער היגער יידישער ישוב האַלט זיך אין איין פאַרמערן, און וועגן די סיבות וועט אַ ביסל ווייטער אָנגעוויזן ווערן. אָבער דער פאַקט, אַז טראָץ די אַלע מניעות און אויך דאָס וואָס די צאָל אַקטיווע עסקנים אַרום קלוב ווערט אויך געמינערט, גאַנץ באַזונדערס מיטן אַוועקגיין אין לעצטן זמן פון אַזעלכע 2 וויכטיקע מיטהעלפערס ווי מאיר לעדערמאַן און מאָרים ווינאַרסקי, גייט די אַרבעט אָן נאָרמאַל, איז שוין אַ פּלוס.

אויסרעכענען די צאָל פון די עפנטלעכע אונטערנעמונגען און זיך אָפּשטעלן באַזונדערס אויף זייער אינהאַלט און כאַראַקטער, געהער צו אַן אַנדערן אָפּטייל, צום אַלגעמיינעם דין־וחשבון פון קלוב. אָבער עס לוינט כאָטש אָנצומערקן, אַז דער אינהאַלט פון די עפנטלעכע אונטערנעמונגען נעמט אַרום פאַרשיידענע אַספּעקטן פון יידישן לעבן, און אַז עס זיינען געגעבן געוואָרן מעגלעכקייטן די פאַרשיידענע געסט־לעקטאָרן אויפצוטרעטן פאַר די ל. א. יידן, פּונקט ווי פאַרשיידענע קינסטלערס, אָרטיקע און געסט, האָבן אויך געהאַט די געלעגנהייטן צו פּרעזענטירן זיך פאַרן היגן יידישן עולם.

אָבער די גאַנצע צייט, און דאָס האָט זיך ניט אָנגעהויבן דווקא לעצטן זמן, נאָר ציט זיך שוין אַזוי עטלעכע יאָר, הענגט אַ דאַמאָקלעס שווערד איבערן קלוב. די געגנט אין וועלכע דער קלוב געפינט זיך, איז מחוץ די יידישע קוואַרטאַלן. אמת, אַז מען קאָן היינט לאַנג ניט זיכער זיין מכוח אַ יידישן ישוב אין קיין שום געגנט. אָט בויט זיך אויף אַ יידישער ישוב און איידער ער אַנטוויקלט זיך ממש, הייבט זיך שוין אָן אַן עמיגראַציע אין אַן אַנדער געגנט צוליב די ספּעציפישע אַמעריקאַנער באַדינגונגען. אָבער די געגנט ווו דער קלוב געפינט זיך די לעצטע יאָרן, איז אָן שום ספק אַן אויסגעשפּילטער וואָס שייך יידישן ישוב. קאָן מען אויף דער אַרומיקער יידישער באַפעלקערונג לחלוטין ניט רעכענען, ווערט מען אָנגעוואָרן בלויז אויף געקומענע פון אַנדערע געגנטן, און דאָ הייבט זיך אָן דאָס פּראָבלעם פון טראַנספּאָרטאַציע. קיין פּאַסיקע באַס־טראַנספּאָרציע איז צום קלוב אויך ניטאָ, ווערט מען אָפּהענגיק פון פּריוואַטער טראַנספּאָרטאַציע. קלאָר גערעדט, היימישע „בעלי־עגלות" אַזעלכע, וואָס פאָרן אַליין צו די אונטערנעמונגען און קאָנען אין זייערע קאַרס מיטנעמען עטלעכע נאָענטע אָדער אַפילו ווייטערע שכנים.



און אויב עס פּאַסירט אַ פאַל, אַז אַזאַ איינער קאָן אַליין גראָד ניט פאָרן אַ געוויסן שבת־אָוונט, פעלט ניט בלויז דער פאָרער אַליין, נאָר אויך די מיטפאָרערס. ביי דער ניט־איבעריק גרויסער צאָל קלוב־מיטגלידער אָדער באַזוכערס זעט זיך דאָס שטאַרק אָן. מען קאָן אויך ניט פאַרמאַכן די אויגן אויפן פאַקט, אַז היות ווי די מיטגלידער באַשטייען על פּי רוב פון אַן עלטערן עלעמענט, איז דאָרט דער מלאך־המות אַן אָפטער גאַסט, אָדער ער שיקט פריער צו פאַרשיידענע קראַנקהייטן, וואָס שניידן די צאָל באַזוכערס.

מילא, קעגן לעצטן קאָן מען זיך ניט העלפן. גרעסערע און וויכטיקערע אינסטיטוציעס האָבן ניט קיין תרופות דערצו. אָבער דאָס ערשטע פּראָבלעם, דאָס לאָקאַל פון קלוב, קאָן יאָ געלייזט ווערן, הגם ניט אַזוי לייכט. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס וועט זיך אָנשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן, וואָרעם פּונקט אַזוי לייכט ווי עס איז צו פאַרקויפן דעם איצטיקן בנין, אַזוי שווער איז צו קויפן אַ נייעם בנין אָדער אַפילו דינגען אַזאַ בנין, וואָס זאָל קאָנען דינען פאַר ביידע צוועקן: פאַר די אונטערנעמונגען פון קלוב און פאַר דער גרויסער ביבליאָטעק. אָט דאָס פּראָבלעם שטייט איצט אויף דער טאָג־אָרדענונג פאַר דער נייער פאַרוואַלטונג, און אויב עס וועט איר געלונגען דאָס צו לייזן, קאָן אַמאָל אַריינקומען אַ נייע אויפלעבונג אין ל. א. יידישן קולטור קלוב.

# לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

**באַאַמטע פאַר דעם 44טן זמן, 1969־1970**

זלמן זילבערצווייג, פּרעזידענט
תנחום ברייס,
שמואל ווייס,
אַלעקס ראבין —
וויצע־פּרעזידענטן

סעם לעווין, פינאַנץ סעקרעטאַר
שמואל אָדעס, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר
מאָריס ווינאַרסקי, קאַסירער
בלומע שטיינבערג, קאָר. סעקרעטאַר
יוסף טילעס, פּובליסיטי סעקרעטאַר
נתן אזאַלין, ביבליאָטעקאַר

ישראל גאָלד, געהילף־ביבליאָטעקאַר
מאַניע פאַרבער און יוסף ליוואַק
הויז־פאַרוואַלטערס

קולטור־ראַט:
שמואל ברייניין, י. ש. טויבעס
און אריה פאַזי

רעדאַקציע פון „חשבון"
אריה פאָזי, רעדאַקטאָר
ז. בונין, סעקרעטאַר
שמואל ווייס, מיטרעדאַקטאָר
שמואל סיגל און אַלעקס ראָבין
קאָנסולטאַנטן

## שאול אַדעס

# רשימה פון די ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־אָונטן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב פאַר דעם 44־טן זמן — 1969־1970

א) 25טן אָקטאָבער — דערעפענונג פון נייעם זמן. תנחום ברייס, פּאָרזיצער. אַ פאָרלעזונג פון חיים אָסטראָווסקי און רעציטאַציעס פון איזאַבעל קאַץ און רעגינאַ ראָטמאַן. באַגריסונגען: שמואל ווייס, אין נאָמען פון אַרבעטער רינג; יצחק גיומאַן, אין נאָמען פון פאַרבאַנד, און פינטשע בערמאַן, אין נאָמען פון קדישן שרייבער־קרייז און „חשבון".

ב) 1טער נאָוועמבער — סערגיי נוטקעוויטש, רעפעראַט וועגן יוסף אָפּאַטאָשו. פאָרלעזונגען פון אָפּאַטאָשוס דערציילונגען פון דעם מחברס זון דוד אָפּאַטאָשו און פון דעם שוישפּילער יצחק ראָטבלום.

ג) 8טער נאָוועמבער — פּראָפ. משה ליבמאַן ע"ה האַלט אַ רעפעראַט וועגן ש. י. עגנון און זיינע שאַפונגען.

ד) 15טן נאָוועמבער — אַ מוזיקאַלישער אָוונט: ל. מאַלאַמוד, קאָנצערטינע און אויסטייטשונגען פון זלמן זילבערצווייג.

ה) 22טער נאָוועמבער — פּראָפ. בערל גאָלאָמב האַלט אַ רעפעראַט, אילוסטרירט מיט בילדער, אויף דער טעמע: „אַ בליק אויף דער אַלטער וועלט." אין מוזיקאַלישן אָפּטייל: געזאַנג און אייגענע פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון מלכה שאָר.

ו) 29טער נאָוועמבער — פייערונג פון יידישן בוך־וואָך: אַ סימפּאָזיום וועגן יידישער ליטעראַטור מיט דעם אָנטייל פון מלכה חפץ טוזמאַן, אַריה פּאָזי און הערי לאַנג ע"ה.

ז) דעצעמבער 6 — דער דיכטער י. אַ. ראָנטש רעפערירט וועגן מאַרק שאַגאַל.

ח) דעצעמבער 13 — אַ חנוכה אָוונט. אַ רעפעראַט פון דעם פּאָעט משה שקליאַר אויף דער טעמע: „די יידישע ליטעראַטור אין שאָטן פון קאָמוניזם."

ט) דעצעמבער 20 — יעקב בעקער, אַ גאַסט פון ישראל, רעפערירט וועגן דעם אַלגעמיינעם מצב אין אונדזער יידישער מדינה.

— 1970 —

י) יאַנואַר 10 — אַלעקס ראָבין גיט אָפּ אַן אַלזייטיקן באַריכט וועגן דעם אַל־וועלטלעכן צוזאַמענפאָר אין ניו־יאָרק פון יידישן קולטור־קאָנגרעס. אַלעקס ראָבין איז צום צוזאַמענפאָר דעלעגירט געוואָרן פון קולטור־קלוב און אַנדערע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנגעלעס.

יא) יאַנואַר 17 — אַ מוזיקאַלישער אָוונט: אירווינג קאַץ, פידל; אַלעקסאַנדער רייזמאַן, טשעלאָ; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ.

יב) יאַנואַר 31 — דער שוישפּילער ברוך לומעט: אַ רעפעראַט אין שייכות מיט יידישער ליטעראַרישער שעפערישקייט.

יג) פעברואַר 7 — אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישער פּראָגראַם דורכגעפירט פון די שוישפּילערס מאַקסים בראָדין און זעלדע זלאטין.

יד) פעברואַר 21 — אַ סימפּאָזיום מיט אברהם גאָלאָמב, ד"ר מנחם נאור און זלמן שלאָסער, אויף דער טעמע: „ווער איז אַ ייד?"

טו) מערץ 7 — אַ רעפעראַט פון ד"ר מנחם נאור אויף דער טעמע: „די יידן אין מצרים."

טז) מערץ 21 — אַ פּורים פּראָגראַם דורכגעפירט פון דעם קינסטלער חיים אָסטראָווסקי, מיט פאָרלעזונגען פון שולם עליכם און פון זיינע אייגענע פּאַרפּאַסטע קאָמפּאָזיציעס און הומאָרעסקעס.

יז) מערץ 28 — אַ מוזיקאַליש־ליטעראַרישער פּראָגראַם דורכגעפירט פון דער קינסטלערין קאַטאַלינאַ לעוויטאַן.

יח) אַפּריל 4 — די אַרטיסטן אָסקאַר מעקלער און זיין טאָכטער מאַני מעקלער אין אַ מוזיקאַלישן פּראָגראַם.

יט) אַפּריל 11 — אַ פאַרטראָג פון זלמן זילבערצווייג אויף דער טעמע: „פינף עפּאָכעס אין יידישן לעבן." געזאַנג און אייגענע פּיאַנאָ באַגלייטונג פון מלכה שאָר.



כ) אַפּריל 18 — אַן אָוונט געווידמעט דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. גאַסט־רעדנער — נייטען גראָוויטץ, מיט רעציטאַציעס פון צילי סילווער.

כא) אַפּריל 25 — רעפעראַט פון יהודה וואָלפסאָן אויף דער טעמע: „פּסח אין דער יידישער געשיכטע." געזאַנג פון וואַרדי קאַפּעלאַ.

כב) מאַי 9 — דער דיכטער חיים לייב פוקס, אַ גאַסט פון ניו־יאָרק, רעפערירט אויף דער טעמע: וואָכעדיקייט און הייליקייט אין מדינת ישראל."

כג) מאַי 16 — יום העצמאות פייערונג. סערגיי נוטקעוויטש רעפערירט וועגן זיינע איינדרוקן בעת זיין באַזוך אין ישראל. מוזיקאַלישער פּראָגראַם פון שענאָן געלסין אויף דער פּיאַנאָ.

כד) מאַי 25 — פאַרטראַג פון י. ש. טויבעס וועגן יידישן לעבן אין איצטיקן דייטשלאַנד. רעציטאַציעס פון דעם קינסטלער בנימין הערצאָג.

כה) יוני 2 — חזן ראַבינסאָן: געזאַנג, פּיאַנאָ באַגלייטונג פון שענאָן געלסין.

כו) יוני 9 — אַ פאַרטראָג פון יעקב קאַץ, אַ גאַסט פון שיקאַגאָ, וועגן ש. אַנ־סקי, זיין לעבן און שאַפן. דער קינסטלער אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו פירט דורך אַ סצענע פון אַנסקיס „דיבוק" און רעצירט אַ מאָנאָלאָג פון שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער."

כז) יוני 16 — ווילי שאָר און אַלעקס ראָבין גיבן אָפּ אַ באַריכט פון זייער באַזוך אין ישראל, וווהין זיי זיינען געפאָרן צו דער דערעפענונג פון לייוויק־הויז אין תל־אביב.

כח) יוני 23 — אַ מוזיקאַלישער פּראָגראַם: א. בעלאָ, פידל, און שענאָן געלסין אויף דער פּיאַנאָ; רעציטאַציעס פון דר. אַברהם זיגלבוים.

* * *

נ. ב.: צום באַדויערן פעלט דאָ אויס די רשימה פון אייניקע שבת־אָוונטן. דאָס איז מחמת דעם, וואָס איך האָב דענסטמאָל פאַרפעלט צו קומען אין קלוב און איך האָב ניט קיין נאָטיצן מכוח זיי.

# לזכרון נצח

## מאָריס ווינאַרסקי ע"ה

דעם 5טן אויגוסט איז נפטר געוואָרן אונדזער ליבער חבר מאָריס ווינאַרסקי. ער איז אַלט געווען 76 יאָר.

דער נפטר איז געווען זייער חשוב און באַליבט און מיט טיפן געפיל פון צער זיינען זיינע פריינד געקומען אין די הונדערטערס צו זיין לוויה און מיט צעבראָכענע הערצער אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

אין משך פון כמעט פערציק יאָר איז מאָריס ווינאַרסקי געווען איינער פון די חשובסטע און אַקטיווסטע מיטגלידער פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב און אין משך פון אַ סך יאָרן איז ער אויך געווען דער קאַסירער פונעם קלוב און אַכטונג געגעבן אויף זיינע פינאַנצן.

שפּעטער, אין די לעצטע עטלעכע יאָר, איז ער געווען דער פאַרוואַלטער פונעם קלוב. אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז ער שוין געווען, ליידער, אָפּגעשוואַכט אין געזונט, אָבער און פון דעסטוועגן האָט ער זיינע פונקציעס דורכגעפירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט.

אין אונדזערע יערלעכע קאַמפּאַניעס פאַר די פינאַנצן פונעם קלוב איז ער געווען איינער פון די חברים וואָס האָבן אַלע מאָל געזאַמלט היפּשע סומעסביישטייערונגען און ער אַליין האָט אויך קיין מאָל ניט געקאַרגט מיט אַן אייגענער ביישטייערונג.

ער איז אויך געווען אַקטיוו אין אַנדערע יידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס — נאַציאָנאַל פאָנד, הסתדרות און אַנדערע. 26 יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געווען דער פּרעזידענט פון דער קאָראָסטשיווער לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי. אין משך פון אָט דער צייט זיינען אונטער זיין פירערשאַפט געזאַמלט געוואָרן צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן פאַר אַ מעדיצינישן קליניק אין ישראל.

ביי די שלושים, וואָס די לאַנדסלייט און פריינד האָבן דורכגעפירט פאַר דעם

אליהו טענענהאָלץ

# דערעפענונג פון 45טן זמן פון דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב *)

ליבע פריינד!

די ברכה פון אונדזער שלמה צוקערמאַן אַז איך זאָל דערלעבן צו זיין דאָ אַ לעבעדיקער, ווען אונדזער קלוב וועט פראַווען דעם 50־יאָריקן יום־טוב, נעם איך אָן, אָבער מיט אַ תנאי: אַז איר אַ ל ע זאָלט דעמאָלט זיין דאָ מיט מיר!

שלמה, איך דאַנק דיר פאַר די וואַרעמע עטלעכע ווערטער וואָס דו האָסט מיר דאָ נאָר־וואָס צוגעטראָגן.

דאַרף איך דען זאָגן אייך אַז ס'איז מיר גוט אויף דער נשמה צו שטיין דאָ היינט און קענען כאַפּן אַ קוק אויפן נעכטן? ...כ'מיין, דעם „נעכטן" פון צוריק מיט 44 יאָר!

איך בין דענסטמאָל געווען מיט דער גרויסער „מווינג פיקטשור פאַבריק"— מעטראָ גאָלדווין מייער; געהאַט מיט זיי אַ קאָנטראַקט אויף פינף יאָר צו שפּילן אין די „מוווים". די שכירות וואָס זיי האָבן מיר געצאָלט, האָט געוואַרעמט מיין קעשענע, נאָר די ס ב י ב ה דאָרט — האָט געפרוירן מיין האַרץ...

דאָ, אין דער מלאכים־שטאָט, בין איך געווען אַ גרינער, אין גאַנצן אַ 5־6 חדשים. געקענט האָב איך דאָ איינעם אַ תושב, מיינעם אַ חבר פון „פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב", לואי האַמבורגער; איך האָב אויך געוווסט אַז דאָ געפינען זיך צוויי מיטגלידער פון ניו־יאָרקער „שנאָרער־געזעלשאַפט": באָריס ווינער און חייקע גאַרפינקל; אויך איינעם אַ יידן וואָס איך האָב געקענט פון עטלעכע שטעט, ווי: קליוולאַנד, דעטראָיט, מילוואָקי און שיקאַגאָ, איך פלעג אים דאָרט באַגעגענען יעדן יאָר ווען איך בין אַרומגעפאָרן מיט שוואַרצס קונסט־טעאַטער, נאָכן סעזאָן אין ניו־יאָרק, צו שפּילן טעאַטער פאַר די יידן אין די שטעט און שטעטלעך פון אונדזער אַמעריקע און קאַנאַדע; דאָס איז געווען י. ל. מאַלאַמוט, אַן אָפטער גאַסט ביי מיר אין האָליוווד... איך האָב אים געבעטן צונויפברענגען אַ 10־15 יידן, יידישע יידן, וואָס זאָלן גאַרן אויפצובויען דאָ אַ ווינקעלע מיט יידישער סביבה! אַן אָפּרו־היים פאַרן יידישן מענטש וואָס זאָל הנאה האָבן פון אַ ליטעראַריש יידישן וואָרט, פון אַ יידיש פאָלקסליד, פון יידישן ניגון און יידישן יום־טוב; אַ ווינקעלע אָן אַ „פלאַט" און אָן אַ „פאָרמע", דאָס הייסט, אָן אַ „פלאַטפאָרמע"... מחמת אויף אַלע „פלאַטפאָרמעס" דענסטמאָל, האָט מען זיך

---

*) די דערעפענונג איז פאָרגעקומען שבת אָוונט, דעם 24טן אָקטאָבער, 1970. דעם אָוונט האָט דערעפנט שלמה צוקערמאַן, און ער האָט פאָרגעשטעלט אליהו טענענהאָלץ ווי דעם פאָרזיצער פון דעם אָוונט. דאָס ווייטערדיקע איז די דערעפענונגס־רעדע פון דעם פאָרזיצער.

---

נפטר, איז געזאַמלט געוואָר אַ סומע היפּש מער פון טויזנט דאָלער פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד צו פלאַנצןביימער אין זיין נאָמען אין מדינת ישראל. ער אַליין, מאָריס ווינאַרסקי האָט אין זיין צוואה אויך אָפּגעשריבן אַ ירושה פון עטלעכע טויזנט דאָלער פאַרן יידישן נאַציאָנאַל פאָנד.

מאָריס ווינאַרסקי ע"ה מיט זיין ליבער פרוי, שרה, איר צו לאַנגע יאָר, האָבן איין מאָל באַזוכט אונדזער יידישע ישראל מדינה. ער, מאָריס ווינאַרסקי, האָט געבענקט ווידער אַ מאָל צו זיין אין ישראל. און ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט פאַר דער נסיעה, האָט זיין דאָקטאר, וואָס האָט אים אונטערזוכט, אים פאַרבאָטן אָט די אָנגעגרייטע נסיעה.

אַלע מיטגלידער פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב דריקן אויס זייער טיפן צער און מיטגעפיל צו שרה, דער אלמנה פון אונדזער ליבן מאָריס ווינאַרסקי, און צו זייערע דריי זין: ד"ר ווין, דעני און מעלווין. זאָלן זיי געטרייסט ווערן בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

**שלמה צוקערמאַן**



געריסן די טשופּרינעס — רעכטס און לינקס... מען האָט קאַטעגאָריש געהרגעט מענטשן כדי צו ראַטעווען די מענטשהייט...

צווישן די צונויפגערופענע פאַרזאַמלטע דעמאָלט איז — אַ חוץ מיינע פריינד: לואי האַמבורגער, ווינער און חייקע גאַרפינקל — געווען, געדענק איך, דר. נייטן זאַלצמאַן, שערמאַן און זיין פרוי, י. פרידלאַנד (אונדזער ערשטער פּרעזידענט), אויך איינער אַ דר. גאַלפּערין מיט זיין פרוי און נאָך אַ 3־4 יידן, איך געדענק שוין נישט זייערע נעמען. איז ווי נאָר אָט דער דר. גאַלפּערין האָט אויסגעהערט מיין „ספּיטש", ווי איך האָב דערקלערט וואָס פאַר אַ סאָרט קלוב איך וויל גרינדן האָט ער זיך צעלאַכט און מיר געגעבן אַ שכלדיקע עצה: „טאָוואַרישטש"— ער האָט גערעדט רוסיש, ווי עס „דאַרף" ריידן אַ יידישער אינטעליגענט — טאָוואַרישטש, מיטן יידישן יאַזיק („יאַזיק" אין רוסיש האָט צוויי טייטשן: לשון און צונג...) פּאָניעמאַיעטע, מיטן יידישן יאַזיק איז גוט צו עסן קוגל, אָבער נישט זאַניעמאַיעצן זיך מיט סטיכאָ־טוואָרעניעס און איסקוסטוואָ... אַזאַ „קרוזשאָק" ווי איר ווילט גרינדן דאָ איז, מעזשדו פּראָטשים, אַן אַפּענדיקס וואָס מען דאַרף אויסשניידן, אַ יעווורעיסקי קלוב אין גאָליעוווד ניע בודיעט סוקסעס.."

נו, איצט זעט איר שוין, ליבע פריינד, אַז מיר איז אַ 44־פאַכיקע פרייד צו שטיין פאַר אייך דאָ היינט, אַן עלטערער ייד, אָבער נישט קיין „אַלטער" ייד... און ריידן צו אייך פון ד ע ם „קרוזשאָק" וועמען יענער דאָקטער האָט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן... וויל איך טאַקע זאָגן צו אייך, ליבע פריינד, בעמט עס ווי אַ מין צוואה מיינע: ביי אונדזער קלאַסיקער, יצחק לייבוש פּרץ, איז פאַראַנען אַ גוטער־ייד, וואָס האָט זיך איין מאָל פאַרעקשנט: ער וויל נישט מאַכן קיין הבדלה, כדי נישט אַריינצוברענגען דעם אין דער וואָכן, ער וויל — שבת זאָל זיין, שבת!

נו, איך בין נישט קיין „גוטער־ייד", איך בין אַ פּשוטער ייד, איינער אַ מיטגליד, גלייך מיט אייך מיטגלידער פון אונדזער קולטור־קלוב, אָבער איך וויל, אַז ווען מיר קומען אַהערצו, זאָלן מיר נישט קומען ווייל מיר מוזן קומען, נאָר ווייל מיר ו ו י ל ן דאָ קומען! לאָמיר זיך אויספּוצן אין אונדזערע שבת־יום־טובדיקע קליידער אוי ף אונדז און שבת־יום־טובדיקע געפילן אי ן אונדז; לאָמיר לאָזן דעם אין־דער־וואָכן אויף יענער זייט טיר און דאָ, אינעווייניק, אין אונדזער בית־מדרש, לאָמיר זיך מחיה זיין די פּאָר שעה, צוזאַמען אין יום־טוב — נישט דווקא איין מאָל אין יאָר צו דער דערעפענונג, נאָר תמיד, ו ו ע ן מיר קומען זיך דאָ צונויף!

דערביי וויל איך אייך זאָגן: איר זעט, קיין עין־הרע, אָט די מחנה שומרים, צי אויף מיין אַזיראַנער יידיש, אָט־די „ראָטע סאָלדאַטן" וואָס איר האָט אויסדערוויילט צו זיין די פאַרוואַלטערס פון קולטור־קלוב אינעם קומענדיקן 45טן יאָר — און איך האָף, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין „ י אַ ל ע וו ע " יאָר, נאָר אַ ש פ ע ד י ק יאָר! — מעגט איר וויסן אַז מיר האָבן די אַרבעט צעטיילט אין חלקים, אין די הענט פון קאָמיטעטן, ווו יעדער טייל איז אין קאָמפּעטענטע הענט, געשטאַרקט זאָלן זיי זיין!

דערווייל האָבן מיר דריי פּראָיעקטן אין דער אַרבעט צו פאַרווירקלעכן אונדזער אַלעמענס האָפן אויף צו קריגן אַ פּאַסיק פּלאַץ אויפצושטעלן אויף ס'ניי אונדזער בנין, אונדזער קולטור־היים און, זייט זיכער, אַז ווי נאָר ס'וועט עפּעס ווערן ממשותדיק, וועלן מיר אייך די בשורה טובה באַלד לאָזן הערן.

נו, איך בין זיך מודה פאַר אייך, אַז איך האָב בדעה געהאַט נישט אַריינצוברענגען היינט קיין טרויערדיקע נאָטע; איך בין איבערהויפּט אַ וויסטער קאַליקע אין דער עובדה פון מזכיר נשמות... אָבער פון אונדזער גרויסער אבידה אינעם פאַרלאָפענעם יאָר וויל איך דערמאָנען דריי פון אונדזערע חברים וואָס זיינען אַוועק אין דער אייביקייט:

מאָריס זילבערט, מאָריס פאַרבער, און מאָריס וויניאַרסקי.

זיי פעלן אונדז און וועלן אונדז אויספעלן, אפילו אינעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן האָט וויניאַרסקי, אַלס טרעזשורער פון קלוב, ממש געטאָן דעם ממשותדיקן טייל אַרבעט אין קלוב.

ליבע, שטילע, שרה וויניאַרסקי, מיר

דזערע מעשים דאַרפֿן זײַן גרעסער ווי די טוער אַליין. לאָמיר זיך אָפּלערנען פֿון פּרצעס רייד, ווען ער האָט גערעדט וועגן די קליינע פֿלעמעלעך פֿון די קליינטשינקע חנוכּה־ליכטעלעך, וואָס סימבאָליזירן אַ העלדישע תּקופֿה אין אונדזער רייכער יידישער געשיכטע. יידישקייט, האָט ער געזאָגט, איז אַזוי ווי אַ גומעלאַסט: ס׳קען זיך אויסציען גאָר ברייט ווי די גאַנצע וועלט, און בשעת הדחק קען דאָס איינגעצויגן ווערן.

יידישקייט קען לייכטן דורך מנורות, הענגלייכטערס, גאַנצע זונען, מיט אַ גרויסער ליכט וואָס קען ממש פֿאַרבלענדן די אויגן און וואַרעמען מיט אַ העלער ליכטיקער וואַרעמקייט. אָבער ווען מ׳באַדאַרף, ווען ס׳איז נייטיק, קען יידישקייט אויפֿגעהאַלטן ווערן דורך אַ דינעם פֿלעמעלע, אַ קליינעם חנוכּה־ליכטל, און דער קליינער זשאַר — אַ פֿינטעלע ליכט — קען לייכטן און וואַרעמען און געבן גלויבן און ביטחון אויף בעסערע צייטן.

לאָמיר דאָס אָנווענדן אויף אונדז.

אין דעם גייסט באַגריס איך אייך, ווינטש אייך אַ גוטן יאָר און זאָלן אונדזערע באַמיאונגען מצליח זיין.

## FINANCIAL STATEMENT OF THE L. A. YIDDISH CULTURE CLUB

**From August 1, 1969, to July 31, 1970**

By SAMUEL LEVIN, Financial Secretary

### INCOME

| | |
|---|---|
| Balance from last year | $ 679.83 |
| Dues | 2,239.00 |
| Rent | 1,000.00 |
| Admission at door | 961.30 |
| New Years Dinner | 126.53 |
| Miscellaneous | 128.61 |
| Received from 1968 Fund Raising | 2,083.56 |
| Received from 1969 Fund Raising | 1,889.81 |
| **Total Income** | **$9,108.64** |

### DISBURSEMENTS

| | | | |
|---|---|---|---|
| Wages | $1,545.77 | Property Tax | 48.26 |
| Talents | 1,090.00 | State Compensation Ins. | 50.00 |
| Stamps and Printing | 852.36 | Liability Insurance (3 years) | 686.00 |
| Unilities | 462.18 | County Property Tax | 1,500.70 |
| Donations & Subscriptions | 192.50 | Book Binding | 110.00 |
| Internal Revenue and Dept. of Employment | 476.57 | Gardener | 750.00 |
| Journal "HESHBON" | 600.00 | Micellaneous | 266.43 |

| | |
|---|---|
| **Total** | **$8,630.70** |
| Balance at July 31, — Check No. 938 | 477.87 |
| **GRAND TOTAL** | **$9,108.64** |